ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# צאינה וראינה
# במדבר

אידיש

**723**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# במדבר

(סיני) שלמה המלך זאגט אין משלי (פלס ומאזני משפט ליי מעשהו כל אבני כיס) גאט האט ביי זיין משפט אלערלייא געוויכט פון גרוס ביז קליין כלומר ער טוט אטליכען רעכט משפטן גלייך ווי איינער וועגט רעכט זיין סחורה אזו וועגט גאט אטליכעם עבירות ווען זיי פיל באצאלט ער אים איין גרוסען עונש ווען זייא ווייניג באצאלט ער אים איין קליינעם עונש אונ די מעשים פון גאט זענען פאר בארגען אונ קיין מענש פאר שטייט זיי ניט אזו ווי אין פסוק שטייט (משפטיך תהום רבה) דיינע משפטים זענען פאר בארגען אזו וויא דער תהום וואס מען ווייסט ניט וואס אין אים איז אונ אזו ווי מיר געפינען דאס דם בהמ"ק איז חרוב געווארן דעם ניינטן טאג אין חודש אונ גאט האט צו יחזקאל געוויזן אז עס וועט חרוב ווערן דעם צעהנטען טאג אין חודש אונ[illegible]ט ניט געוואלט אנפלעקן ווען עס וועט חרוב ווערען אבער אז גאט האט געוואלט מאכען רואן זיין שכינה אויף ישראל האט ער געזאגט אין וועלכן ארט אונ אין וועלכן יאר אונ אין וועלכען טאג אין חודש אונ זאגט (במדבר סיני באוהל מועד. באחד לחודש השני בשנה השנית לצאתם מארץ מצרים) אין דער מדבר אין דעם אוהל מועד איין טאג אין חודש אייר אין דעם אנדערן יאר וואס ישראל זענן ארוס געגאנגן פון מצרים דער מדרש זאגט מיט דרייא ערליי איז די תורה וואָרן געגעבן צו ישראל מיט פייער דען עס איז געוועזן גרוסע בליצן בשעת מתן תורה אונ מיט וואסר דען עס איז געוועזן גרוסע רעגען אונ אין דער מדבר אונ דרום איז די תורה וואָרן געגעבען מיט די דריי זאכן צו ווייזען אזו וויא פייער אונ וואסער אונ מדבר איז וואָרן געגעבען אום זיסט אזו איז די תורה וואָרן געגעבען אום
זיסט

## אוהל יעקב

(וידבר יי אל משה במדבר סיני) גאט האט גערייד צו משה אין דר מדבר סיני. דר מדרש זאגט גאט האט געזאגט צו די יודן נאך וואס האט איר געזאגט צו משה וואס מאכט איר אונז אויף געבראכט פון מצרים מיר זאלין שטארבן אין דר מדבר פרעגט גאט דיא יודן האב איך דען מיך נוהג געווען מיט אייך אזו ווי אין דר מדבר, דר שטייגר איז אז איינער גייט אין דר מדבר האט ער קיין רוה אונ האט קיין עסן אונ קיין טרינקן אונ איר זענט געוועזן קנעכט אין מצרים אונ איך האב אייך אויס געצויגן פון דארט אונ איך האב אייך גישטעלט משה אונ אהרן אונ מרים דורך דם זכות פון אהרן האב איך אייך ארום גערינגלט מיט ענני כבוד פון אלע פיר זייטן אונ איין ענן איז געגאנגן פאר אייך אונ האט געהרגית די שלאנגן מיט די עגדיסן אונ דורך דם זכות פון מרים האב איך אייך געגעבן אברונע מיט וואסר וואס איז מיט אייך געגאנגן נאר האב איך דען מיך נוהג געווען מיט אייך אזו ווי אין אמדבר. אצונד וועלין מיר געבן צו פר שטיין דם גאנצע ענין מיט אמשל מתחלה איז געקומן צו ארופא אין דר צייט פון ווינטר ער זאל אים היילין אונ דר חולה שטייט נעביך פר דם רופא מיט גרוסע יסורים אונ שרעקט זיך פר דר קרענק אונ בעט דם רופא ער זאל אים היילין אונ דר רופא ווייסט זיך אז אים איז גוט אצונד דיא צייט צו היילין דיא קראנקהייט פרעגט ער זיך וואס זאל איך טאן מיט דם חולה איך זאל אים זאגין ער זאל ווארטין ביז עס וועט קומן זומער וועל איך אים דענסמאל היילין טאמער וועט ער פר מורא אונ מחמת גרוסע דאגות פון דר קראנקהייט שטארבין נאר דר רופא איז אבער געווען אחכם האט ער געזאגט צו דם חולה איך וועל דיך היילין נאר בתנאי זאלסט אויף דיר מקבל זיין וואס איך וועל דיר טאן אונ זאלסט געמין דיא ביטערי מעדיצינן וואס איך וועל דיר געבין וועסטו געהיילט ווערין זאגט דר חולה איך וועל דיך בוודאי פאלגין אונ דר רופא האט זיך געמאכט גלייך ווי ער מאכט אים אלץ אין דר פריא מעדיצין אונ דר חולה נעביך האט געמיינט אז עס איז טאקע מעדיצין האט זיך אים אום געוויזן אז עס איז ביטר אונ האט זיך געשטארקט אונ האט מיט געוואלט איין גענומן אלע אין דר פריא דיא מעדיצין ווארום ער האט געמיינט אז עס איז טאקע מעדיצין אבר אין אמת איז עס געווען אין גאנצין שקר ער האט אים ניט געגעבין קיין מעדיצין נאר ער האט אים געגעבין וואסר אונ האט דם וואסר פר פארבט עס זאל האבין איין אנדערי מראה אונ האט אים געזאגט עפין דם מול אונ טרינק אונ דר חולה מחמת שרעק האט זיך אים אוס געוויזן אז עס איז ביטער דר רופא האט אזו געטאן עטליכע וואכין אונ נאך דם האט ער אים געזאגט נייא אחיים די האסט שון ארפואה אויף דיין קרענק אז עס איז געקומן זומר האט דר רופא געשיקט נאך דם חולה ער זאל גיך קומן צו אים איז ער געקומן צום רופא זאגט דר רופא צו אים זאלסט וויסן מיין קינד אז דו ביסט נאך אמסוכנר חולה אונ דארפסט געמין
רפואות

זיסט איטליכר מעג זי לערנען אונ אזו וויא די מדבר איז פריי איטליכער מעג גיין אין איר אזו אוך זאל זיך דער מענש פריי מאכן פון גאות אונ זיך נידריג האלטן ווען ער וויל תורה לערנען (במדבר סיני באהל מועד) צום ערשטען האט די שכינה גערואט אויף דעם בארג סיני אונ דער נאך אין דם אהל מועד אונ אזו ווי אז די שכינה הט גערואט אויף דעם בארג סיני הט קיינר דעם בארג ניט געטארט אן רירן אזו אוך אז די שכינה הט גערואט אין משכן הט גאט געשטעלט די לוים ארום דעם משכן צו היטן דס קיין ישראל זאל אין אים ניט אן רירען אונ אזו ווי עס איז געקומן צוויי אונ צוואנציג טויזנד מלאכים מיט גאט אויף דעם בארג סיני אזו אוך איז געוועזן צווייא אונ צוואנציג טויזענד לוים ארום דעם משכן אונ פריער הט זיך גאט באוויזען אויף אדארן אין מדין אונ אין מצרים אונ אויף דעם בארג סיני האט זיך גאט באוויזן אלץ אויף דעם בארג דר נאך האט גאט געזאגט עס איז ניט רעכט איך זאל מיך בעווייזן אן צנועות דרום הט ער זיי געהייסן מאכן אמשכן רש"י שרייבט ווייל גאט הט זייער ליב צו ישראל דרום האט ער זיי געציילט אלע צייט. אז זיי זענן ארום געגאנגען פון מצרים האט ער זיי געציילט אונ אז עס איז פון זיי ווארן דר שלאגן איבר דער עבירה פון דעם עגל הט ער זיי ווידר געציילט אונ דא אז ער הט געמאכט רואן זיין שכינה צווישען זיי האט ער זיי ווידער געציילט. דער תולדות יצחק שרייבט דאס ציילן הט געוויזן אויף דריי ערליי ליבשאפט דען עס איז געווים דאס אזון האט ליב זיין פאטער אונ אמאן זיין ווייב וואס דאס איז די טבע פון דעם מענש ער זאל ליב האבן זיין פאטר אונ זיין ווייב אונ קינדר אונ דם אנדערע איז אמלך האט ליב זיין פאלק צו לאזען משפטן זיי רעכט אונ צו באהיטן זיי פון מלחמה אונ דאס דריטע איז דם פאלק האבן ליב דעם מלך אונ האלטן אים ערליך אונ דינען אים געטריי אונ אויף דיא דרייא ליבשאפט האט דאס ציילען געוויזען, דאס ערשטע אז זייא זענען ארום געגאנגען פון מצרים האט ער זיי געציילט אונ האט זייא גערופען בני בכורי ישראל דאס ער האט זיי ליב אזו ווי אפאטער אזון, דאס אנדערע ליבשאפט איז אזו ווי אמענש הט ליב זיין חבר אז ער איז פרום אזו אוך אז ישראל זענען ווארן דער שלאגען ביי דעם עגל אונ האבן תשובה געטואן דען משה אונ שבט לוי האבן נור דער שלאגען דיא וואס האבן געדינט צום עגל אונ ישראל זענען געוועזן זעקס הונדערט טויזענד אונ קיינער הט קיין האנד ניט אויף געהויבען אקעגען משה אזו

מוז

אוהל יעקב

רפואות ווארום ביז אצונד האב איך דיך אפ גענארט איך האב דיר גאר ניט געגעבין קיין מעדיצין זאגט דר חולה צו אים די עטליכע וואכין וואס דו האסט מיר געגעבין צו טרינקין איז דאך גיוועזן ביטער זאגט ער צו דם חולה עס איז ליגענט איך האב דיר ניט געגעבין קיין שום מעדיצין נאר וואסר נאר מחמת דר שרעק הט זיך דיר אום געוויזן אז עס איז ביטר אבר אצונד אין זומר איז די צייט פון צו נעמין רפואות וועל איך דיר געבין אמתע מעדיצין וועסט דו זעהן דם ביטערקייט פון די מעדיצין וועסט דו שון פר שטיין דם חילוק פון דר יעצטיקע מעדיצין צו דר פריריגע. דר נמשל איז ווייל די יודן האבין געמיינט אז זיי זענין אום געלייזט געווארין פון מצרים זענין זיי אום געלייזט געווארין אויף אייביג זיי וועלין שון קיין מאל ניט פר טריבן ווערין אין גלות דם האבין זיי געמיינט אז דורך די יסורים וואס זיי האבין אין דר מדבר וועלין זיי ירשענען ארץ ישראל אויף אייביג דרום האבין זיי געבייד אויף דר מדבר אונ האבין געזאגט צו משה וואס האסטו אונז אויף געבראכט פון מצרים צו שטארבין אין דר מדבר ווייל עס הט זיך זיי אום געוויזן זיי ליידין גרויסע יסורים זיי האבין ניט קיין ברויט אונ מיזען עסין מן הט זיך זיי אום געוויזן אז עס איז גרויסע יסורים וואס זיי ליידין אז זיי וועלין ירשענען ארץ ישראל אויף אייביג נאך דם אז דיא יודן זענין געקומן קיין ארץ ישראל אונ זענין נאך דם פון דארט פר טריבן געווארין האבין זיי געמיינט זיי וועלין שון קיין תקנה ניט האבין אום געלייזט צו ווערין הט זיי גאט געזאגט האב איך דען מיט אייך מיך נוהג גיוועזן אזו ווי אין אמדבר וואס מען דארף ליידין הונגער אונ דארשט אונ איר הט געהאט דורך דם זכות פון משה אונ אהרן אונ מרים דם מן אונ די ענני הכבוד אונ די ברונע מיט וואסר אונ אייך הט זיך אום געוויזן איר ליידט יסורים עס איז ניט אזו נאר לעתיד אז איר וועט דארפין באמת זוכה זיין אין דר ירושת פון ארץ ישראל אויף אייביג וועט איר פריער טאקע מיזן ליידין הונגר אונ דארשט אבר פריער הט זיך אייך נאר אום געוויזן אז איר ליידט יסורים אבר אין אמת הט איר ניט געליטן קיין יסורים פונקט ווי דר רופא הט געזאגט צו דם חולה:

מוז זיין דאס זיי האבן תשובה געטואן דרום האט זיי גאט ליב געהאט אונ זיי געהייסען ציילען, דאס דריטע ליבשאפט איז געוועזן דאס ער האט געוואלט מאכען רואן זיין שכינה איבער זיי אונ ישראל זאלן זיין זיין פאלק דרום הט ער זיי געציילט. דר תולדות יצחק שרייבט דאס ליבשאפט דורך דעם וואס מען ציילט זיי דא דורך משה ואהרן איטליכן בעזונדר דורך דעם וועט גאט זיי אויך דער מאנן איטליכן בעזונדר צו אלעם גוטען אונ מען האט ניט געציילט ביי דיא קעפ דאס מען זאל זייא לאזען דורך גיין דורך משה ואהרן אונ זייא זאלען ציילן מיט דער האנד דען עס וואלט חס ושלום געקומן דורך דעם אמארד אויף ישראל אונ אויך ניט דורך אהאלבען שקל וואס איטליכער הט געגעבען דען דורך דעם וואלט זייערע געמען ניט דער מאנט געווארן נור איטליכר ישראל האט אן געשריבען זיין נאמען אויף אקוויטל אונ האבן די קוויטליך געגעבן צו משה ואהרן אונ צו די נשיאים אונ מען הט געציילט די קוויטליך אויך דרום האט זייא גאט געהייסען ציילען כדי זייא זאלן זיין אן געברייט צו גיין אין דער מלחמה קיין ארץ ישראל אויך דרום האט זייא גאט געהייסען ציילן ווייל די אומות האבן געזאגט ישראל זענען צום מיינסטן ממזרים דען די מצרים האבן געוועלטיגט איבר זייערע ווייבר דרום הט זיי גאט געהייסן ציילן כדי זיי זאלן זיך מיחס זיין צו ווייזן דאס זיי זענן ניט ממזרים דער רמב"ן אונ דער בחיי שרייבן גאט הט געזאגט (שאו את ראש בני ישראל) דאס הט צווייא טייטשן עס איז טייטש דר הויבט אונ מאכט חשוב די קעפ פון ישראל ווען זיי וועלן פרום זיין אונ עס איז טייטש נעמט אראפ דיא קעפ פון ישראל ווען זייא וועלן ניט פרום זיין (מבן עשרים שנה ומעלה כל יוצא צבא) איר זאלט ציילן דעם וואס עלטר פון צוואנציג יאר וואס ער קאן גיין אין דער מלחמה דען ווייניגר פון צוואנציג יאר גייט ניט אין קיין מלחמה (כל יוצא צבא) מען זאל נור ציילן די וואס זענן ראוי צו גיין אין דער מלחמה אונ ניט דם ערב רב וואס האבן זיך מגייר געוועזן אין מצרים אונ ניט קיין אלטע אונ קראנקע (תפקדו אותם) דער בחיי שרייבט דרום זאגט דר פסוק (תפקדו) ניט (תספרו) וואס דאס איז אויך טייטש ציילן ווייל מען הט ניט געציילט ביי די קעפ עס זאל אין זייא ניט זיין קיין מארד נור איטליכער הט געגעבן אהאלבן שקל אונ דורך דעם הט מען געוואוסט די צאל דרום שטייט תפקדו דאס האט צוויי טייטשן תפקדו איר וועט ווערן דער מאנט פאר גאט דורך דעם וואס איר וועט געבן אהאלבן

של"ה הקדוש

(שאו את ראש כל עדת בני ישראל) גאט ב"ה הט געהייסן ציילען דיא ישראל כדי עס זאל אויף זיי נאך דם דיא שכינה קענען רוען דר פון זאל מען ארום נעמען אז יעדער מענש זאל אזו טאן ער זאל זיך חשוב האלטען אז ער איז אגעציילטע זאך אונ אן אים הענגט פיל אפ אונ אידר זאל ער זיך רעכנען אז אלץ וועגד זיך אין זיינע פעולות וואס ער טוט אויף דר וועלט אזו ווי אונזערע חכמים זאגען דר מענש זאל טראכטען אז דיא וועלט איז העלפט חייב אונ העלפט זכאי נמצא אז ער טוט איין עבירה וועגד ער אפ דיא גאנצע וועלט צו שלעכטס אונ אז ער טוט אמצוה וועגט ער אפ זיך אונ דיא גאנצע וועלט צו גוטס אזו זאל דר מענש שטענדיג טראכטען אז ער איז אגעציילטע זאך אויף דער וועלט אונ אן אים הענגט פיל אפ:

ליקוטי יקרים

(במספר שמות) מיט דר צאל פון דיא אותיות פון זייערע נעמען ווארען דר נאמען איז דר שורש (כל זכר לגולגלותם) ווארען אז זיי וועלען ניט פאר רעכטין זייערע מעשים וועלען זיי מיזען מגולגל ווערען עטליכע מאל איבער דם איז דם בעסטע זיי זאלען טאן גוטע מעשים צום ערשטן מאל זאלען ניט דארפען מגולגל ווערען (וידבר ה' אל משה ואל אהרן לאמר) האט גאט גערייד צו משה אונ צו אהרן אונ הט צו זיי אזו געזאגט איטליכער מאן פון אייך זאל רוען בייא זיין פאן מיט דיא צייכינס פון זייערע עלטערין ארום דם אהל מועד זאלען זיי רוען אין מזרח זייט פון דם אהל מועד זאל רוען דיא פאן פון שבט יהודה אונ ביי זיי שבט יששכר אונ ביי זיי שבט זבולון זיי זאלען ציהען צום ערשטען, אונ אין דרום זייט פון דם אהל מועד זאל רוען דיא פאן פון ראובן

אַהַאלְבֶּן שֶׁקֶל אוּנ אוּךְ אִיז טַייטְשׁ תִּפָּקְדוּ
צֵיילֶען דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען וִויסֶען אַייֶער
צָאל דֶער בַּעַל הַטּוּרִים פְּרֶעגְט וָוארוּם
שְׁטֵייט אִין דֶער פַּרְשָׁה אַהֲרֹן אוּךְ דֶער
מַאנְט בַּיי דֶר צָאל אוּנ אִין פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא
שְׁטֵייט נִיט דֶער מַאנְט אַהֲרֹן בַּיי דֶר צָאל
דֶער תֵּירוּץ אִיז דִי צָאל פוּן פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא
אִיז גֶעוֶועזְן נָאךְ דֶעם עֵגֶל אוּנ דְרוּם אִיז אַהֲרֹן
נִיט דֶער מַאנְט בַּיי דֶער צָאל וַוייל עֶר הָט
גֶעמַאכְט דָאס עֵגֶל (לִבְנֵי יוֹסֵף לִבְנֵי אֶפְרַיִם)
דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דְרוּם רֶעכֶנְט דֶר פָּסוּק
יוֹסֵף פַאר אַנְדֶערֶע שְׁבָטִים וָואס וֶוען פִיל
עֶלְטֶר פוּן אִים וַוייל זַיין מוּטֶער אִיז גֶעוֶועזְן
אַרְעכְט וַוייבּ צוּ יַעֲקֹב נָאךְ לֵאָה אוּנ דֶער
פָּסוּק רֶעכֶנְט אֶפְרַיִם פָאר מְנַשֶּׁה חָאטְשֶׁע
מְנַשֶּׁה אִיז עֶלְטֶער גֶעוֶועזְן דָאס אִיז וַוייל
יַעֲקֹב הָט אֶפְרַיִם מֶער חָשׁוּב גֶעמַאכְט פַר
מְנַשֶּׁה אוּנ דֶער רמב"ן פְרֶעגְט וַוארוּם הָט
דָוִד גֶעצֵיילְט יִשְׂרָאֵל בַּייא דִי קֶעפּ אוּנ עֶס
אִיז דוּרְךְ דֶעם פִיל גֶעפַאלֶן פוּן יִשְׂרָאֵל הָט
דֶען דָוִד נִיט גֶעוואוּסְט דֶעם פָּסוּק (וְלֹא
יִהְיֶה בָּהֶם נֶגֶף בִּפְקוֹד אוֹתָם) דָאס נָאט הָט
גֶעהֵייסֶען אַהַאלְבֶּען שֶׁקֶל נֶעמֶען צוּ צֵיילֶען
יִשְׂרָאֵל זַייא זָאלֶן נִיט שְׁטַארְבֶּען פוּן וֶועגֶען
דֶעם צֵיילֶען דֶער תֵּירוּץ אִיז דָוִד הָאט אוּךְ
יִשְׂרָאֵל מִיט אַמַּטְבֵּעַ גֶעצֵיילְט נוּר דְרוּם
זֶענֶען זֵיי גֶעשְׁטָארְבֶּן וַוייל עֶר הָאט זֵיי נִיט
גֶעצֵיילְט פוּן מִלְחָמָה וֶועגֶען נוּר עֶר וָאל
וִויסֶן וִוי פִיל יִשְׂרָאֵל עֶר הָאט אוּנְטֶער זִיךְ
צוּ וִויסֶען וִוי אַגְרוֹסֶער שְׂרָרָה עֶר אִיז נָאךְ
אַתֵּירוּץ עֶנְטְפֶערְט דֶער רמב"ן דְרוּם זֶענֶען
זֵיי גֶעשְׁטָארְבֶּן וַוייל דָוִד הָאט זֵיי גֶעצֵיילְט
פוּן דְרַייצֶעהְן יָאר אָן אוּנ אִין דֶער תּוֹרָה
שְׁטֵייט מֶען זָאל צֵיילֶען פוּן צְוַואנְצִיג יָאר
אוּנ דָוִד הָאט זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶועזְן דְרִינֶען וַוייל
אִין דֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט נִיט אַרוֹם מֶען זָאל
דַוְקָא צֵיילֶן פוּן צְוַואנְצִיג יָאר אוּנ וֵוייניגֶער
נִיט (וְאֵת כָּל הָעֵדָה הִקְהִילוּ בְּאֶחָד לַחוֹדֶשׁ
הַשֵּׁנִי) דֶער פָּסוּק וַוייזְט דָאס משֶׁה הָאט
גֶעאַיילְט צוּ טוּאֶן גָאטְס גֶעבָּאט אוּנ הָאט
כָּל יִשְׂרָאֵל אַיין גֶעזַאמֶעלְט אִין דֶעם טָאג
וָואס גָאט הָאט אִים גֶעהֵייסֶען צֵיילֶען נָאר
יִשְׂרָאֵל זֶענֶען גֶעוֶועזְן זֵייעֶר פִיל עֶר הָאט זֵיי
נִיט גֶעקָאנְט אוֹם צֵיילֶען אַלֶע אִין אֵיין טָאג
דְרוּם זָאגְט דֶער פָּסוּק (וַיִּפְקְדֵם בְּמִדְבַּר
סִינָי) עֶר הָט זֵיי גֶעצֵיילְט אִין דֶער מִדְבַּר
סִינַי אִין דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג אַזוֹ שְׁרַייבְּט
דֶער רמב"ן אוּנ דֶער בְּחַיֵי (וַיִּתְיַלְדוּ עַל
מִשְׁפְּחוֹתָם) זֵייא הָאבֶּען גֶעבְּרַאכְט זֵייעֶרֶע
יוּחָס בְּרִיף אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אוֹם גֶערֶעכֶנְט
פוּן וָואס פַאר אַמִּשְׁפָּחָה אִיטְלִיכֶר אִיז אַזוֹ
שְׁרַייבְּט רש"י אוּנ דֶער רמב"ן פְרֶעגְט וִויא
גֶעשִׁיקְט

ליקוטי יקרים

אוּנ בַּיי זֵיי שֵׁבֶט שִׁמְעוֹן אוּנ בַּיי זֵיי שֵׁבֶט גָּד זֵיי
זָאלֶען צִיהֶען צוּם אַנְדֶערִין דֶער נָאךְ זָאל צִיהֶען
דָם אֹהֶל מוֹעֵד דִיא מַחֲנֶה פוּן לְוִיִּם צְווִישֶׁען דִיא
מַחֲנוֹת אַזוֹ וִוי זֵיי הָאבֶּען גֶערוּהְט אַזוֹ זָאלֶען זֵיי
צִיהֶען אִיטְלִיכֶער אוּף זַיין אָרְט בַּיי זַיין פָּאן. דֶער
חַשֶׁב הָאֵפוֹד שְׁרַייבְּט דֶר פָּסוּק אִיז אַרֶמֶז חָאטְשֶׁע
מִיר הָאבֶּען אַצוּנְד נִיט בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים קֵיין אֹהֶל
מוֹעֵד דָם אִיז דָם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ דֶער צוּ פָּארְט אַז
מִיר הָאבֶּן אַחְדוּת אוּנ אוּנְזֶער פַר זַאמְלוּנְג אִיז לְשֵׁם
שָׁמַיִם וֶוען מִיר פַר זַאמְלֶען זִיךְ אִין אֵיינֶעם צוּם
דַאוִוינֶען אוּנ מִיר קְרִיגֶען זִיךְ נִיט אִיבֶּר כָּבוֹד פוּן
שְׁלִישִׁי אָדֶר שִׁשִּׁי אוּנ אַז מִיר פַר זַאמְלֶען זִיךְ צוּם
לֶערְנֶען קְרִיגֶען מִיר זִיךְ נִיט אוּנ מִיר לֶערְנֶען נִיט
פוּן דֶעסְט וֶועגֶען מִיר זָאלֶען וַוייזֶען אוּנְזֶער חֲרִיפוּ'ת
אוּנ מִיר דֶר צֶערִיגֶען קֵיינֶעם נִיט מִיט דֶם לֶערְנֶען
אִיז אִין שׁוּל אָדֶר אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ דָא דֶר כֹּחַ פוּן
דֶם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּנ דֶם וֶוערְט אָן גֶערוּפֶן מִקְדָּ"שׁ
מְעַט אוּנ מִיר קֶענֶען מִיט דֶם דַאוִוינֶען אוּנ מִיט
דֶם לֶערְנֶען פוֹעֵל זַיין פִיל טוֹבוֹת צוּ דִיא יִשְׂרָאֵל
אוּנ מֶען קֶען מַשְׁפִּיעַ זַיין אַלְדִים גוּטְס אוּנ דָאס
זָאגְט דֶער פָּסוּק חָאטְשֶׁע (וְנָסַע אֹהֶל מוֹעֵד) דֶם
בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָט אַוֶועק גֶעצוֹיגֶען פוּן אוּנְז כְּלוֹמַר
עֶס אִיז חָרוּב גֶעוָוארֶען דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע זִינְד דֶר צוּ
פָּארְט אִיז אוּנְז אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּען (מַחֲנֶה הַלְוִיִּם
בְּתוֹךְ הַמַּחֲנוֹת) דִיא מַחֲנֶה פוּן דִיא מֶענְשֶׁען וָוס
הָאבֶּן זִיךְ בַּאהֶעפְט אוּנ הָאבֶּן אַחְדוּת צְווִישֶׁן דִי
מַחֲנוֹת וָוס זֶענֶען אִין שׁוּל אָדֶר אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ
אוּנ קֶענֶען פוֹעֵל זַיין מִיט דֶם דַאוִוינֶען אוּנ מִיט
דֶם לֶערְנֶען (כַּאֲשֶׁר יַחֲנוּ) אַז זֵיי וֶועלֶען אַזוֹ רוּעֶן
אִין אֵיינֶעם (כֵּן יִסָּעוּ) וֶועלֶען פוּן אוּנְז דִיא זִיבְּצִיג
אוּמוֹת וָוס הָאבֶּן אִין דֶר צָאל פוּן כֵּן אַוֶועק צִיהֶען
אוּנ מִיר וֶועלֶען דֶער לַייזְט וֶוערֶען פוּן דֶעם גָּלוּת
אוּנ וֶועלֶען אוּנְז לָאזֶען דִינֶען צוּ גָאט מִיט גְרוֹס
חֵשֶׁק אוּנ מִיט לִיבְּשַׁאפְט:

געשיקט זיך דאס איטליכער זאל דארפן ברענגען איזהם בריף פון וועלכן שבט ער איז עס איז אגרוסע טרחא דרום זאגט דער רמב"ן איטליכר האט געבראכט אהאלבן שקל צו משה אונ האט אים געזאגט פון וואס פאר אשבט ער איז אונ משה האט געלייגט דיא שקלים פון איטליכען שבט בעזונדר דורך דעם האט ער געוואוסט אין איטליכן שבט ווי פיל מענשן עס איז דר בחיי אונ דער רמב"ן שרייבט ויתילדו איז טייטש זייא האבען געוויזען אין וואס פאר אטאג איטליכער איז געבורען געווארן כדי מען זאל וויסען אוב ער איז אלט צוואנציג יאהר (אך את מטה לוי לא תפקוד בתוך בני ישראל) דעם שבט לוי זאלסטו ניט ציילן צווישן די קינדער ישראל ווייל זייא זענען חשוב דרום זאל מען זייא בעזונדער ציילן דען זייא זענן די דינער פון גאט נאך אפשט איז ווייל דיא אלע וואס מען האט געציילט פון צוואנציג יאר זענען אלע אום געשטארבן אין דער מדבר איבר דעם עגל אונ שבט לוי האבען זיך ניט טועה געווען אין עגל אונ זענען געבליבן לעבן דרום הט מען זיי געציילט צווישען ישראל אונ מען הט זיי געציילט פון אחודש ווייל דיא לוים זענן היילינ ווי באלד זיי ווערן אלט אחודש דאס ער איז שון ניט קיין נפל דיא גמרא זאגט דער שבט לוי איז געווינט צו געציילט ווערן פון זיין געבורן דען יוכבד איז וואורן געבורן צווישן די מורן אז יעקב איז געקומן קיין מצרים אונ דער פסוק ציילט זי צווישן אלע קינדער פון יעקב דאס מיט איר איז געווען זיבציג אונ משה הט געזאגט זאל איך דען גיין צו איטליכען אין געצעלט צו זעהן ווי פיל קינדער אין איטליכן בעט איז הט גאט אים געענטפערט טוא דוא דאס דייניגע אונ איך וועל טואן דאס מיינגע אונ ווי משה איז געקומן צו איטליכן געצעלט איז ארום אבת קול אונ הט געזאגט ווי פיל קינדער אין דעם געצעלט איז דא אונ משה האט עס פאר שריבען דאס זאגט דער פסוק (ויפקוד אותם משה על פי יי) משה האט זיי געציילט דורך דעם מויל פון גאט דאס גאט הט אים געזאגט וויא פיל קינדער עס איז אין איטליכן געצעלט אונ די לוים האבן געטראגען דאס משכן אז מען איז געגאנגען אונ אז מען הט גערואט האבן די לוים אויף געשטעלט דאס משכן אונ האבען גערואט ארום דעם משכן (איש על דגלו באותות) רש"י שרייבט איטליכם שבט הט געהאט אפאן מיט זיידען טוך אונ דיא פארב פון זיין אבן טוב וואס אין חושן איז געווען וום זיין נאמן איז דרויף געשטאנען נאך אפשט איז (באותות) מיט דיא צייכען וואס יעקב הט זיי געמאכט זיי זאלען אים טראגען פון מצרים קיין ארץ ישראל צו בעגראבן אים הט ער זיי געבאטן יהודה אונ יששכר אונ זבולן זאלן אים טראגען פון מזרח זייט אונ ראובן אונ שמעון אונ גד פון מערב זייט אונ אזו הט ער געבאטן איטליכן אויף זיין ארט אזו האבן זיי גערואט ביי דעם משכן דער חזקוני שרייבט אונ אויך דער צרור המור דאס אין די פאנן זענען געווען די נעמען פון דיא אבות אין דער פאן פון ראובן איז געשטאנן די (אלף) פון אברהם אונ די יוד פון יצחק אונ נאך איוד פון יעקב אונ אויף דער אנדערער פאן איז געשטאנן אנדערע דריי אותיות די (בית) פון אברהם אונ די (צדיק) פון יצחק אונ דיא (עין) פון יעקב אונ אויף דער דריטער פאן איז געשטאנען די (ריש) פון אברהם אונ דיא (חית) פון יצחק אונ דיא (קוף) פון יעקב אונ אויף די פערדער פאן איז געשטאנען די (מם) פון אברהם אונ דיא (קוף) פון יצחק אונ דיא (בית) פון יעקב איז איבר געבליבן די (הא) פון אברהם איז דער וואלקן געווען איבער ישראל אזו ווי איין (הא) דר בחיי שרייבט משה הט זיך געפארכטען פאר די שבטים דאס איטליכער וועט וועלן פריער גיין הט גאט צו אים געזאגט היים זיי גיין אזו ווי זיי האבען געטראגען דעם ארון פון יעקב אזו וועט צווישען זייא קיין קריג ניט זיין אויך שרייבט דער בחיי אונ דער רמב"ן אונ דר תולדות יצחק דאס אויף דר פאן פון ראובן איז געווען געמאלט אצורה פון אמענש וום הט געוויזן אויף ראובן וום ער הט געבראכט

פייפלך

פייפלעך פון דעם פעלד וואס זייא האבען אצורה פון אמענש אונ אויף דעם פאן פון יהודה איז געוועזן געמאלט אצורה פון אלייב דען יהודה איז גענליכן צו אשטארקן לייב אונ אויף דער פאן פון אפרים איז געוועזן געמאלט איין אקס ווייל יוסף ווערט גרופן (בכור שור) אונ אויף דער פאן פון דן איז געוועזן געמאלט איין אדלער דאס זענען די פיר חיות פון דעם כסא הכבוד אונ יהודה יששכר אונ זבולן זענען געגאנגען אין מזרח ווייל יהודה איז גענליכן צו אלייב וואס גייט פריער דרום איז יהודה אויך געגאנגען פריער אין מזרח אונ יששכר הט געלערנט תורה אונ הט געטואן מעשים טובים דרום זענען זיי מיט יהודה ביי אנאנדער געגאנגען אונ זבולן הט געהאנדלט אונ הט צו יששכר געגעבן עסן אונ יששכר האט זיך מיט אים געטיילט מיט עולם הבא דרום זענן זיי ביי אנאנדער געגאנגן, דער אבן שועב שרייבט עס איז געוועזן אמעשה דאס צווייא חברים האבן געמאכט צווישן זיך דאס איינר זאל לערנן תורה אונ דר אנדערר זאל האנדלן סחורה אונ זאלן טיילען מיט דעם ריוח פון דער תורה אונ פון דער סחורה אונ זייא האבן זיך אלץ געטיילט מיט דעם ריוח פון דער סחורה אונ אז עס איז געקומן די צייט דאס דער תלמיד חכם איז געשטארבן איז דער חבר צו אים געגאנגען אונ הט געזאגט צו דעם מת געדענק וואס מיר האבן גערייד צו צוטיילען זיך מיט דעם שכר פון דער תורה הט דער מת געשאקעלט מיט דעם קאפ כלומר ער וועט אים אחלק געבען לעולם הבא אונ דיא פאן פון שבט ראובן איז געוועזן אין דרום ווייל ראובן איז געוועזן אבעל תשובה אונ איז געוועזן דער ערשטער וואס הט לייטן מציל געוועזן פון דעם טוט דען ער האט מציל געוועזן צו יוסף זיינע ברידער זאלען אים ניט דער שלאגען פון דרום זייט קומן גוטע ווינטן אונ גוטע רעגן אונ גוטע טויא וואס טוט צו לייטען הנאה דרום איז ראובן געגאנגען אויף דרום זייט אונ שמעון איז געוועזן בייא ראובן אונ גד איז אויך געוועזן ביי ראובן ווייל ער איז זייער שטארק געוועזן צו ווייזן דער וואס וויל תשובה טואן מוז זיין שטארק אקעגען זיין יצר הרע אזו ווי דיא חכמים זאגען (איזהו גבור וגו') ווער הייסט שטארק דער וואס נעמט איין זיין יצר הרע אונ חאטשי שמעון מיט לוי זענען תמיד חברים געוועזן הט זיי יעקב אפ געטיילט פון אנאנדר אזו ווי אין פסוק שטייט אחלקם ביעקב איך וועל זיי צוטיילען צווישען יעקב אונ דער נאך איז געגאנגען די מחנה פון לוים אונ זייא זענען געוועזן נור צווייא אונ צוואנציג טוזענד ווייל זיי האבן געטראגן דעם ארון אונ צו צייטן הט איינר אן גערירט אדר ער הט געזעהן דארט ווי מען דארף ניט אונ איז געשטארבן דרום זענען זיי ווייניג געוועזן אזו זאגט דער מדרש אונ דער רמב"ן שרייבט זייא זענען דרום ווייניג געוועזן ווייל זייא האבען ניט געארבייט ביי פרעה אין מצרים דען ישראל האבן געארבייט דרום זענען זיי פיל געוועזן אזו ווי אין פסוק שטייט (וכאשר יענו אותו וגו') מער מען הט מיט זיי געארבייט מער האבן זיי זיך געמערט אונ פרעה הט דרום ניט געארבייט מיט שבט לוי ווייל יעקב הט זיי ניט געהייסן טראגען זיין ארון ווייל זיי וועלן טראגען דעם ארון מיט די לוחות אין דער מדבר דרום האט זייא פרעה געהאלטן פאר חשובע לייט אונ האט מיט זייא ניט געארבייט אונ דער רמב"ן פרעגט אויף דעם מדרש וויא קען זיין דאס זיי זענן דרום געוועזן ווייניג ווייל דער ארון הט אין זיי אום געבראכט אמער דעם ארון האבן זיי ערשט געטראגן נאך דעם ציילן אונ זיי זענען געוועזן ווייניג נאך בשעת ציילען אונ דאס קען אויך ניט זיין דאס זיי זענען דרום געוועזן ווייניג ווייל מען האט מיט זייא ניט געארבייט גאט הט דאך געקאנט זיי מערן חאטשי מען האט מיט זייא ניט געארבייט דרום הט דער רמב"ן חרטה פון זיין תירוץ אויך אונ זאגט זייא זענען דרום ווייניג געוועזן ווייל יעקב הט געצערנט אויף לוי בשעת אז ער האט געבענשט די קינדער אזו וויא אין ויחי שטייט (ובקהלם אל תחד כבודי) אין זייער אנזאמלונג זאל מיין נאמען ניט

דער מאנט ווערן אונ שבט שמעון איז אוך
פון דעסט וועגען ווייניג געוועזן דען מיר
געפינען דאס ער איז נור געוועזן צוויא אונ
צוואנציג טויזענד דאס איז אוך ווייל יעקב
האט אויף שמעון געצערנט אזו שרייבט
דר רמב"ן, אונ דר צרור המור פרעגט אויף
דם רמב"ן ווי קאן דם זיין דם שבט שמעון
זענען ווייניג גיוועזן פון וועגן דעם צארן פון
יעקב אמער מיר געפינן דאך וואס צום
ערשטן זענן שבט שמעון זייער פיל גיוועזן
נאר פון וועגן דר עבירה וואס זיי האבן מזנה
גיוועזן מיט די טעכטר פון מואב איז פון זיי
פיל געשטארבן אבר ניט פון וועגן דם צארן
פון יעקב אונ ווארום זענן די בני לוי ווייניג
גיוועזן דרום זאגט דער צרור המור איין
אנדערן תירוץ שבט שמעון זענין איבר דר
עבירה ווייניגר געווארן אונ שבט לוי איז
ווייניג גיוועזן ווייל זיי האבן טאג אונ נאכט
אלץ תורה געלערנט אזו ווי משה האט אויף
זיי געזאגט אין וזאת הברכה (יורו משפטיך
ליעקב) דיא לוים וועלן לערנין תורה צו
ישראל אונ דיא תורה מאכט דעם מענשן
שלאף דרום האבן זיי קיין פיל קינדר ניט
געהאט אונ אפילו אין מצרים האבן אוך
שבט לוי געלערנט תורה דרום האבן זיי
קיין פיל קינדר ניט געהאט אונ אזו ווי די
ישראל האבן ארום גערינגלט די לוים אזו
האבן דיא לוים ארום גערינגלט דם משכן
פון אלע פיר זייטן משה אונ אהרן זענין
גיוועזן אין מזרח זייט אונ די קינדר פון גרשון
אין מערב זייט אונ די קינדר פון קהת אין
דרום זייט אונ די קינדר פון מררי אין צפון
זייט אונ דר משכן איז גיוועזן אין מיטן, אונ
דיא דריטע פאהן איז גיוועזן פון אפרים אונ
זענין געגאנגן אין מערב זייט ווייל פון אפרים
איז ארום געקומן ירבעם וואס ער האט
געזינדיגט דרום האט אפרים געמוזט זיין ביי
ראובן וואס טוט תשובה אונ ביי יששכר וואס
לערנט תורה כדי אפרים זאל זיך פון זיי
לערנן תשובה טאן אונ תורה לערנן אונ די
פערדע פאהן איז גיוועזן פון שבט דן אין
צפון זייט ווייל דן האט גערינט ע"א זיי האבן
גערינט פסל מיכה אונ ירבעם בן נבט האט
געמאכט צוויא קעלבר איין קאלב אין דן
אונ איין קאלב אין בית אל אונ שבט דן
האט זיי אוך גערינט אונ זייא האבן זיך דער
מיט גמאכט פינצטר דרום האבן זיי גרואט
אין צפון זייט וואס דארטן איז פינצטר ווייל
די זון איז דארטן ניט דא אונ דרום הייסט
עס צפון דם איז טייטש פר בארגן עייל די
זון איז פר בארגן פון דר זייט אונ ביי אים
האט גערואט אשר אונ נפתלי צו דר לייכטן
אים דען די ברכה פון אשר אונ נפתלי איז
גיוועזן פון בום אייל אונ זיסע עסן שפייז וואס
דר לייכטן דיא אויגן כדי צו דר לייכטן די
אויגן פון דן וואס זענין ווארן פר פינצטערט
(ואתה הפקד את הלוים) דו זאלסט ציילן
דיא לוים, דער רמב"ן שרייבט גאט האט
געהייסן משה אליין זאל ציילן די לוים אונ
זאל ניט נעמן דער צו אהרן אונ ניט דיא
נשיאים נאר משה האט זיך ניט געוואלט
אזו חשוב האלטן אונ האט אהרן דר צו אוך
גענומן דרום שטייט ווייטר אין דער סדרה
(כל פקודי הלוים אשר פקד משה ואהרן)
שטייט דאס ווארט ואהרן געפינטלט איין
פינטל אויף איטליכן אות צו ווייזן דם אהרן
איז ניט ווארן געבאטן פון גאט צו ציילן די
לוים נאר משה אליין האט אים דר צו גנומן
ווייל ער האט זיך אליין ניט געוואלט חשוב
האלטן אונ אז משה האט גיזעצט דיא לוים
איטליכן אויף זיין דינסט האט ער די נשיאים
אוך דר צו גענומן אונ האט זיי מכבד גיוועזן
דם זיי זאלן אוך דר ביי זיין צו ווייזן דאס
אמענש זאל איין שררה זאך אליין ניט טאן
חאטשע ער איז איין חשוב אזו וויא משה
אונ גאט האט דרוף מסכים גיוועזן וואס ער
האט גענומן אהרן צום ציילן אזו ווי אין פסוק
שטייט (אשר פקד משה ואהרן על פי יי)
ווס משה מיט אהרן האבן געציילט אזו ווי
גאט האט געהייסן (והלוים יחנו סביב למשכן)
אונ דיא לוים זאלן רואן ארום דעם משכן,
דער רמב"ן שרייבט די לוים האבן ארום
גערינגלט דם משכן צו היטן אים אזו וויא
מען היט דאס הויז פון אמלך פון אלע פיר
זייטן אזו האבן זיי דם משכן געהיט פון אלע
פיר זייטן דיא לוים האבן פון אויסן ווייניג
געהיט

געהיט און דיא כהנים האבן אין ווייניג געהיט אזו וויא מען היט איין מלך (מנגד סביב לאהל) די ישראל האבן גרואט ארום דעם משכן צווייא טויזנד איילן ווייט פון דעם משכן כדי זייא זאלן קענין קומן אום שבת און אום יום טוב אין משכן צו משה צו לערנן תורה (וצבאו ופקודיהם) און דער נאך שטייט (כל הפקודים) און אזו שטייט בייא איטליכען שבט (וצבאו ופקודיהם), פרעגט דער רמב"ן וואָרום דארף מיר שטיין ביי איטליכן שבט וצבאו ופקודיהם דר תירוץ איז דם ווייזט אונז דם גאט הט געטאן אגרויסן נס צו ישראל און האט זייא באהיט פון אלעם בייזען דען עס איז געוועזן פיל הונדרט טויזנד וואס מען האט זיי ניט געציילט דען מען האט מער ניט געציילט נאר די זכרים וואס זענין אלט געוועזן צוואנציג יאר און ניט די וואס זענין ווייניגר אלט און ניט קיין ווייבר און די געציילטע זענין געוועזן זעקס הונדרט טויזנד און איטליכער האט געהאט איין ווייב עס איז געוועזן אזעלכע וואס האבן געהאט צו צווייא ווייבר אדער מער אזו זענין די ווייבר אויך געוועזן זעקס הונדרט טויזנד און נאך מער און עס איז געוועזן פיל קינדער וואס מען האט זיי ניט געציילט און מען הט געציילט די ישראל צוואנציג טעג דען מען הט זיי ניט געקענט איבר ציילן אין פינף אדר אין זעקס טעג און אין די צוואנציג טעג איז קיינר ניט געשטארבן פון ישראל דם איז איין גרויס הידוש געוועזן דרום זאגט דר פסוק אלע מאל (וצבאו ופקודיהם) דם איז טייטש זייא זענין אלע אין גאנצן געוועזן מיט זייערע געציילטע קיינער איז ניט אפ געגאנגן פון זיי. אויך פרעגט דר רמב"ן דא הייסט דר נשיא פון גד רעואל מיט א ריש און אנאנדר מאל הייסט ער דעואל מיט איין דל"ת דער תירוץ איז דער רעואל איז געוועזן איין חשובר מאן דרום רופט אים דר פסוק דעואל דם איז טייטש ער האט זיין דעה אליך געהאט צו וויסן גאט און צו דר קענין אים און אויך רופט אים דער פסוק רעואל דם איז טייטש ער איז איין חבר צו גאט דרום האט ער געהייסן רעואל און דעואל, דער בחיי און רש"י שרייבן יהודה און יששכר און זבולון זענין געוועזן אין איין פאהן ניט ווייט פון משה און אהרן דרום זענין זיי געוועזן אלע תלמידי חכמים דרויף זאגן דיא חכמים (טוב לצדיק טוב לשכנו) ווען עס איז גוט דם צדיק איז דם שכן אויך גוט אבר דיא קינדר פון ראובן זענין געוועזן נאהענט בייא קרח דרום זענין זיי ווארן פר לארן אין דר קריג פון קרח דם האבן דיא חכמים געזאנט (אוי לרשע אוי לשכנו) ווען עס איז וויי צום רשע איז וויי צו זיין שכן און זיבן וואלקן זענין געוועזן ביי ישראל אין דר מדבר פיר אויף די פיר זייטן און איינר הט זיי פון אובן צו גידעקט און איינר איז געגאנגן דריי טעג וועג פר זיי און הט געהרגית אלע ברענענדיגע שלאנגן וואס זענין געוועזן אזו גרוס וויא איין באלקן און האט אוס געגלייכט אלע בערג און אלע טאלן כדי ישראל זאלן גיין גלייך זיי זאלן זיך ניט מיען אויף איין בארג ארויף צו גיין און איין וואלקן איז געוועזן פון דר שכינה צו לייכטן זיי אזו זאגט דר מדרש (ראשונה יסעו) רש"י און דר בחיי שרייבן דם ישראל האבן אנדרש ניט געצויגן סיידן זיי האבן געזעהן דאס דר וואלקן הייבט אן צו גיין פריער און וויא באלד דער וואלקן האט אן געהובן צו גיין האבן די כהנים געבלאזן מיט טרימייטן און ישראל האבן אן געהובן צו רירן און יהודה איז געגאנגן פריער מיט זיין פאלק און דר נאך איז געגאנגן ראובן מיט זיין פאלק און דער נאך זענין געגאנגן דיא לויים מיט דעם משכן און דר נאך איז געגאנגן אפרים מיט זיין פאלק אין דרום זייט און דן מיט זיין פאלק אין צפון זייט אויף די זייטן וואס זייא האבן גערואט אויף דיא זייטן זענין געגאנגן איטליכר אויף זיין ארט (אלה תולדות אהרן ומשה) דר רמב"ן און דר בחיי שרייבן דר פסוק רעכינט נאר די קינדר פון אהרן און רופט זיי תולדות אהרן ומשה דער תירוץ איז ווייל משה הט מיט זיי תורה געלערנט רופט ער זיי אן זיינע קינדר דען דער וואס לערינט זיין חברס זון תורה איז גלייך ווי ער הט אים געווינן דרום זאגט דער פסוק

תּוֹלְדוֹת אַהֲרֹן אַהֲרֹן הָט זַיי גֶעמַאכְט גֶעוֶוען
אוּנ זֶענִין אוֹךְ גִיוֶוען דִיא קִינְדֶר פוּן מֹשֶׁה
וַוייל מֹשֶׁה הָט מִיט זַיי תּוֹרָה גֶעלֶערְנְט אוּנ
דֶער פָּסוּק זָאגְט (וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי אַהֲרֹן
הַמְּשׁוּחִים) דָם זֶענִין דִיא קִינְדֶר פוּן אַהֲרֹן
וָוס זֶענִין וָוארֶן גֶעזַאלְבְּט פַר כֹּהֲנִים אוּנ דֶר
נָאךְ זָאגְט עֶר וַיָּמָת נָדָב וַאֲבִיהוּא דָם נָדָב
וַאֲבִיהוּא זֶענִין גֶעשְׁטָארְבֶּן צוּ וַוייזֶן דָם גָאט
אִיז מְדַקְדֵּק מִיט דִיא צַדִּיקִים אֲפִילוּ אוֹף
אֵיין קְלֵיינֶע עֲבֵירָה אִיז עֶר זַייא נִיט מוֹחֵל
אוּנ חֲנִיפוּת זַיי נִיט אַזוֹ וִוי נָדָב וַאֲבִיהוּא וָוס
זֶענִין וָוארֶן גֶעזַאלְבְּט פַאר כֹּהֲנִים אוּנ זֶענִין
גֶעשְׁטָארְבֶּן פוּן אֵיין קְלֵיינֶע עֲבֵירָה וֶועגִין
(וַאֲנִי הִנֵּה לָקַחְתִּי אֶת הַלְוִיִּם תַּחַת כָּל בְּכוֹר
בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל) זָאגְט גָאט אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶן
דִי לְוִיִּם אוֹף דֶם אָרְט פוּן דִי בְּכוֹרִים וָוס
זַייא פְלֶעגֶן מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת נָאר וַוייל
יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן גֶעדִינְט דָאס עֵגֶל דְרוּם וִויל
אִיךְ נִיט זַיי זָאלֶן דִינֶן אִין מִשְׁכָּן נַייאֶרְט דִי
לְוִיִּם זָאלֶן דִינֶן אִין מִשְׁכָּן וָוס זַיי הָאבֶּן נִיט
גֶעדִינְט דֶם עֵגֶל (וְלָקַחְתָּ אֶת הַלְוִיִּם לִי תַּחַת
כָּל בְּכוֹר בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל) גָאט הָאט גֶעזָאגְט
צוּ מֹשֶׁה צֵייל דִיא בְּכוֹרִים וָוס זֶענִין אַלְט
אַחוֹדֶשׁ הָט מֹשֶׁה גֶעצֵיילְט דִי בְּכוֹרִים אִיז
גִיוֶועזְן צְוַויי אוּנ צְוָואנְצִיג טוֹזֶענְד אוּנ צְוַויי
הוּנְדֶרְט אוּנ דְרַיי אוּנ זִיבְּצִיג אוּנ דִיא לְוִיִּם
זֶענִין נָאר גִיוֶועזְן צְוַויי אוּנ צְוַאנְצִיג טוֹזֶענְד
הָאט גָאט גֶעזָאגְט אִיטְלִיכֶר לֵוִי זָאל זַיין
אַקֶעגִין אַבְּכוֹר אוּנ דִיא צְוַויי הוּנְדֶרְט אוּנ
דְרַיי אוּנ זִיבְּצִיג בְּכוֹרִים וָוס זֶענִין מֶער פוּן
דִי לְוִיִּם זָאל אִיטְלִיכֶר גֶעבֶּן פִינְף שְׁקָלִים
צוּ אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט זִיךְ מֹשֶׁה גֶעטְרַאכְט
וֶועלְכֶן בְּכוֹר אִיךְ וֶועל הֵייסֶן גֶעבֶּן פִינְף
שְׁקָלִים וֶועט עֶר זָאגֶען אַקֶעגִין מִיר אִיז דָא
אֵיין לֵוִי וָוס הָט מִיךְ אוֹם גֶעלֵייזְט דְרוּם הָט
עֶר גּוֹרָל גֶעוָוארְפֶן אוּנ הָט גֶענוּמֶן צְוַויי אוּנ
צְוַאנְצִיג טוֹזֶענְד קְוִויטְלֶךְ אוּנ הָאט אוֹף זַיי
אָן גֶעשְׁרִיבֶּן בֶּן לֵוִי אוּנ הָאט גֶענוּמֶן צְוַוייא
הוּנְדֶרְט אוּנ דְרַייא אוּנ זִיבְּצִיג קְוִויטְלֶךְ אוּנ
הָט אוֹף זַיי אָן גֶעשְׁרִיבֶּן פִינְף שְׁקָלִים אוּנ
הָט אַלֶע קְוִויטְלֶךְ אִין אֵיינֶם אוֹם גֶעמִישְׁט
אוּנ הָאט גֶעהֵייסֶן אִיטְלִיכֶן בְּכוֹר אַקְוִויטֶל
אַרוֹם נֶעמֶן דֶר בְּכוֹר וָוס הָט אַרוֹם גֶענוּמֶן
אַקְוִויטֶל בֶּן לֵוִי אִיז עֶר פָּטוּר גֶעוָוארֶן פוּן
פִינְף שְׁקָלִים דֶען אַבֶּן לֵוִי הָאט אִים אוֹם
גֶעלֵייזְט אוּנ דֶר בְּכוֹר וָוס הָט אַרוֹם גֶענוּמֶן
אַקְוִויטֶל פוּן פִינְף שְׁקָלִים הָאט גֶעדַארְפְט
גֶעבֶּן פִינְף שְׁקָלִים, פְרֶעגְט דֶער דֶבֶק טוֹב
וָוס הָט מֹשֶׁה גֶעדַארְפְט אָן שְׁרַייבֶּן צְוַוייא
אוּנ צְוַאנְצִיג טוֹזֶענְד קְוִויטְלֶךְ מִיט בֶּן לֵוִי
אַמֶער הָט עֶר גֶעזָאלְט אַרַיין לֵייגֶן לֵידִיגֶע
צְוַויי אוּנ צְוַאנְצִיג טוֹזֶענְד קְוִויטְלֶךְ אוּנ צְוַויי
הוּנְדֶרְט אוּנ דְרַיי אוּנ זִיבְּצִיג קְוִויטְלֶךְ מִיט
פִינְף שְׁקָלִים אוּנ וֶוער עֶס וֶועט אַרוֹם נֶעמֶן
אַלֵיידִיג קְוִויטֶל וֶועט פָּטוּר זַיין אוּנ דֶר בְּכוֹר
וָואס וֶועט אַרוֹם נֶעמֶן אַקְוִויטֶל מִיט פִינְף
שְׁקָלִים וֶועט עֶר דַארְפֶן גֶעבֶּן פִינְף שְׁקָלִים
דֶר תֵּירוּץ אִיז דְרוּם הָט מֹשֶׁה אָן גֶעשְׁרִיבֶּן
אוֹף דִי קְוִויטְלֶךְ בֶּן לֵוִי כְּדֵי דֶר בְּכוֹר זָאל
הָאבֶּן עֶטְלִיכֶע יָאר צוּ וַוייזֶן דָאס כְּתָב פוּן
מֹשֶׁה אַז אֵיין בֶּן לֵוִי הָט אִים אוֹם גֶעלֵייזְט.
נָאךְ אֵיין תֵּירוּץ אִיז עֶר זָאל גִיוֶועזְן נֶעמֶן
לֵיידִיגֶע קְוִויטְלֶעךְ וָואלְטֶען דִיא בְּכוֹרִים
אִיטְלִיכֶר גֶעהַאלְטֶן אִין דֶר הַאנְד אֵיין לֵיידִיג
קְוִויטֶל אוּנ וָואלְטֶן גֶעזָאגְט דָאס עֶר הָט פוּן
דֶעם גּוֹרָל אֵיין לֵיידִיג קְוִויטֶל אַרוֹם גֶענוּמֶן
אוּנ וָואלְט פָּטוּר גִיוֶועזְן דְרוּם הָט מֹשֶׁה אָן
גֶעשְׁרִיבֶּן בֶּן לֵוִי אוֹף דִי קְוִויטְלֶךְ אוּנ דָאס
וֶועלֶן דִיא בְּכוֹרִים נִיט קֶענִין נָאךְ שְׁרַייבֶּן
וַוייל אִיטְלִיכֶר הָט דֶר קֶענְט דָם כְּתָב פוּן
מֹשֶׁה, פְרֶעגְט וַוייטֶער דֶר דֶבֶק טוֹב וָוארוּם
הָט מֹשֶׁה אוֹף דִי צְוַויי הוּנְדֶרְט אוּנ זִיבְּצִיג
קְוִויטְלֶךְ אָן גֶעשְׁרִיבֶּן פִינְף שְׁקָלִים אַמֶער
וָואלְט עֶר זַייא גֶעלָאזְט לֵיידִיג אוּנ אַז אֵיין
בְּכוֹר וָואלְט אַרוֹם גֶענוּמֶן אֵיין קְוִויטֶל פוּן
בֶּן לֵוִי וָואלְט עֶר פָּטוּר גִיוֶועזְן אוּנ אַז עֶר
וָואלְט אַרוֹם גֶענוּמֶן אֵיין לֵיידִיג קְוִויטֶל וָואלְט
עֶר גֶעדַארְפְט גֶעבֶּן פִינְף שְׁקָלִים אוּנ דָא
וָואלְט שׁוֹן דֶר בְּכוֹר נִיט גֶעבְּרַאכְט אִין זַיין
הַאנְד אֵיין לֵיידִיג קְוִויטֶל דֶען עֶר וָואלְט
גֶעדַארְפְט דוּרְךְ דֶם גֶעבֶּן פִינְף שְׁקָלִים אוּנ
עֶר זָאגְט דַרוֹף קֵיין תֵּירוּץ נִיט (נָשֹׂא אֶת
רֹאשׁ בְּנֵי קְהָת) גָאט זָאגְט צוּ מֹשֶׁה צֵייל
דִיא בְּנֵי קְהָת דָם זַיי זָאלֶן טְרָאגֶן דִיא כְּלֵי
קוֹדֶשׁ אוּנ מֶען הָאט גֶעצֵיילְט פוּן דְרַייסִיג
יָאר בִּיז פִיפְצִיג יָאר אוּנ נִיט וֶוינִיגֶער פוּן

דרייסיג

דרייסיג און ניט מער פון פופציג יאר איז וואָרן געציילט דען דער וואָס איז פופציג יאר האָט קיין כח ניט צו טראָגן און אויך דער וואָס איז נאָך ניט אַלט קיין דרייסיג יאר האָט ער נאָך ניט זיין כח אין גאַנצן, פון דאַנען לערנן מיר אָפּ דאָס צו דרייסיג יאר קומט ערשט דער מענש צו זיין רעכטן כח, און די לוים האָבן צונומען דעם משכן אַז מען האָט געדאַרפט ציהן און מען האָט צו גידעקט דעם אָרון מיט דעם פּרוכת און מען האָט פון אויבן צו גידעקט מיט איין פעל פון איין חיה וואָס הייסט תחש אַזוי האָט מען אַלע כלים פון דעם משכן געטאָן אין זייער פוטר פאַס און מען האָט פון אויבן צו גידעקט און האָבן דעם מזבח אויך מיט געטראָגן און דאָס פייער וואָס איז אַראָפּ געקומען פון דעם הימל איז געווען אַלץ אויף דעם מזבח עס איז ניט פאַר לאָשן געוואָרן און מען האָט עס צו גידעקט מיט איין אייזערנע פאַן און מען האָט דרויף צו גידעקט מיט איין קלייד פון פערפּיל וואָל און דאָס קלייד איז ניט פאַר ברענט געוואָרן און אַז מען האָט אַלץ צו גידעקט זענען געקומען דיא בני קהת און האָבן געטראָגן דיא כלים (ופקודת אלעזר) און אלעזר איז געווען איין האַר איבער די בני קהת און איז אויך געווען צו אָן בּרייטן דעם שמן המשחה און קטורת און בוים אייל צו דער מנחה ווען מען האָט געראָטן, און דער רמב״ן און דער בחיי שרייבן דאָס וואָרט ופקודת ווייזט דאָס אלעזר האָט קיין משא ניט גטראָגן נאָר ער איז געווען איין פּקיד איבער די לייט אָבער אין ירושלמי שטייט דאָס אלעזר האָט געטראָגן די קטורת וואָס האָבן געהאַלטן דריי הונדערט און פינף און זעכציג שקלים און דער בוים אייל אויף אַגאַנץ יאָר איז געווען דריי הונדערט און פינף און אַכציג מאָס דאָס אַלץ האָט אלעזר אַליין געטראָגן דען גאָט האָט אים געגעבן כח ער זאָל דאָס אַלץ טראָגן (אל תכריתו את שבט הקהתי) גאָט האָט געבאָטן דאָס אהרן און זיינע קינדער זאָלן היטן דאָס דיא בני קהת זאָלן רעכט טראָגן דיא כלים און זאָלן ניט פאַר שניטן ווערן דען זייא וועלין ניט רעכט טראָגן אַזוי וועלין זייא פאַר שניטן ווערין (משפחות הקהתי) דער בחיי שרייבט דרום האָט דיא תורה אָן געשריבן ביי קהת איין (ה״א) פון פאָרין און איין (יו״ד) פון הינטן דאָס איז דער נאָמן פון גאָט ווייל גאָט האָט געוואוסט דאָס קרח און זיין חברותה וואָס קומן אַרויס פון קרח וועלין קריגן אויף משה ואהרן און וועלין ווערן פאַר לאָרן דרום האָט גאָט געלאָזט רוען זיין נאָמן אויף די בני קהת און האָט זיי מציל געווען זייא זאָלן אַלע ניט פאַר פאַלן ווערין (כבלע את הקודש) זיי זאָלן ניט קומן זעהן בשעת אַז מען וועט צו דעקין די הייליגע כלים און זאָל ניט שטאַרבן ווייל די כלים זענין זייער הייליג:

## הפטרת במדבר.

(והיה מספר בני ישראל) זאָגט דער נביא עס וועט זיין דיא צאָל פון דיא קינדער ישראל אַזוי ווי דאָס זאַמד פון דעם ים וואָס ער קען ניט געמאָסטן און געציילט ווערען דען איר וועט אין גלות תשובה טאָן אַזוי וועל איך גאָט מיך דער באַרימן איבער אייך און עס וועט זיין אין דעם אָרט וואָס איז וואָרען געזאָגט אויף זייא אַז זייא זענען ניט מיין פאָלק וועט ווערען געזאָגט אויף זיי דאָס זיי זענען



משלי

(והיה מספר בני ישראל וגו׳ והיה במקום וגו׳ ריבו באמכם ריבו) על פי משל איינר האָט געהאַט אַשלעכט ווייב און האָט געהאַט מיט איר נאַרישע קינדער וואָס פירען זיך אין די מוטרס דרך דאָס איז אים גיוועזן דער ווידר זאָגט דער פאָטר צו די קינדר האַצבי אייך קען איך ניט אַרוס טרייבין וואָרום וועליכר פאָטר טרייבט אַוועק זיינע קינדר אָבער אייער מוטר זאָגט איר ווי באַלד זיא וועט מיך מצער זיין און אָן טאָן יסורים ווי ביז אַהער גיב איך איר גט און טרייב זיא אַרוס. אַזוי זענין עדת ישראל בבחינת אשה ווי עס שטייט אחותי כלה אויך זענין זיי בבחינת בנים ווי עס שטייט בנים אתם לה׳ די כוונה דער פון איז אויף פרשידינע

יהודה

בחינות אין גדרי אהבה דאָס זאָגט דער נביא האַצבי דאָס יחוס פון בחינת בנים קען איך ניט מבטל זיין אפילו (במקום אשר יאמר להם לא עמי אתם) אַז איר זענט אַזוי שלעכט אַז איך קען אייך ניט רופן עמי פון דעסט וועגין (יאמר להם בני אל חי) מוזט איר ווערין גערופן גאָטס קינדר ווייל דאָס קען מען ניט מבטל זיין און סייא וסייא ווערט איר גערופן בנים אָבר בבחינת אשה (ריבו באמכם ריבו) קריגט אייך מיט אייער מוטר (כי היא לא אשתי) זייט איר מזהיר ווי באַלד זיא וועט ניט ווערין בעסער איז זיא ניט מיין ווייב און איך ניט איר מאַן וואָרום דאָס יחוס אשה קען מען מבטל זיין מיט אַספר כריתות.

דיא קינדר פון לעבידיגן גאט (וְנִקְבְּצוּ בְּנֵי יְהוּדָה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל) אונ זיי וועלען איין געזאמילט ווערען דיא בני יהודה אונ דיא בני ישראל מיט אנאנדר אונ וועלען צו זיך מאכען א מלך פון זרע דוד אונ וועלען אויף גיין פון דם גלות דען עס וועט זיין גרוס דר טאג פון דם איין זאמלונג פון זייער פר שפרייטונג אונ זייער פר זייאונג זאגט גאט צו דיא נביאים (אִמְרוּ לַאֲחֵיכֶם עַמִּי) זאגט צו אייערע ברידר זיי זענען מיין פאלק אונ צו אייער שוועסטר רופט דר בארימיגע דען איך וועל מיך דר בארימען איבר ישראל אונ וועל זיי נעמען פר א פאלק ווען זיי וועלען זיך אום קערען צו מיין תורה אבער אצונד (רִיבוּ בְאִמְּכֶם רִיבוּ) קריגט אייך איר נביאים מיט אייער מוטר דיא כנסת ישראל דען זיא איז ניט מיין ווייב צו באדינען מיך אונ איך בין ניט איר מאן צו געבען איר באדערפינעש דרום לאז זיא אפ טאן דאס זנות וואס זיא טוט אונ איר צירונג וואס מען האט איר געמאכט פון וועגען זנות (פֶּן אַפְשִׁיטֶנָּה עֲרֻמָּה) דען טאמער וועל איך זיא שטעלען נאקיט אזו ווי דם טאג וואס זיא איז ווארען געבורען פון איר מוטרם לייב אונ אזו ווי איר זענד געוועזען אין מצרים אונ וועל זיא פר ויסטען אונ איבער אירע קינדר וועל איך מיך ניט דער בארימען דען זיי זענען קינדר פון זנות (כִּי זָנְתָה אִמָּם הוֹבִישָׁה הוֹרָתָם) דען זייער מוטר די כנסת ישראל הט מזנה געוועזען דיא תלמידי חכמים וואס לערנען זיי זענען ווארען פר שעמט אקעגען דיא עמי הארצים דען דר תלמיד חכם קען ניט זאגען צום עם הארץ ער זאל ניט גנבינען אונ זאל קיין רווחים ניט נעמען ווייל זיי אליין גנבינען אונ נעמען רווחים (כִּי אָמְרָה אֵלְכָה אַחֲרֵי מְאַהֲבַי) דען זייא זאגען מיר וועלען גיין נאך אונזערע ליב האבר דם איז דיא זון אונ דיא לבנה וואס זיי דינען צו זיי אונ זאגען דיא זון אונ די לבנה גיט זיי ברוט אונ בום אייל אונ וואל אונ פלאקס (לָכֵן הִנְנִי סָךְ אֶת דַּרְכֵּךְ בַּסִּירִים) דרום זאגט גאט איך וועל פר צוימען דיין וועג מיט דערנר אונ וועל פר צוימען דיין צום דם דו וועסט ניט געפינען קיין וועג אונ זיי וועלען נאך יאגן צו באקומען א הילף פון מצרים אונ פון אשור אונ זיי וועלען ניט גרייכען קיין הילף פון זיי אזו וועלען זיי זאגען איך וועל מיך אום קערען צו מיין ערשטען מאן ווארום עס איז מיר דענסט מאל אז איך האב אים געדינט בעסער געוועזען פון היינט (וְהִיא לֹא יָדְעָה) אונ זיי ווייסען ניט דם איך האב זיי געגעבען דם קארען אונ וויין אונ בום אייל אונ איך האב זיי געגעבען זילבר אונ גאלד אונ זיי האבען דם געמאכט פר איין אפ גאט (לָכֵן אָשׁוּב וְלָקַחְתִּי דְגָנִי בְּעִתּוֹ) דרום וועל איך מיך

אום קערען אונ וועל צו נעמען דם ברוט וואס איך האב זיי געגעבען אונ דאן וועלען זיי וויסען דם איך הב זיי דם געגעבען (וְעַתָּה אֲגַלֶּה אֶת נַבְלֻתָהּ) אונ אצונד וועל איך אנטפלעקין זייערע בייזע מעשים פר דיא אויגען פון זייערע ליב האבר (וְהִשְׁבַּתִּי כָּל מְשׂוֹשָׂהּ) אונ איך וועל פר שטערן זייער פרייד אונ זייער יום טוב אונ זייער חודש אונ זייער שבת (וַהֲשִׁמֹּתִי גַפְנָהּ וּתְאֵנָתָהּ) אונ איך וועל פר וויסטען זייערע וויין שטעקע אונ זייערע פייגען ביימר וואס זיי זאגען דאס זייערע ע"א האט זיי דאס געגעבען (וּפָקַדְתִּי עָלֶיהָ אֶת יְמֵי הַבְּעָלִים) אונ איך וועל ברענגען אפורעניות אויף זיי אקעגען דיא טעג וואס זיי האבען געדינט ע"א אונ האבען אראפ גענומען זייער צירונג פון זייער גוף אונ האבען געגעבען צו דר ע"א אונ אין מיר האבען זיי פר געסען אזו זאגט גאט (לָכֵן הִנֵּה אָנֹכִי מְפַתֶּיהָ) דרום וועל איך זיי איבר ריידען זיי זאלען גיין נאך מיר אונ וועל זיי טרייסטען פון זייערע צרות אונ וועל זיי אפ געבען זייערע וויין גערטנר אונ דם עמק עכור וואס הט זיי באטריבט וועל איך זיי געבען צו איין אנהייב האפונג דען דורך דיא צרות וואס זיי וועלן דארפען האבען וועלן זיי זיך נעמען צום הארצען זיי זאלען תשובה טאן (וְעָנְתָה שָׁמָּה) אונ זיי וועלן זינגען אזו ווי זיי האבען תפלה געטאן צו מיר אין דם טאג וואס זיי זענען ארויס געגאנגען פון מצרים אונ איך האב זיי געהאלפען אזו וועט לעתיד אויך זיין (וְהָיָה בַיּוֹם הַהוּא) אונ עס וועט זיין אין דם טאג וואס משיח וועט קומען וועט ער מיך רופען מיין מאן דם איז א לשון פון ליבשאפט אונ איר וועט מיך שון ניט רופען מיין האר דם איז א לשון פון מורא (וַהֲסִרֹתִי אֶת שְׁמוֹת הַבְּעָלִים) אונ איך וועל אפ טאן דיא נעמען פון דיא אפ געטער פון זייער מול דם זיי וועלען שון מער ניט דר מאנען זייער נאמען (וְכָרַתִּי לָהֶם בְּרִית בַּיּוֹם הַהוּא) אונ איך גאט וועל פר שניידען איין ברית צו ישראל אין דם דאזיגען טאג מיט דיא חיות פון דם פעלד אונ מיט דיא פייגל פון הימל דם זיי זאלען ניט שאדען טאן צו ישראל אונ דיא שווערד אין מלחמה אונ דם בויגען וועל איך צו ברעכען דם מען וועט שון מער קיין מלחמה ניט האלטען אונ זיי וועלען רוען זיכר (וְאֵרַשְׂתִּיךְ לִי לְעוֹלָם וְאֵרַשְׂתִּיךְ לִי בְּצֶדֶק) אונ איך וועל דיך מקדש זיין צו מיר פון וועגען דם זכות פון צדקה אונ משפט אונ חסד אונ רחמים וואס דו וועסט טאן (וְאֵרַשְׂתִּיךְ לִי בֶּאֱמוּנָה וְיָדַעַתְּ אֶת יְיָ) אונ איך וועל דיך מקדש זיין צו מיר פון וועגען דם זכות וואס דו וועסט גלייבען אין מיר אונ דו וועסט וויסען גאט׃

(נשא את ראש) שלמה המלך זאגט אין משלי (שמחה לצדיק עשות משפט) עס איז איין שמחה דם צדיק ווען ער טוט משפט דס קיין גזילה איז ניט אין זיין שטאט אונ דעם רשע איז דאס איין פארכט ער פארכט זיך מען זאל אים ניט שטראפן אויף זיין בייז שלמה המלך לאזט מיך וויסן דס איין מענש דארף זיך פרייען מיט דם גאנצן הארצן איין מצוה צו טאן וועט אים גאט געבן שכר אויף דר שמחה גלייך וויא אויף דר מצוה אליין אזו ווי אין פסוק שטייט (עבדו את יי בשמחה) דינט גאט מיט שמחה אונ דרום הט מען געזונגן מיט דם מול אין בית המקדש דען דר ווס הט געהאט איין ניט קול אונ אין משכן אין דער מדבר הט מען אויך געזונגן מיט קולות אונ מיט כלי זמר כדי מען זאל ברענגן שמחה אויף דיא לייט וואס זענין געשטאנגן ביי דיא קרבנות אונ דרום זאגט דער פסוק (לעבוד עבודת עבודה באהל מועד) צו דינגן איין דינסט אין אהל מועד זאגען דיא חכמים וועלכם הייסט איין דינסט צו איין דינסט דאס איז דם געזאנג וואס דיא לוים האבן געזונגן ביי דם קרבן כדי מען זאל דעם קרבן ברענגן בשמחה דר חזקוני שרייבט מען הט דרום די קינדר פון קהת פריער געציילט ווייל זיי האבן געטראגן די הייליגע כלים דעם ארון אונ דם טיש אונ די מנורה אונ דעם מזבח אונ דער נאך הט מען געציילט דיא קינדר פון גרשון חאטשע זיי האבן ניט געטראגן דען זיי האבן געהאט וועגן מיט אקסן פון דעסט וועגין ציילט ער זייא נאך די קינדר פון קהת ווייל גרשון איז גיוועזן דר עלצטר זון פון לוי. אונ דער צרור המור שרייבט ווייל גרשון איז גיוועזן דער עלצטר זון פון לוי דרום שטייט ביי אים (נשא את ראש בני גרשון גם הם) כלומר גרשון איז אויך איין ראש אזו ווי קהת אבר ביי די קינדר פון מררי שטייט ניט נשא את ראש ווייל ער איז ניט חשוב גיוועזן ווי גרשון אונ דיא קינדר פון קהת זענין חשוב גיוועזן ווייל זיי זענין געגאנגן בארפיס ביי דם ארון דען דם ארט ווי דער ארון איז גיוועזן דם איז גיוועזן הייליג מוז מען גיין דרויף בארפיס אונ אויך ווייל זייא זענין געגאנגן מיט דעם רוקן צום פאלק אונ מיט דם פנים צום ארון אונ ווייל זיי זענין זייער חשוב גיוועזן שטייט ביי זיי (ויפקוד משה ואהרן ונשיאי העדה את בני הקהתי) משה אונ אהרן אונ די נשיאים פון ישראל האבן געציילט די קינדר פון קהת אבר די קינדר פון גרשון האט נאר משה אונ אהרן געציילט אונ ניט די נשיאים ווייל זיי זענין ניט אזו חשוב וויא דיא קינדר פון קהת (ובשמות תפקדו את כלי משמרת משאם) דער רמב"ן שרייבט מען האט צו איטליכען לוי צו געציילט וויפיל ברעטער אדר ריגלן אדר זיילן ער זאל טראגן דען ווען מען זאל גיוועזן הייסן אליין נעמן ברעטר אדר ריגלען נאך זייער ווילן וואלט זיך איטליכר בהאלטן אונ וואלט געטראכט לאז מיין חבר נעמן ווייל דם טראגן פון די קינדר מררי איז גיוועזן איין שווערי משא שווערי ברעטר אונ ריגלן דרום הט מען צו איטליכן לוי צו געציילט וויא פיל ער זאל טראגן אזו וועלין זייא מיזען דאס האלטן (איש איש על עבודתו) דר רמב"ן שרייבט דר פסוק ווייזט אונז איטליכר לוי זאל זיין ביי זיין עבודה אונ איינר טאר דעם אנדרן ניט העלפן אין איין אנדרי מלאכה ווס ער איז דרויף ניט גיזעצט (וישלחו מן המחנה

כל

### של"ה הקדוש

(וישלחו מן המחנה) דר פסוק זאגט מען הט די טמאים ארוס געשיקט חוץ לשלש מחנות פון מחנה שכינה אונ מחנה לויה אונ פון מחנה ישראל זיי זאלן זיין נאר חוץ למחנה אפן פעלד. ווידר שטייט איין פסוק אין משנה תורה (והיה מחניך קדוש) דיין מחנה זאל זיין הייליג זאגט דר זהר אז דם גייט אויף דיא רמ"ח אברים ווס אין מענשן איז אז דר גאנצר געבייא פון מענשן זאל זיין בקדושה. דם רמז דר פון געפינן מיר אין דיא ארוס שיקונג פון דיא טמאים איז געוועזן איין געטיילט אין דריי מחנות אזו קען מען רעכינען אין בנין פון גוף פון מענשען איז איין געטיילט אין דריי טייל. דם ערשטע דר קאפ פון דם מענשען ווס דרינען איז דר מוח ווס דרינען ליגט

כָּל צָרוּעַ וְכָל זָב וְכָל טָמֵא לָנֶפֶשׁ) דִיא יִשְׂרָאֵל זֶענִין גִיוֶועֶן דְרַייא מַחֲנוֹת צוּם עֶרְשְׁטֶן גַאנְץ אִינְוֵוייְנִיג אִין מִשְׁכָּן אִיז גִיוֶועֶן דִיא מַחֲנֶה כְּהוּנָּה אוּנ אַרוּם דֶם מִשְׁכָּן אִיז גִיוֶועֶן דִי מַחֲנֶה פוּן לְוִיִּם זַיי הָאבֶּן גֶערוּאֶט אַרוּם דֶעם מִשְׁכָּן אוּנ אַרוּם דִיא לְוִיִּם אִיז גִיוֶועֶן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל זַיי הָאבֶּן גֶערוּאֶט אוּף אַלֶע פִיר זַייטֶן פוּן דִיא לְוִיִּם אֵיין מְצוֹרָע הָאט גֶעדַארְפְט אַרוּם גֵיין פוּן אַלֶע דְרַייא מַחֲנוֹת עֶר זָאל זִיצֶן אַלֵיין אוּף דֶם פֶעלְד אוּנ אֵיין זָב וָוָס בְּלוּט רִינְט פוּן אִים הָט גֶעדַארְפְט אַרוּם גֵיין פוּן מַחֲנֶה כְּהוּנָּה אוּנ לְוִיָּה אָבֶּר עֶר הָט גִימֶעגְט זַיין אִין מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל אוּנ דֶער וָוָס הָט אָן גֶערִירְט אִין אֵיין מֵת הָאט גֶעדַארְפְט אַרוּם גֵיין פוּן מַחֲנֶה כְּהוּנָּה אָבֶּר עֶר הָט גִימֶעגְט זַיין אִין מַחֲנֶה לְוִיָּה אוּנ אִין מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, דֶער רמב"ן אוּנ דֶער חִזְקוּנִי אוּנ דֶר צְרוֹר הַמּוֹר שְׁרַייבֶּן דְרוּם הָט דִי תּוֹרָה גִישְׁטֶעלְט דִיא פַּרְשָׁה פוּן טוּמְאָה נֶעבֶּן דֶער פַּרְשָׁה וָוָס מֶען הָט דִי יִשְׂרָאֵל גֶעצֵיילְט אִיטְלִיכֶען אוּף זַיין אָרְט דָאס אִיז וַוייל דִיא יִשְׂרָאֵל זֶענִין וָואָרֶן גֶעצֵיילְט אוּף וָוָס פַר אֵיין אָרְט אִיטְלִיכֶר זָאל רוּאֶן בַּיי דֶם מִשְׁכָּן אוּנ וִוי מֶען זָאל דֶם מִשְׁכָּן טְרָאגֶן דְרוּם זָאגְט עֶר בַּאלְד דִי פַּרְשָׁה פוּן טוּמְאָה מֶען זָאל זִיךְ הִיטֶן דֶם מִשְׁכָּן נִיט צוּ פַר אוּם רֵיינִיגֶן, אוֹךְ שְׁרַייבְּט דִיא פַּרְשָׁה מֶען זָאל גֶעוָואָרִינְט זַיין נִיט צוּ גַזְלֶנִין אִין דִי פַּרְשָׁה פוּן סוֹטָה וֶוען אֵיין אִשָּׁה אִיז אוּנְקֵיישׁ

(לִמְעוֹל מַעַל) דִי פַּרְשָׁה לֶערִינְט אוּנְז מֶען זָאל נִיט גַזְלֶנִין אוּנ נִיט פַאלְשׁ שְׁוֶוערִין אוּנ נִיט פַר לֵייקִינֶן עֶפִּיס זַיין חַבֶר אוּנ וֶוען עֶר הָט יוֹא עֶפִּיס גֶעגַזְלְת בַּיי זַיין חַבֶר אוּנ הָט אִים פַר לֵייקִינְט אוּנ הָט פַאלְשׁ גֶעשְׁוואָרֶן אוּנ וַויל תְּשׁוּבָה טָאן זָאל עֶר אוּם קֶערִין דִי גְזֵילָה וָוָס עֶר הָט גֶעגַזְלְת אוּנ זָאל נָאךְ גֶעבֶּן אֵיין פִיפְטֶל מֵיין דְהַיְינוּ וֶוען עֶר הָאט גֶעגַזְלְת פִיר גִילְדֶן זָאל עֶר אָפּ גֶעבֶּן פִינְף גִילְדֶן אוּנ מוּז אֵיין קָרְבָּן אוֹךְ בְּרֶענְגֶען, אוּנ וֶוען אֵיינֶר הָט גֶעגַזְלְת זַיין חַבֶר אוּנ עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּן אוּנ הָט קֵיין קְרוֹבִים נִיט זָאל עֶר אָפּ גֶעבֶּן דִיא גְזֵילָה צוּ דִי כֹּהֲנִים, דֶער בַּעַל הַטּוּרִים שְׁרַייבְּט דִיא תּוֹרָה הָאט אָן גֶעשְׁרִיבֶּן (מִכָּל חַטֹּאת הָאָדָם) אוּנ הָט דֶר בַּייא גִישְׁטֶעלְט מֶען זָאל אַרוּם שִׁיקֶן דִיא טְמֵאִים פוּן צְווִישֶׁן יִשְׂרָאֵל דָם לֶערִינְט אוּנְז דָם נָאר דִי טוּמְאָה אִיז גֶעקוּמֶן פוּן וֶועגֶן דֶר זִינְד פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן וָואס עֶר הָט גִיגֶעסֶן פוּן דֶם עֵץ הַדַּעַת אוּנ דִי אִשָּׁה הָט עֶס אִים גֶעגֶעבֶּן אוּנ דֶער שְׁלַאנְג הָט זִיא אָן גִירַיידְט דֶער צוּ אוּנ הָאט גִירַיידְט בֵּייז אוּף גָאט אוּנ דְרוּם זֶענִין דִי שְׁלַאנְגֶן וָוארֶן גֶעשְׁלָאגֶן מִיט צָרַעַת אוּנ אֵיין אִשָּׁה מִיט נִדָּה אוּנ אָדָם הָרִאשׁוֹן הָט גֶעמוּזְט שְׁטַארְבֶּן אוּנ אַזוֹ הָט דִיא תּוֹרָה כְּסֵדֶר אָן גֶעשְׁרִיבֶּן צוּם עֶרְשְׁטֶן שְׁטֶעלְט דִיא תּוֹרָה וֶוען אֵיינֶר אִיז מְצוֹרָע דַארְף מֶען אִים אַרוּם שִׁיקֶן פוּן אַלֶע דְרַייא מַחֲנוֹת דָאס אִיז אַקֶעגִין דֶר מַכָּה פוּן דֶער

שלאנג

## של"ה הקדוש

דֶר שׁוֹרֶשׁ פוּן אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת זָאל עֶר זֶעהְן אַרוּם צוּ שִׁיקֶען פוּן דָארְטֶן אֲפִילוּ אַגְרִינְגֶע אוּנ אַיין קְלֵיינֶע טוּמְאָה אַזוֹ וִוי אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגֶען (הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁין מֵהָעֲבֵירָה) דִיא גֶעדַאנְקֶן אוּנ מַחֲשָׁבָה צוּ אֵיין עֲבֵירָה אִיז עֶרְגֶער וִוי דִיא עֲבֵירָה אַלֵיין זָאל עֶר זֶעהְן דִיא מַחֲשָׁבוֹת זַיינֶע רֵיין צוּ הַאלְטֶן. דָם אַנְדֶערֶע אִיז דִיא אַנְדֶערֶע מַחֲנֶה דָם קֶען מֶען רֶעכִינֶן דָם הַארְץ פוּן דֶם מֶענְשׁ וָוָס דְרִינֶען לִיגְט דָם חַיּוּת פוּן גוּף אוּנ דָם הַארְץ פוּן מֶענְשֶׁן רֶעכִינְט זִיךְ דִיא צְווֵייטֶע מַדְרֵגָה נָאךְ דֶם מוֹחַ בְּכֵן זָאל דֶר מֶענְשׁ זֶעהְן עֶר זָאל הָאבֶּן אַלֵב טָהוֹר אַלֵב טוֹב אַרַיין אוּנ אַגוּט הַארְץ דֶר נָאךְ קֶען מֶען רֶעכִינֶן דִיא דְרִיטֶע מַחֲנֶה דָם הֵייסְט דֶר אוּנְטֶערְשְׁטֶר טֵייל פוּן מֶענְשׁ פוּן בּוּךְ

אָן וָוָס אִין אִים גֵייט אַרַיין דֶר מַאֲכָל פוּן מֶענְשֶׁן אוּנ דֶר אוּם נַאגְג פוּן אִים דָם רֶעכִינְט זִיךְ אֵיין שְׁפָּל מַדְרֵגָה וַוייל דֶר מֶענְשׁ קָאן אָן דֶם נִיט זַיין פוּן דֶעסְט וֶועגֶן זָאל עֶר זֶעהְן אַז עֶר זָאל פוּן דָארְטֶען אַרוּם שִׁיקֶען דִיא טוּמְאָה חֲמוּרָה דִיא הַארְבֶּע אוּנ שְׁוֶוערֶע טוּמְאָה דָם הֵייסְט עֶר זָאל זִיךְ הֵיילִיגֶן מִיט זַיינֶע אֲכִילוֹת וִוי נָאר מֶעגְלִיךְ אִיז עֶר זָאל עֶסֶען אַלֶץ וָוָס כָּשֵׁר אִיז וִוי אִין דֶר תּוֹרָה שְׁטֵייט אוּנ ווִידֶר עֶם זָאל זִיךְ קֵיין גְזֵילָה גֶעלְד דְרִינֶען נִיט פַר מִישֶׁען אוּנ דֶר צוּ אִין אוּם גַאנְג פוּן מֶענְשֶׁען הָאבֶּן אוֹךְ דִיא חֲכָמִים פַר זָאגְט אַז עֶר זָאל זַיין אַצְנוּעַ דְרִינֶען אוּנ דָם אַלֶץ אִיז כְּדֵי עֶר זָאל פוּן זִיךְ אַרוּם שִׁיקֶען דִיא טוּמְאָה חֲמוּרָה:

שְׁלַאנְג. צוּם אַנְדֶערְן שְׁטֶעלְט דִי תּוֹרָה וַוייל עֶס רִינְט בְּלוּט פוּן אֵיין מַאן אָדֶר פוּן אֵיין אִשָּׁה דָס אִיז אַקֶעגְין דֶר מַכָּה פוּן חַוָּה וָוס זִיא אִיז וָוארֶן גֶעשְׁלָאגֶן מִיט דֶם נִדָּה, דִיא דְרִיטֶע פַּרְשָׁה שְׁטֵייט וֶוען אֵיינֶר רִירְט אָן אִין אֵיין מֵת דָס אִיז אַקֶעגְין אָדָם הָרִאשׁוֹן וָואס אוֹיף אִים אִיז נִגְזַר גֶעוָוארֶן עֶר זָאל שְׁטַארְבֶּן אוּנ פוּן אִים אָן אוּנ ווייטֶער אִיז גֶעקוּמֶן דֶר טוֹט אוֹיף דֶר וֶועלְט (וְאִישׁ אֶת קֳדָשָׁיו לוֹ יִהְיוּ) רַשִׁ"י שְׁרַייבְּט וֶוען אֵיין מֶענְשׁ ווִיל נִיט רֶעכְט מַעֲשֵׂר גֶעבֶּן אַזוֹ וֶועט דֶער מַעֲשֵׂר צוּ אִים זַיין כְּלוֹמַר זַיין פֶּעלְד וֶועט ווַייטֶער מֶער נִיט מַאכֶן וַואקְסֶן נָאר ווִי פִיל דֶער מַעֲשֵׂר הָט בַּטְרָאפֶן (אִישׁ אֲשֶׁר יִתֵּן לַכֹּהֵן לוֹ יִהְיֶה) אָבֶּר וֶוען אֵיין מֶענְשׁ וֶועט גֶעבֶּן מַעֲשֵׂר צוּם כֹּהֵן אַזוֹ ווִי מֶען דַארְף דֶער וֶועט הָאבֶּן פִיל גוּטְס (אִישׁ אִישׁ כִּי תִשְׂטֶה אִשְׁתּוֹ) אוּנ דִיא תּוֹרָה הָאט דְרוּם גִישְׁטֶעלְט צְווַיי מָאל אִישׁ צוּ ווַייזֶן וֶוען אֵיין אִשָּׁה אִיז מְזַנָּה טוּט זִיא מוֹרֵד זַיין אִין גָאט וָואס עֶר הֵייסְט אִישׁ מִלְחָמָה אוּנ אוֹיךְ אִין אִיר מַאן וָוס עֶר הֵייסְט אוֹיךְ אִישׁ (כִּי תִשְׂטֶה) דִיא חֲכָמִים זָאגֶן דְרוּם שְׁטֵייט תִּשְׂטֶה צוּ ווַייזֶן דָאס קֵיין מֶענְשׁ טוּט נִיט קֵיין עֲבֵירָה סַיידֶן עֶס גֵייט אִין אִים אַרַיין אֵיין נַארִישֶׁע דֵעָה דֶען תִּשְׂטֶה אִיז טַייטְשׁ זִיא וֶועט פַר נַארִישֶׁען (וְשָׁכַב אִישׁ אוֹתָהּ) וֶוען אֵיין

פְרֶעמְדֶר מַאן וֶועט לִיגֶן מִיט דֶר אִשָּׁה וֶועט זִיא אוּם קוּמֶן פוּן דֶם וַאסֶר וָוס מֶען וֶועט אִיר גֶעבֶּן טְרִינְקֶן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אָבֶּער אִיר שְׁוֶועסְטֶער וֶועט נִיט אוּם קוּמֶען אַזוֹ שְׁרַייבְּט רַשִׁ"י דֶען עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיין מַעֲשֶׂה דָאס צְווַייא שְׁוֶועסְטֶער הָאבֶּן גֶעהַאט אֵיין גֶעשְׁטַאלְט הָט אֵיינֶע מְזַנָּה גֶעוֶוען הָט מֶען אִיר גֶעוָואלְט גֶעבֶּן טְרִינְקֶן דָס וַואסֶר פוּן דֶם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט זִיא גֶעזָאגְט צוּ אִיר שְׁוֶועסְטֶער גֵייא דוּ אוֹיף מַיין אָרְט דֶען דָס וַאסֶר וֶועט דִיר נִיט שָׁאדֶן אִיז דִי שְׁוֶועסְטֶער גֶעגַאנְגֶן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַרַיין אוּנ מֶען הָט אִיר גֶעגֶעבֶּן צוּ טְרִינְקֶן דָאס וַאסֶר אוּנ עֶס הָט אִיר נִיט גֶעשַׁאט אוּנ אַז זִיא אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶן הָט זִיא דִי שְׁוֶועסְטֶער אָן גֶעהוֹבֶּן צוּ הַאלְזֶן אוּנ צוּ קִישֶׁן ווַייל זִיא הָט זִיא מַצִיל גֶעוֶוען פוּן דֶעם טוֹט אַזוֹ אִיז אִין אִיר אַרַיין דֶר רֵיחַ פוּן דֶם וַואסֶר וָוס אִיר שְׁוֶועסְטֶער הָאט גֶעטְרוּנְקֶן אוּנ זִיא אִיז וָוארֶן גֶעשְׁוָואלֶן אוּנ אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּן פוּן דֶעם רֵיחַ פוּן דֶעם וַואסֶר (וְנֶעְלַם מֵעֵינֵי אִישָׁהּ) וֶוען דֶער מַאן הָט נִיט גִיזֶעהֶן ווִיא זִיא הָט מְזַנָּה גֶעוֶוען הָט מֶען אִיר גֶעגֶעבֶּן צוּ טְרִינְקֶן דָם וַואסֶר אָבֶּר וֶוען עֶר הָט גִיזֶעהֶן הָט מֶען אִיר נִיט גֶעגֶעבֶּן טְרִינְקֶן דָם וַואסֶר (וְעֵד אֵין בָּהּ) וֶוען אֲפִילוּ אֵיין עֵדוּת אִיז נִיט דָא דָאס זִיא הָאט מְזַנָּה גֶעוֶוען הָאט מֶען אִיר גֶעגֶעבֶּן טְרִינְקֶן דָאס וואסר

## אוהל יעקב

(וְאִישׁ אֶת קֳדָשָׁיו לֹא יִהְיוּ) אוּנ אַמֶענְשׁ זַיין הֵיילִיגְקַייט וֶועט זַיין צוּ אִים דָם מֵיינְט מֶען אַמֶענְשׁ אַז עֶר וֶועט נִיט גֶעבִּין דֶם כֹּהֵן קֵיין תְּרוּמוֹת אוּנ קֵיין מַעֲשְׂרוֹת וֶועט דֶם פֶעלְד אִים מֶער נִיט מַאכִין נָאר ווִי פִיל דֶר מַעֲשֵׂר טְרֶעפְט אָן (אִישׁ אֲשֶׁר יִתֵּן לַכֹּהֵן) אוּנ דֶר מֶענְשׁ וָוס וֶועט גֶעבִּין דִי תְּרוּמוֹת מִיט מַעֲשְׂרוֹת (לוֹ יִהְיֶה) וֶועט צוּ אִים זַיין גָאט וֶועט אִים גֶעבִּין פִיל גֶעלְד פְרֶעגְט דִי גְמָרָא פַר וָוס אֵיין אִשָּׁה קֶערְט אָפּ פוּן דֶם עֶרְלִיכֶן וֶועג אוּנ פַר גֵייט זִיךְ מִיט אַפְרֶעמְדִין מַאנְזְבִּיל דָם הֵייסְט סוֹטָה שְׁטֵייט דִי פַּרְשָׁה תֵּיכֶף נָאךְ דֶר פַּרְשָׁה פוּן תְּרוּמוֹת אוּנ מַעֲשְׂרוֹת עֶנְפֶערְט דִי גְמָרָא עֶס קוּמְט צוּ ווַייזִין דֶר וָוס גִיט נִיט דֶם כֹּהֵן תְּרוּמוֹת אוּנ מַעֲשְׂרוֹת וֶועט זַיין דֶר סוֹף אַז עֶר וֶועט דַארְפִין קוּמֶן צוּם כֹּהֵן דוּרְךְ זַיין ווַייבּ וָוס זִיא וֶועט וֶוערִין אַסוֹטָה וֶועט עֶר קוּמֶן צוּם כֹּהֵן עֶר זָאל זִיא פְּרִיוֶוען מִיט מַיִם הַמְאָרְרִים אוֹבּ זִיא אִיז טָמֵא גֶעוָוארִין מִיט אַפְרֶעמְדִין מַאנְזְבִּיל אַצוּנְד וֶועלִין מִיר גֶעבִּין צוּ פַר שְׁטֵיין דָם גַאנְצֶע עִנְיָן מִיט אַמָשָׁל אַקִינְד אִיז גֶעקוּמֶן פוּן חֵדֶר אוּנ זָאגְט

צוּ דֶר מוּטֶער אִיךְ בֶּעט דִיךְ גִיבּ מִיר גֶעכֶער עֶסִין דֶר ווַייל זֶעהְט דִי מוּטֶער דוּרְךְ דֶם פֶענְצְטֶער אַז דֶר פָאטֶער קוּמְט אוֹיךְ פוּן דֶם מַארְק אַהֵיים עֶסִין הָט זִיא גֶענוּמֶן דִי שִׁיסֶעל מִיט דֶם לֶעפִיל אוּנ אִיז גֶעגַאנְגִין צוּם אוֹבִין אוּנ הָט גֶעגָאסִין גִיקֶעכְץ פוּן דֶם טָאפּ אִין שִׁיסֶעל אַרַיין אוּנ דֶם קִינְד שְׁטֵייט נֶעבִּין אִיר אוּנ זָאגְט מַיין לִיבֶּע מוּטֶער שׁוֹן גֶענוּג אִיז אִין שִׁיסֶעל עֶס אִיז שׁוֹן גֶענוּג גִיקֶעכְץ פוּן מַיינִיט וֶועגִין אִיךְ דַארְף גָאר נִיט הָאבִּין אַזוֹ פִיל גִיקֶעכְץ זָאגְט דִי מוּטֶער צוּ אִים דוּ שׁוֹטֶה אִיךְ גִיס דֶען אָן פוּן דַיינִיט וֶועגִין אַזוֹ פִיל גִיקֶעכְץ זֶעה נָאר ווִי דַיין פָאטֶער קוּמְט פוּן מַארְק אוּנ ווִיל עֶסִין גִיבּ אִיךְ דָם גִיקֶעכְץ אַזוֹ פִיל פוּן זַיינִיט וֶועגִין אוּנ דוּ וֶועסְט אוֹיךְ עֶסִין דָם נֶעמְלִיכֶע וֶועט גָאט גֶעבִין דִי יִשְׂרָאֵל אַזוֹ פִיל תְּבוּאָה כְּדֵי דֶר כֹּהֵן זָאל אוֹיךְ הָאבִין גֶענוּג תְּבוּאָה פוּן דֶר תְּרוּמָה וָוס עֶר וֶועט גֶעמִין בַּיי דֶם יִשְׂרָאֵל וָוארוּם דֶר עִיקָּר אִיז בַּיי גָאט וָוס עֶר גִיט תְּבוּאָה אִיז נָאר פוּן כֹּהֲנִים וֶועגִין:

וַואֶסֶר אָבֶּר וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיין עֵדוּת דָּס זִיא הָט מְזַנֶּה גֶעוֶוען הָט זִיא קֵיין וַואסֶר נִיט גֶעטְרוּנְקֶען נָאר זִי אִיז אָסוּר גֶעוָוארֶן צוּ אִיר מַאן אוּנ וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען צְוַויי עֵדוּת מִיט הַתְרָאָה הָט מֶען זִיא דֶער וָוארְגֶן אוּנ מֶען הָט אִיר נִיט גֶעגֶעבֶּן טְרִינְקֶען סַיידֶן דֶר מַאן הָט אִיר פַר וֶוערְט זִיא זָאל זִיךְ נִיט פַר בָּארְגֶן מִיט דֶם מֶענְשֶׁן אוּנ עֶס זֶענִין גֶעקוּמֶן צְוַויי עֵדוּת דָּס זִיא הָאט זִיךְ יוֹא פַר בָּארְגֶן נָאר זֵיי וַוייסֶן נִיט אוֹבּ זִיא הָט מְזַנֶּה גֶעוֶוען אַזוֹ הָט מֶען אִיר גֶעגֶעבֶּן טְרִינְקֶען דֶם וַואסֶר (וְהִיא לֹא נִתְפָּשָׂה) אוּנ זִיא אִיז נִיט וָוארֶן בַּצְווּנְגֶען כְּלוֹמַר מֶען הָט זִי נִיט גֶענוּמֶן מִיט גֶעוַואלְד נָאר מִיט אִיר גוּטֶן ווילֶן וֶוערְט זִי אָסוּר צוּם מַאן אָבֶּר וֶוען מֶען הָט זִי גֶענוּמֶן מִיט גֶעוַואלְד אִיז זִיא מוּתָּר צוּם מַאן דֶען זִיא אִיז נִיט שׁוּלְדִיג (קֶמַח שְׂעוֹרִים) זִיא זָאל בְּרֶענְגֶען אֵיין קָרְבָּן פוּן גֶערְשְׁטֶן מֶעל אוּנ נִיט קֵיין ווייץ ווייל זִיא הָט גֶעטָאן דִי מַעֲשֶׂה פוּן אֵיין בְּהֵמָה דְרוּם זָאל אִיר קָרְבָּן זַיין אֵיין מַאֲכָל פוּן אֵיין בְּהֵמָה דָּס אִיז גֶערְשְׁטֶן אוּנ מֶען זָאל נִיט גִיסֶן אוֹיף אִיר קָרְבָּן קֵיין בּוֹם אֵייל אַזוֹ ווִי מֶען גִיסְט אוֹיף אֵיין מִנְחָה ווייל בּוֹם אֵייל לַייכְט אוּנ זִיא הָאט גֶעטָאן אִיר מַעֲשֶׂה אִין דֶר פִינְסְטֶער אוּנ מֶען זָאל צוּ אִיר קָרְבָּן קֵיין וַוארֶךְ נִיט נֶעמֶן ווייל שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל לֵאָה זֶענִין גֶעגְלִיכֶן צוּ וַוארֶךְ אוּנ דִיא אִשָּׁה הָט זִיךְ אָפּ גֶעשֵׁיידְט פוּן זֵיי מִיט אִירֶע בֵּייזֶע מַעֲשִׂים אוּנ דִיא וַואסֶר זָאל מֶען נֶעמֶן פוּן דֶם הַאנְד פַאס ווָס אִיז גֶעוֶוען גֶעמַאכְט פוּן דִי שְׁפִּיגְלֶן ווָס דִי פְרוּמֶע ווייבֶּר הָאבֶּן גֶעגֶעבֶּן אִין מִשְׁכָּן אוּנ דִיא אִשָּׁה אִיז וָוארֶן אָפּ גֶעשֵׁיידְט פוּן זֵיי מִיט אִירֶע בֵּייזֶע מַעֲשִׂים, אוּנ דֶר בְּחַיֵּי שְׁרַייבְּט דְרוּם הָט מֶען גֶעגֶעבֶּן עֶרְד אוּנ דָאס וַואסֶר צוּ ווַייזֶן וֶוען דִי אִשָּׁה וֶועט גִירֶעכְט זַיין וֶועט זִי הָאבֶּן אֵיין זוּן אַזוֹ ווִי אַבְרָהָם ווָס עֶס שְׁטֵייט בַּיי אִים (וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר) אִיךְ בִּין עֶרְד אוּנ אַשׁ אָבֶּר וֶוען זִי וֶועט נִיט גִירֶעכְט זַיין אַזוֹ וֶועט זִי שְׁטַארְבֶּן אוּנ עֶס וֶועט וֶוערִין פוּן אִיר עֶרְד אוּנ אַשׁ, ר׳ מֵאִיר זָאגְט נָאט צָאלְט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה אוּנ אַזוֹ אוֹיךְ זָאגְט רַבִּי חִיָּיא פוּן דֶעם מָאל אָן ווָס דִי סַנְהֶדְרִין זֶענִין בָּטֵל גֶעוָוארֶן אוּנ

מֶען מִשְׁפָּט נִיט דִי פִיר מִיתוֹת בֵּית דִין אַזוֹ מִשְׁפָּט גָאט אַלֵיין דִי פִיר מִיתוֹת נָאר דִיא לַייט פַר שְׁטֵייעֶן נִיט דְהַיְינוּ וֶוען אֵיינֶר הָט אֵיין עֲבֵירָה גֶעטָאן דָם עֶר אִיז חַיָּיב צוּ פַר שְׁטֵיינֶן פַאלְט עֶר אַרָאפּ פוּן אֵיין דַאךְ אָדֶער אֵיין חַיָּה אִיז אִים דוֹרֵס, אוּנ וֶוען אֵיינֶר אִיז חַיָּיב צוּ פַר בְּרֶענְט וֶוערִין פַאלְט עֶר אַרַיין אִין פַייעֶר אָדֶער אֵיין שְׁלַאנְג לָאזְט אִים אֵיין גִיפְט אוּנ דָם בְּרֶענְט אִים אַזוֹ ווִי פַייעֶר, אִיז עֶר חַיָּיב מֶען זָאל אִים דֶעם קָאפּ אַרָאפּ גֶעמֶן מִיט אֵיין שְׁוֶוערְד פַאלְט עֶר אַרַיין צוּ גַזְלָנִים אִין דִיא הֶענְד אוּנ זֵיי הַאקֶן אִים אָפּ דֶעם קָאפּ אִיז עֶר חַיָּיב דֶער וָוארְגֶן צוּ וֶוערֶן פַאלְט עֶר אַרַיין אִין וַואסֶר אוּנ וֶוערְט דֶער טְרוּנְקֶען דָאס אִיז אַזוֹ ווִי דֶער וָוארְגֶן אָדֶער אַסְכָּה וֶוערְט אִים אִין הַאלְז אוּנ עֶר וֶוערְט דֶער וָוארְגֶן פוּן אִיר אַזוֹ אוֹיךְ בַּיי דֶער סוֹטָה הָט מֶען אִיר אַלְס גֶעטוּאֶן מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה זִיא הָאט דֶעם נוֹאֵף גֶעגֶעבֶּען טְרִינְקֶען מִיט שֵׁיינֶע כֵּלִים דְרוּם גִיבְּט מֶען אִיר דָאס וַואסֶר צוּ טְרִינְקֶען מִיט אֵיין עֶרְדִינֶע כֵּלִי זִיא הָאט דֶעם נוֹאֵף גֶעגֶעבֶּען גוּטֶען ווַיין דְרוּם גִיבְּט מֶען אִיר בִּיטֶער וַואסֶר זִי הָט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶער טְהִיר צוּ זֶעהֶן ווִי אִיר לִיבּ הָאבֶּר גֵייט דְרוּם הָט זִי דֶער כֹּהֵן גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם טוֹעֶר פוּן דֶעם בהמ״ק ווִי לַייט גֵייעֶן זִי הָאט זִיךְ גֶעצִירְט מִיט אַשֵׁיינֶע הוֹיבּ אוּנ מִיט אַשֵׁיינֶעם שְׁלֵייעֶר כְּדֵי זִי זָאל דֶעם לִיבּ הָאבֶּער גֶעפֶעלֶן דְרוּם זָאל דֶער כֹּהֵן אִיר דֶעם שְׁלֵייעֶר אַרָאפּ נֶעמֶן פוּן אִיר קָאפּ אוּנ זָאל זִי שְׁטֶעלֶן וָואר הוֹפְּטִינ פַאר אַלֶע לַייט זִי הָט אִירֶע הָאר שֵׁיין גֶעפְלָאכְטֶן דְרוּם צוּ פְלֶעכְט אִיר דֶער כֹּהֵן דִי הָאר אוּנ צוּ רַייסְט אִירֶע קְלֵיידֶער בִּיז מֶען זֶעהְט אַרוּם אִיר הַארְץ אַקֶעגֶען אַלֶע לַייט זִי הָט אִיר פָּנִים שֵׁיין גֶעמַאכְט פַאר אִיר לִיבּ הָאבֶּר דְרוּם וֶועט אִיר פָּנִים וֶוערֶן גְרִין אוּנ גֶעל פוּן דֶעם וַואסֶער טְרִינְקֶען זִי הָאט אִירֶע אוֹיגֶען שֵׁיין גֶעפַארְבְּט דְרוּם וֶועלֶן אִיר דִיא אוֹיגֶן אַרוֹיס שְׁפְּרִינְגֶען פוּן דֶעם וַואסֶער זִי הָט אִיר לִיבּ הָאבֶּער גֶעגֶעבֶּן גוּטֶע עֶסֶן שְׁפַּייז דְרוּם אִיז אִיר קָרְבָּן גֶעוֶוען פוּן גֶערְשְׁטֶן דָאס מַאֲכָל פוּן אַבְּהֵמָה (וְהֶעֱמִיד הַכֹּהֵן אוֹתָהּ) רש״י

שרייבט

שרייבט דער כהן האט ויא געפירט פון
איין ווינקל צום אנדערן כדי ער זאל זי מיד
מאכען טאמער וועט ויא מודה זיין אונ מען
וועט ניט דארפען דעם שם פון גאט אפ
מעקן אין וואסער פון וועגען איר אונ מען
האט איר די האר פון קאפ אויף גערעקט
צו פאר שעמען זי פון דאגן לערנן מיר אפ
דאס איין אשה דארף דיא האר פון איר
קאפ צו דעקען עס זאל קיין האר פון איר
ניט ווערן געזעהן אונ מען הט איר געגעבען
די מנחה אויף די הענד צו מיד מאכען ויא
טאמער וועט זי מודה זיין אונ דער כהן הט
גענומן אין זיין האנד דאס וואסר אונ האט
ויא באשווארען אוב דו ביסט ניט געלעגען
ביי אפרעמדען מאן אונ ניט נור מיט דעם
אליין וואס מען איז דיך חושד נור מען ביי
שווערט דיך אויף אלע מאנן דאס דו ביסט
מיט קיינעם ניט געלעגען חוץ דיין מאן אונ
אוב דו ביסט געלעגן מיט אפרעמדן מאן
זאל דיך גאט פאר שעלטן מיט דעם וואסר
אונ זאל דיך געבן צו אקללה ביי אלע לייט
דען מען וועט איינעם שעלטן זאל מען אים
זאגען עס זאל דיר געשעהן ווי צו דר אשה
(את ירכך נופלת וגו') דיין דיך זאל דיר
אנפאלן אונ דיין בוך זאל דיר געשוואלען
ווערן דער נאך ווערט איר דער גאנצר גוף
אויף שטיקער וויים צופאלן אונ דעם נואף
ווערט אויך דער גאנצער גוף שטיקר וויים
צופאלן איבער דעם וואסר וואס די אשה
טרינקט (והניף את המנחה) דער כהן הט
די מנחה אויף געהובען מיט דער האנד פון
די אשה דען די מנחה איז געווען אין דער
האנד פון דער אשה אונ דער כהן האט
זיינע הענד געלייגט אונטער דער האנד פון
דער אשה אונ האט אויף געהובען פרעגט
דער אמרי נועם ווי געשיקט זיך דאס דער
כהן זאל אן רירען אין דער האנד פון איין
אשה דער תירוץ איז דער כהן איז געווען
אזקן ום דער יצר הרע הט זיך אפ געטואן
פון אים אונ אפילו איונגר כהן אין אקליינע
ווילע וועט דער יצר הרע אים ניט ברענגן צו
קיין בייזע מחשבות (ואמרה האשה אמן
ואמן) רש"י שרייבט די אשה האט אויף דיא

קללות געזאגט אמן אמן כלומר די קללות
זאלן אין איר מקוים ווערן אוב זי הט מזנה
געוועזן מיט דעם וואס מען איז זי חושד אדר
אוב זי האט מזנה געוועזן מיט איין אנדערן
אונ ווען מען האט דעם שם אפ געמעקט
אין דעם וואסר אונ די אשה הט ניט געוואלט
טרינקען הט מען זי גענייט זי האט געמוזט
טרינקען סיידען זי הט מודה געוועזן אז זיא
האט מזנה געוועזן (ונקתה ונזרעה זרע) אונ
ווען די אשה הט אבר ניט מזנה געוועזן הט
איר דאס וואסער ניט געשאדט אונ פאר
דער חרפה וואס זי הט איין גענומען האט
איר גאט געצאלט דהיינו ווען זיא הט פריר
קיין קינדר ניט געהאט וועט זי היינט האבן
קינדר מיט איר מאן אונ ווען זי הט געהאט
קינדר מיט צער וועט זי היינט גרינג האבן
קינדר אונ ווען זי הט פריר געהאט טעכטר
וועט זי היינט האבן זין אונ ווען זי הט פריר
געהאט שווארצע קינדער וועט זיא היינט
האבען ווייסע קינדער (ונקה האיש מעון)
אונ דר מענש וועט זיין ריין פון דר עבירה
רש"י אונ דער אמרי נועם שרייבען דער
פסוק ווייזט אונז דער מאן זאל ניט זאגען
איך בין שולדיג דאס איך האב געבראכט
זי צום כהן מען זאל איר געבן דס ביטערע
וואסר ום ויא איז דורך דעם געשטארבען
דרום זאגט די תורה דער מאן וועט זיין ריין
פון דעם עונש אויך ווייזט אונז דער פסוק
ווען דאס וואסר הט איר ניט געשאדט איז
זי ריין געבליבען אונ איז מותר צום מאן אזוי
ווי פריער, דער אמרי נועם שרייבט דריי
מאל שטייט אין דער תורה ונקה צו ווייזן
דאס דריי מאל איז מען דעם מענש מוחל
זיינע עבירות איינם ווען אמענש איז עולה
לגדולה דאס אנדרע איז ווען ער איז קראנק
געוועזן אונ איז געזונד געווארן דאס דריטע
איז ווען אחתן גייט אונטר דער חופה דער
רמב"ן אונ דער בחיי שרייבען (ונקה האיש
מעון) דאס איז טייטש ווען דער מאן איז
ריין פון זינד דאס ער האט קיין מאל ניט
מזנה געוועזן אונ איז ביי זיין ווייב ניט געוועזן
זייט ער הט איר פאר ווערט זי זאל זיך ניט
פאר בארגען מיט דעם מענש ניבט מען

זיין ווייב טרינקען דאס וואסר אבער אז ער איז ניט דיין גיבט מען איר ניט צו טרינקען אונ אויך ווען ער איז ביי זיין כלה געלעגען פאר דער חופה האט מען זיין ווייב קיין וואסר צו טרינקען געגעבען אונ ווען ער האט זיין ווייב ניט פאר ווערט הט מען איר קיין וואסער געגעבען צו טרינקען אונ אויך ווען אכהן האט גענומען אגרושה וואס זי איז צו אים אסור האט מען איר אויך ניט געגעבען וואסר צו טרינקען (איש כי יפליא וגו') ווען אמענש וועט אנדר טואן צו זיין אנזיר פון גאטס וועגען רש"י אונ דער בחיי שרייבען דרום הט די תורה אן געשריבען די פרשה פון נזיר נאהענט פון דער פרשה פון סוטה צו ווייזען ווען אמענש זעהט איין סוטה איז וואָרן געשטראפט זאל ער זיך אפ שיידען פון ווייון טרינקען ווייל דיא עבירות קומען פון וועגען וויין טרינקען (תער לא יעבור על ראשו) ער זאל ניט שערן די האר פון זיין קאפ אונ דרום הייסט ער אנזיר פון גאטס וועגען דורך דעם וואס ער שייד זיך אפ פון וויין טרינקען קען ער גאט דינען מיט אלויטערען שכל. דער בחיי אונ דער אבן שואב שרייבען דרום האט ער געלאזט וואקסען די האר פון זיין קאפ דען ווען מען לאזט גרויסע האר איז מען ניט פרייליך דרום וועט ער מורא האבען פאר גאט אונ וועט אים רעכט דינען. דר תולדות יצחק אונ אויך דער אבן שואב שרייבען דרום איז דיא פרשה פון נזיר וואָרען געשריבען נעבין דר פרשה פון סוטה צו ווייזען דיא סוטה אז זיא איז מזנה איז זיא עובר אויף די עשרת הדברות וואס משה הט מקבל געוועזן אויף דם בארג סיני אונ דר נזיר האלט זיי אונ טוט נאך מער ווי מען דארף. רב הונא זאגט פון וועגען רבי אבא איין אשה וואס זיא איז מזנה איז זיא עובר אויף די עשרת הדברות. דם ערשטע איז ווען זיא איז מזנה אונ פר לייקנט איז גליך ווי זיא לייקנט אין גאט אונ איז עובר אויף (אנכי יי אלהיך) איך בין גאט דיין גאט. דם אנדערי איז ווען זיא איז מזנה מיט אפרעמדין מאן איז גלייך ווי זיא נעמט אפרעמדין גאט איז זיא עובר אויף (לא יהיה לך) דו זאלסט ניט האבען קיין פרעמדין גאט. דאס דריטע איז ווען זיא איז מזנה אונ שווערט זיא הט ניט מזנה געוועזן איז זיא עובר אויף (לא תשא) דו זאלסט ניט פאלש שווערען. דם פערדע איז ווען זיא איז מזנה אונ הט אזון פון דם זנות אונ איר מאן איז אכהן אזו מיינט מען דם קינד איז אכהן אונ ער טוט די עבודה אין בהמ"ק אום שבת אונ אין אמת איז ער אזון פון אישראל אונ איז אומזיסט מחלל שבת אונ זיא איז דם גורם דרום איז זיא עובר אויף (זכור את יום השבת). דם פיפטע איז עם קען זיין דם דר זון דר שלאגט דם נואף וום ער איז זיין רעכטער פאטער דען ער האלט איר מאן פר ארעכטען פאטר אונ זיא איז דם גורם אזו איז זיא עובר אויף (כבד את אביך). דם זעקסטע איז צו צייטן הרגית דר נואף דם מאן דורך איר איז זיא עובר אויף (לא תרצח). דם זיבעטע איז (לא תנאף) מען זאל ניט מזנה זיין. דם אכטע איז (לא תגנוב) אונ דר וום איז מזנה גנבית אוועק פון זיין חבר זיין ווייב. דם ניינטע איז (לא תענה) מען זאל ניט פאלש עדות זאגען אונ ווען זיא ווערט טראגען פון זנות אונ זאגט צום מאן איך בין פון דיר טראגין אזו זאגט זיא פאלש עדות. דם צעהנטע איז (לא תחמוד) מען זאל ניט גליסטען פון זיין חבר אונ דר נואף גליסט זיין חברס ווייב. (כל ימי נזרו קדוש הוא) דר נזיר דארף זיין הייליג ער זאל זיך ניט מטמא זיין צו קיין מת ווען אפילו זיין פאטר אונ מוטר אדר אברודר אדר אשוועסטר שטארבען זאל ער זיך צו זיי ניט מטמא זיין (וכפר עליו מאשר חטא על הנפש) ווען ער איז פלוצלונג אריין געגאנגן אין אהוז פון אמת אונ איז טמא געווארען זאל ער ברענגען אקרבן פר אכפרה אויף דר עבירה וום ער האט געזינדיגט. רש"י שרייבט ער האט געזינדיגט וום ער הט זיך ניט געהיט טמא צו ווערען רבי אליעזר זאגט ער הט געזינדיגט וום ער הט זיך אפ געשייד פון צו טרינקען וויין אונ האט מצער געוועזן דעם גוף. דער תולדות יצחק פרעגט נאך רש"י נאך וום

ער

עֶר שְׁרַייבְּט עֶר הָט גֶעזִינְדִיגְט וָוס עֶר אִיז טָמֵא גֶעוָוארֶען וָוס אִיז עֶר שׁוּלְדִיג גֶעוֶועזֶען וָוס עֶר אִיז פְּלוּצְלוּנְג אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין אַהוֹיז פוּן אַמֵת אוּנ הָט דֶר פוּן נִיט גֶעוואוּסְט וָוארוּם זָאל עֶר אַקָרְבָּן בְּרֶענְגֶען, דֶר תֵּירוּץ אִיז דֶר מֶענְשׁ וָוס אִיז אַנָזִיר אִיז עֶר זֵייעֶר פְּרוּם אוּנ וֶוען עֶר קוּמְט אַרַיין אִין אַהוֹיז מַאכְט עֶר גֶעדֶענְקִין דִיא עֲבֵירוֹת פוּן דֶם בַּעַל הַבַּיִת פַר גָאט דֶען דִיא מַלְאָכִים זָאגֶען דֶר נָזִיר אִיז אַגְרוֹסֶער צַדִיק אוּנ דֶר בַּעַל הַבַּיִת אִיז אַקֶעגֶען אִים אַרָשָׁע אַזוֹ טוּט גָאט טֵייטֶען דֶם בַּעַל הַבַּיִת דוּרְךְ דֶם נָזִיר דְרוּם מוּז דֶר נָזִיר אַקָרְבָּן בְּרֶענְגֶען דַארוֹיף וָוס דֶר בַּעַל הַבַּיִת אִיז דוּרְךְ אִים גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ דֶר רמב״ן אוּנ דֶר בְּחַיֵי אוּנ דֶר אֶבֶן שׁוֹעַיב שְׁרַייבֶּען דְרוּם בְּרֶענְגְט דֶר נָזִיר אַקָרְבָּן וַוייל עֶר אִיז נָאר אַנָזִיר דְרַייסִיג טָאג אוּנ דֶר נָאךְ אִיז עֶר אַזוֹ וִוי פְרִיעֶר אוּנ אִיז זִיךְ מְטַמֵא צוּ מֵתִים אוּנ טְרִינְקְט וַויין דַארוֹיף דַארְף עֶר אַקָרְבָּן בְּרֶענְגֶען וַוייל עֶר אִיז נִיט גֶעבְּלִיבֶּען אֵייבִּיג אַנָזִיר אַזוֹ וִוי שְׁמוּאֵל הַנָבִיא אוּנ וִוי אַנְדֶערֵי נְזִירִים דֶען דֶר פָּסוּק גְלַייכְט דֶם נָזִיר צוּ אַנָבִיא אוּנ וִוי גֶעשִׁיקְט זִיךְ עֶר זָאל זִיךְ נָאךְ דְרַייסִיג טָאג אָפּ שֵׁיידֶען דֶער פוּן דְרוּם זָאל עֶר בְּרֶענְגֶען אַקָרְבָּן, דֶער בַּעַל הַטוּרִים שְׁרַייבְּט (עַל כָּל נַפְשׁוֹת מֵת לֹא יָבֹא) וַוייל עֶר אִיז אַנָזִיר אוּנ דִי שְׁכִינָה רוּהְט אוֹיף אִים אוּנ עֶר וַוייסְט דוּרְךְ דֶם וָוס עֶס וֶועט זַיין דְרוּם זָאל עֶר צוּ קֵיין מֵת נִיט קוּמֶען כְּדֵי מֶען זָאל נִיט זָאגֶען עֶר טוּט כִּישׁוּף מִיט דִיא מֵתִים אוּנ דוּרְךְ דֶם וַוייזְט עֶר וָואס עֶס וֶועט זַיין דֶען עֶס זֶענֶען פִיל מְכַשְׁפִים וָוס וַוייסֶען דוּרְךְ מֵתִים וָוס עֶס וֶועט זַיין אַזוֹ וִוי דוּרְךְ נְבִיאוֹת (זֹאת תּוֹרַת הַנָזִיר) דָס זֶענֶען דִי דִינִים פוּן דֶם נָזִיר וֶוען עֶס הָט זִיךְ אוֹם גֶעלָאזְט דִיא דְרַייסִיג טֶעג זָאל עֶר בְּרֶענְגֶען אַקָרְבָּן אוּנ זָאל אָפּ שֶׁערֶען דִי הָאר פוּן זַיין קָאפּ אוּנ זָאל זֵיי פַר בְּרֶענֶען אוּנְטֶער דֶם קֶעסֶעל וִוי מֶען קָאכְט דִי שְׁלָמִים (יְבָרֶכְךָ יְיָ וְיִשְׁמְרֶךָ) גָאט הָט גֶעגֶעבֶּן רְשׁוּת צוּ דִיא כֹּהֲנִים זֵיי זָאלֶען בֶּענְטְשֶׁען יִשְׂרָאֵל אוּנ אַזוֹ זָאלֶען זֵיי זָאגֶען (יְבָרֶכְךָ יְיָ) גָאט זָאל דִיךְ יִשְׂרָאֵל בֶּענְטְשֶׁען מִיט פִיל גוּטְס אוּנ גֶעלְד (וְיִשְׁמְרֶךָ) אוּנ עֶר זָאל דִיךְ הִיטֶען דֶען וֶוען אַהַאר שֶׁענְקְט אֵיינִים אַמַתָּנָה אוּנ עֶס קוּמֶען גַזְלָנִים אוּנ נֶעמֶען עֶס אַוֶועק פוּן אִים

וואם

ליקוטי יקרים

(וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר) הָאט גָאט גֶערֵייד צוּ מֹשֶׁה אוּנ הָאט אִים אַזוֹ גֶעזָאגְט רֵייד צוּ אַהֲרֹן אוּנ צוּ זַיינֶע קִינְדֶער אוּנ זָאלְסְט צוּ זֵיי אַזוֹ זָאגֶען אַזוֹ זָאלְט אִיר בֶּענְטְשֶׁן דִיא יִשְׂרָאֵל (אָמוֹר לָהֶם) מֶען זָאל זֵיי פִיר זָאגֶען דִיא בְּרָכוֹת וָוארְט בְּאוָוארְט אַזוֹ וִוי דֶר כְּלִי יָקָר שְׁרַייבְּט פוּן דֶם פָּסוּק (אָמוֹר לָהֶם) אִיז גֶעדְרוּנְגֶען אַז דֶר חַזָן זָאגְט פִיר דִי כֹּהֲנִים וָוארְט בְּאוָוארְט דֶם נוּסַח פוּן בִּרְכַּת כֹּהֲנִים אוּנ דֶר טַעַם פוּן דֶר זַאךְ אִיז וָוארוּם דֶר חַזָן אִיז אַמֶעקְלֶער אוּנ צִיהְט דִיא בְּרָכוֹת פוּן זֵייעֶר קְוַואל אוּנ גִיסְט זֵיי אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן דִי כֹּהֲנִים מִיט דֶם וָוס עֶר זָאגְט צוּ דִי כֹּהֲנִים וָוארְט בְּאוָוארְט (יְבָרֶכְךָ ה׳ וְיִשְׁמְרֶךָ) כְּדֵי עֶר זָאל דֶם כֹּהֵן מַאכֶן פַר אַכֵּלִי פוּל מִיט בְּרָכוֹת פוּן גָאט אוּנ דֶר נָאךְ אַז דֶר כֹּהֵן זָאגְט (יְבָרֶכְךָ ה׳) גִיסְט עֶר פוּן אַפוּלֶע כֵּלִי אִין אַלֵיידִיגֶע כֵּלִי דָס זֶענֶען דִיא יִשְׂרָאֵל וֶוען דֶר כֹּהֵן זָאל אָבֶּר נִיט גִיבֶּענְטְשְׁט וֶוערֶען פְרִיעֶר פוּן דֶם חַזָן וָואלְט עֶר גֶעגָאסֶן פוּן אַלֵיידִיגֶע כֵּלִי אִין אַלֵיידִיגֶע כֵּלִי אוּנ דָס אִיז אוֹיךְ דֶר פְּשָׁט פוּן דֶם פָּסוּק (וְשָׂמוּ אֶת שְׁמִי עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַאֲנִי אֲבָרְכֵם) זֵיי וֶועלֶען טָאן מַיין נָאמֶן אוֹיף דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִיט דֶם וָוס זֵיי וֶועלֶען זֵיי בֶּענְטְשֶׁן אוּנ אִיךְ וֶועל דִיא כֹּהֲנִים פְרִיעֶר בֶּענְטְשֶׁן דוּרְךְ דֶם וָוס דֶר חַזָן וֶועט זֵיי פִיר זָאגֶען בִּרְכַּת כֹּהֲנִים (יְבָרֶכְךָ ה׳ וְיִשְׁמְרֶךָ) גָאט בָּרוּךְ הוּא זָאל דִיךְ בֶּענְטְשֶׁן אוּנ זָאל דִיךְ הִיטֶן עֶר זָאל לַייכְטֶן מִיט זַיין פָּנִים צוּ דִיר אוּנ זָאל דִיךְ לַייט זֶעלִיגֶן עֶר זָאל אוֹיף הֵייבֶּן זַיין פָּנִים צוּ דִיר אוּנ זָאל צוּ דִיר טָאן פְרִידֶען. דֶר אַלְשִׁיךְ הַקָדוֹשׁ שְׁרַייבְּט דֶר פְּשַׁט פוּן בִּרְכַּת כֹּהֲנִים אִיז אַזוֹ, גָאט זָאל דִיךְ בֶּענְטְשֶׁן דַוְקָא אַלֵיין נִיט דוּרְךְ אַמַלְאָךְ אָדֶער אַשָׁלִיחַ אוּנ נִיט נָאר בֶּענְטְשֶׁן זָאל עֶר דִיךְ אַלֵיין נָאר דָם הִיטוּנְג וָוס עֶס אִיז דֶר סֵדֶר אַז עֶס זָאל יוֹא זַיין דוּרְךְ אַשָׁלִיחַ אַזוֹ וִוי דֶר פָּסוּק זָאגְט (כִּי מַלְאָכָיו) עֶר וֶועט גֶעבִּיטֶן זַיינֶע מַלְאָכִים זָאלֶען דִיךְ הִיטֶען אוֹיף אִיטְלִיכֶן וֶועג פוּן דַיינֶע וֶועגֶען אוּנ ווִידֶער זָאגְט דֶר פָּסוּק (הִנֵה אָנֹכִי שׁוֹלֵחַ מַלְאָךְ) אִיךְ וֶועל שִׁיקֶן אַמַלְאָךְ עֶר זָאל דִיךְ הִיטֶן אוֹיף דֶם וֶועג ווִינְשֶׁען מִיר אֵייךְ אַז דָם הִיטוּנְג זָאל נָאר זַיין בַּוְקָא דוּרְךְ גָאט ב״ה אַלֵיין נִיט דוּרְךְ אַשָׁלִיחַ:

וָוס פַר אֵיין הֲנָאָה הָט עֶר פוּן דֶער מַתָּנָה אָבֶּר וֶוען גָאט גִיט עֶפִּים אַמֶענְש אַזוֹ הִיט עֶר עֶס מֶען זָאל בַּיי אִים נִיט אַוֶועק נֶעמֶען (יָאֵר יְיָ פָּנָיו אֵלֶיךָ וִיחֻנֶּךָּ) גָאט זָאל דִיר וַוייזֶן אַפְרֵיילֶךְ פָּנִים אוּנ זָאל דִיר חֵן גֶעבֶּען בַּיי אַלֶע וָוס וֶועלֶען דִיךְ זֶעהֶען (יִשָּׂא יְיָ פָּנָיו אֵלֶיךָ וְיָשֵׂם לְךָ שָׁלוֹם) גָאט זָאל צוּ נֶעמֶען דַיין צָארֶען פוּן דִיר אוּנ זָאל דִיר גֶעבֶּען שָׁלוֹם אִין עֶרְשְׁטֶען פָּסוּק אִיז דְרַיי וֶוערְטֶר אַקֶעגֶען דִי דְרַיי וָוס מֶען רוּפְט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מִנְחָה אוּנ מָאנְטִיג אוּנ דָאנֶערְשְׁטִיג אוּנ אִין אַנְדֶערִין פָּסוּק אִיז פִינְף וֶוערְטֶר אַקֶעגֶען דִי פִינְף וָוס מֶען רוּפְט אוֹיף אִים יוֹם טוֹב אוּנ אִין דְרִיטֶען פָּסוּק אִיז זִיבֶּען וֶוערְטֶר אַקֶעגֶען דִי זִיבֶּען וָוס מֶען רוּפְט אוֹיף שַׁבָּת פְרִיא (וְיָשֵׂם לְךָ שָׁלוֹם) אוּנ דוּרְךְ דֶעם מַאכְט גָאט שָׁלוֹם צְווִישֶׁן שֵׁבֶט לֵוִי אוּנ צְווִישֶׁן אַנְדֶערִי יִשְׂרָאֵלִים דֶען פוּן שֵׁבֶט לֵוִי רוּפְט מֶען אוֹיף אַזוֹ פִיל וִוי פוּן יִשְׂרָאֵלִים דֶען אוּם שַׁבָּת פְרִיה רוּפְט מֶען אוֹיף צְווֵיי פוּן שֵׁבֶט לֵוִי אַכֹּהֵן אוּנ אַלֵוִי אוּנ צְווֵיי צוּ מִנְחָה אַכֹּהֵן מִיט אַלֵוִי אוּנ אוּם מָאנְטִיג אַכֹּהֵן מִיט אַלֵוִי אוּנ אוּם דָאנֶערְשְׁטִיג אוֹיךְ אַזוֹ אִיז מִיט אַנַאנְדֶער אַכְט פוּן שֵׁבֶט לֵוִי אוּנ פוּן יִשְׂרָאֵלִים רוּפְט מֶען אוֹיךְ אוֹיף אַלֶע וָואךְ אַכְט פִינְף שַׁבָּת פְרִיה אוּנ אֵיינִים צוּ מִנְחָה אוּנ אֵיינִים מָאנְטִיג אוּנ אֵיינִים דָאנֶערְשְׁטִיג אַזוֹ אִיז שׁוֹין קֵיין קְרִיג צְווִישֶׁן דִי שְׁבָטִים אוּנ דִי תּוֹרָה הָט אָן גֶעשְׁרִיבֶּן דִי בִּרְכּוֹת כֹּהֲנִים נֶעבִּין דֶר פַּרְשָׁה פוּן נָזִיר וָוס עֶר הָט זִיךְ אָפּ גֶעשֵׁייד פוּן וַויין אוּנ פוּן אַנְדֶערִי תַּעֲנוּגִים צוּ וַוייזֶען דֶר וָוס גֵייט נִיט נָאךְ תַּעֲנוּגִים קוּמְט אוֹיף אִים דִיא בִּרְכּוֹת כֹּהֲנִים אַזוֹ שְׁרַייבְּט דֶר תּוֹלְדוֹת יִצְחָק (וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן) אוּנ עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דֶם טָאג וָוס מֹשֶׁה הָט אוֹיף גֶעשְׁטֶעלְט דֶם מִשְׁכָּן הָאבֶּן דִי נְשִׂיאִים מַקְרִיב גֶעוֶוען זַייעֶר קָרְבָּן, רש״י בְּרֶענְגְט וָוארוּם שְׁטֵייט נִיט אִין וָוס פַר אַטָאג מֹשֶׁה הָט אוֹיף גֶעשְׁטֶעלְט דָאס מִשְׁכָּן, דֶר תֵּירוּץ אִיז מֹשֶׁה הָאט זִיבֶּען טָאג אַלֶע טָאג אוֹיף גֶעשְׁטֶעלְט דֶם מִשְׁכָּן אוּנ הָט אִים וִוידֶער צוּ נוּמֶען אוּנ אִין דֶם אַכְטֶען טָאג דֶם אִיז גֶעוֶוען רֹאשׁ חֹדֶשׁ נִיסָן הָט עֶר אוֹיף גֶעשְׁטֶעלְט דֶם מִשְׁכָּן אוּנ הָט אִים גֶעלָאזְט שְׁטֵיין (וַיְהִי הַמַּקְרִיב וגו׳ קַעֲרַת כֶּסֶף אַחַת כַּף אַחַת) דֶר בְּחַיֵּי שְׁרַייבְּט אִיטְלִיכֶר נָשִׂיא הָט מֶער נִיט גֶעבְּרַאכְט נָאר אַזִילְבֶּערְנֶע שִׁיסֶל אוּנ אַלֶעפִיל אוּנ אַצִיקַאלֶע אוּנ צְווֵיי רִינְדֶער עֶס אִיז אַמָשָׁל אַהַאר וָוס פָּארְט אִין וֶועג אוּנ זַיינֶע עֲבָדִים זֶענֶען אִים נִיט אַזוֹ פִיל מְכַבֵּד וִוי מֶען דַארְף אַהַאר מְכַבֵּד זַיין הָט עֶר זֵיי דֶם גִיפְרֶעגְט זָאגִין דִי עֲבָדִים מִיר זֶענֶען אִין וֶועג אַז מִיר וֶועלֶען אַהֵיים קוּמֶן אִין אוּנְזֶר לַאנְד וֶועלֶען מִיר דִיךְ בֶּעסֶער מְכַבֵּד זַיין אַזוֹ אוֹיךְ דִיא נְשִׂיאִים זֶענֶען גֶעוֶוען אִין דֶער מִדְבָּר נִיט אִין קֵיין בַּאזֶעסֶען לַאנְד דְרוּם הָאבֶּען זֵיי וֶוינִיג גֶעבְּרַאכְט צוּ אַקָרְבַּן אָבֶּר אַז זֵיי וֶועלֶען קוּמֶן אִין זֵייעֶר לַאנְד וֶועלֶען זֵיי פִיל בְּרֶענְגֶען צוּ אַקָרְבַּן אַזוֹ וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֵייט (הֵיטִיבָה בִרְצוֹנְךָ אֶת צִיּוֹן אָז יַעֲלוּ עַל מִזְבַּחֲךָ פָרִים) וֶוען עֶס וֶועט גֶעבּוֹיעֶט וֶוערֶען דִיא שְׁטָאט צִיּוֹן וֶועלֶען מִיר בְּרֶענְגֶען פִיל רִינְדֶער אוֹיף קָרְבָּנוֹת אוּנ אַזוֹ גֶעפִינֶען מִיר בַּיי שְׁלֹמֹה אַז עֶר הָאט אוֹיף גֶעבּוֹיעֶט דָאס בהמ״ק הָט עֶר גֶעבְּרַאכְט אֵיין קָרְבַּן צְווֵיי אוּנ צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְד רִינְדֶער אִין אֵיין מָאל אוּנ הוּנְדֶערְט אוּנ צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְד שָׁאף (וַיַּקְרִיבוּ נְשִׂיאֵי הַמַּטּוֹת) דִיא נְשִׂיאִים הָאבֶּען גֶעבְּרַאכְט קָרְבָּנוֹת זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען שׁוֹטְרִים בַּיי פַּרְעֹה דֶם עֶר הָט זֵיי גֶעזֶעצְט זֵיי זָאלֶען זֶעהֶען דִיא יִשְׂרָאֵל זָאלֶען אַרְבֵּייטֶן אוּנ אַז דִי יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן נִיט רֶעכְט גֶעאַרְבֵּייט הָט פַּרְעֹה גֶעהֵייסֶען שְׁלָאגֶען דִיא שׁוֹטְרִים אוּנ זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט שְׁלָאגֶן אוּנ הָאבֶּען נִיט שְׁוֶוער גֶעמַאכְט דִי אַרְבֵּייט אוֹיף יִשְׂרָאֵל אוּנ זֵיי וֶוערֶען גֶערוּפֶען נְשִׂיאֵי יִשְׂרָאֵל אוֹיךְ נְשִׂיאֵי הַמַּטּוֹת צוּ וַוייזֶען זֵיי הָאבֶּען דְרוּם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין נְשִׂיאִים וַוייל זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט שְׁלָאגֶען מִיט שְׁטֶעקִינְס פוּן וֶועגֶען יִשְׂרָאֵל דֶען מַטּוֹת אִיז טַייטְשׁ שְׁטֶעקִין (שֵׁשׁ עֶגְלֹות צָב) דִי נְשִׂיאִים הָאבֶּן גֶעבְּרַאכְט זֶעקְס בַּאהָאנְגִינֶע וֶועגֶען אוּנ צְוֶועלִיף רִינְדֶער צְווֵיי רִינְדֶער צוּ אֵיין וָואגֶען אוּנ מֹשֶׁה הָט זֵיי נִיט גֶעוָואלְט צוּ נֶעמִין בִּיז גָאט הָט אִים גֶעהֵייסֶען נֶעמִין, ר׳ נָתָן זָאגְט וָוארוּם הָאבֶּן דִיא נְשִׂיאִים דָא דִי קָרְבָּנוֹת צוּם עֶרְשְׁטֶען

געבראכט

געבראכט און ביי דער נדבה צום משכן האבען זיי געבראכט צום אונטערשטין דר תירוץ איז ביי דר נדבה האבען די נשיאים געזאגט לאזען כל ישראל פריער ברענגען און עס וועט געווים פיל אפ גיין וועלען מיר דם דר לייגען אבר די ישראל האבען נאך איבריג געבראכט האבען שון דיא נשיאים ניט געהאט וואס צו ברענגען האבען זיי נאר געבראכט אבנים טובות צום חושן דרום האבען זיי זיך ביי דיא קרבנות געפעדערט צום ערשטען זיי זאלען אויך ניט פר זאמען און משה הט געגעבען צוויי וועגין מיט פיר רינדר צו דיא קינדר פון גרשון, דר בחיי און דר חזקוני שרייבען די קינדר פון גרשון האבען געטראגן די אום העננ און די דעקין פון משכן וואס איז פון זייד און עס איז גרינג דרום האבען זיי גענוג געהאט צוויי וועגין מיט פיר אקסען און צו די קינדר פון מררי האט משה געגעבען פיר וועגען מיט אכט רינדער ווייל זיי האבען שווערע משאות געטראגען די ברעטר מיט די ריגלין און די ניילען און די שוועלין און צו די בני קהת האט ער ניט געגעבען קיין וועגין ווייל זייא האבען געטראגען דיא הייליגע כלים דעם שולחן און דם ארון און דם מזבח און דיא מנורה, און נאך הייליגע כלים דאס דארף מען טראגען אויף דם אקסיל ניט אויף קיין וועגין; דר בחיי שרייבט זיי האבען דרום זעקס וועגען געבראכט אקעגען דיא זעקס הימלען און דער הימעל וואס נאט זיצט איז ניט גערעכינט הט משה געזאגט צו גאט וואס וועט זיין ווען איין רינד וועט פייגערין אדר איין ראד פון די רעדר וועט צו בראכן ווערען וועט חס ושלום פסול ווערען דער קרבן פון די נשיאים הט גאט צו אים געזאגט (קח מאתם והיו) נעם פון זיי און זיי וועלען בלייבען איביג אטייל רבנים זאגען דיא רינדער האבען געלעבט ביז שלמה המלך הט דם בהמ״ק אויף געבויעט אזו הט ער זיי מקריב געוועזן צו אקרבן און ר׳ מאיר זאגט זיי לעבען נאך היינט אויך פון דאגען קען מען אפ לערנען ווי די רינדר לעבען איביג ווייל זיי האבען געדינט ביי דם משכן מכל

שכן ווען אמענש לערנט תורה און דינט גאט וועט ער בוודאי איביג לעבען אויף יענים עולם (ויאמר ה׳ אל משה נשיא אחד ליום) משה הט ניט געוואלט די קרבנות אן נעמען ביז גאט הט אים געזאגט וואס מען זאל טאן מיט זיי און ווי אזו מען זאל זיי מקריב זיין און ווער עס זאל פריער מקריב זיין (נחשון בן עמינדב למטה יהודה) צום ערשטען הט געבראכט זיין קרבן נחשון בן עמינדב פון זיין געלד ניט פון דם געלד פון זיין שבט, דר בחיי און דר צרור המור און דר חזקוני שרייבען עס שטייט אין דר תורה ביי נחשון וקרבנו מיט איין וא״ו חאטשע ער איז געוועזן דר ערשטר דם ווייזט דם דר הט זיך ניט הויך געהאלטען דר מיט וואס מען הט זיין קרבן צום ערשטען מקריב געוועזן דרום שטייט (וקרבנו) דם איז טייטש און זיין קרבן איז אויך אזו געוועזן גלייך ווי דיא איינר האט שון פריער מקריב געוועזן און אויך דרום שטייט ניט ביי נחשון נשיא אזו ווי ביי אלע נשיאים נאר עס שטייט (ויהי המקריב ביום הראשון את קרבנו נחשון בן עמינדב למטה יהודה) צו ווייזען דאס נחשון איז געוועזן אגרוסער עניו און הט זיך נידריג געהאלטען גלייך ווי ער איז ניט קיין נשיא און דער בעל הטורים שרייבט עס שטייט דרום ביי נחשון (וקרבנו) מיט איין (ואו) צו ווייזן דאס פון נחשון זענין ארוס געקומען זעקס חשובע קינדר וואס איטליכר איז געבענשט געווארען מיט זעקס ברכות און דאס זענען זיי דוד משיח דניאל חנניה מישאל ועזריה, און דר צרור המור שרייבט זעקס זאכען זענען ווארן אפ געטאן פון אדם הראשון אז ער האט געגעסן פון דעם עץ הדעת און דיא וועלט איז געווען געמינערט פון דיא זעקס זאכען ביז נחשון הט מקריב געוועזן זיין קרבן דרום שטייט איין איבריגע וא״ו וואס זיא האט אין דר צאל זעקס (ביום השני הקריב נתנאל בן צוער נשיא יששכר) רש״י שרייבט דרום הט די תורה גישטעלט בייא דעם נשיא פון יששכר דאס ווארט הקריב מער ווי ביי אלע נשיאים דאס איז ווייל דר נשיא פון ראובן הט געוועהן דאס

דר נשיא פון יהודה איז צום ערשטן מקריב האט ער געזאגט נאך אים מוז איך מקריב זיין ווייל מיין שבט איז איין בכור הט משה געזאגט לאז דער נשיא פון שבט יששכר מקריב זיין דען אזו הט גאט געהייסן דרום שטייט הקריב ער איז ווארן געגעהינגט דם משה האט אים געגעהינגט ער זאל פריער מקריב זיין אונ דרום שטייט צווייא מאל הקריב צו ווייזן פון צווייא זאכן וועגין הט דר נשיא פון יששכר זוכה געוועזן צו ברענגן פריער זיין קרבן איינס איז ווייל שבט יששכר לערינט תורה אונ דם אנדרע איז ווייל דר נשיא פון יששכר האט דיא עצה געגעבן צו דיא נשיאים זייא זאלן ברענגן קרבנות אויף דם חנוכת המזבח אונ וואס מען זאל ברענגן. דער אבן שועב שרייבט די פרשה לערינט אונז דם עס איז ניט פר האנדן קיין בעסרע מדה ווי צו האלטן זיך נידריג אזו ווי מיר געפינן ביי אברהם דם ער הט געזאגט ואנכי עפר ואפר איך בין ערד אונ אש אונ משה אונ אהרן האבן געזאגט ונחנו מה וואס זענען מיר. נאך שטייט ביי משה (והאיש משה ענו מאד) משה האט זיך זייער נידריג געהאלטן אונ שאול המלך האט זיך פאר בארגן אז מען הט אים געוואלט פר איין מלך מאכן אונ האט ניט געוואלט קיין שררה אן נעמן אונ ער איז געוועזן אגרוסר צדיק מיט צניעות דען אז די ישראל האבן איין חרם געגעבן מען זאל קיין טאכטר ניט געבן צו שבט בנימין פאר איין ווייב ווייל דורך זייא איז געפאלן פיל פון ישראל איבר דר מעשה פון פילגש בגבעה אונ דער נאך האבן דיא ישראל חרטה געהאט אונ האבן געלאזט דיא בתולות פון זייא אלע יאר איין טאנץ מאכן אין די וויין גערטנר אונ שבט בנימין זענען געקומן אונ האבן געכאפט בתולות פון ישראל צו זיך פר ווייבר אונ די ישראל האבן דם געלאזט כדי עס זאל ניט געמינרט ווערן אשבט פון ישראל אונ שאול המלך איז אויך געוועזן פון שבט בנימין אונ איז געוועזן אביישן ער הט זיך געשעמט צו חאפן אבתולה ביז עס איז געקומן אחשובי בתולה

אונ הט אים גענומן טאנצן צו ווייזן דם זיא וויל אים פר אמאן אזו הט ער די בתולה גענומן פר אווייב אונ הט מיט איר געהאט אזון ער האט געהייסן יונתן ער איז געוועזן אגוטר חבר צו דוד אונ אז שאול האט געוואלט דוד דר שלאגן הט יונתן גטענית מיט זיין פאטר פאר דוד איז שאול ברוגז געווארן אונ זאגט צו אים בן נעות המרדות דו ביסט איין עזות פנים דו ביסט געראטן אין דיין מוטר זיא האט אויך באווייזן עזות אקעגין מיר צו אן נעמן מיך טאנצן, אויך געפינן מיר דם אונזרע חכמים זאגן דר וואס הערט ווי מען פר שעמט אים אונ שווייגט שטיל איז זיין שכר זייער גרוס אזו ווי מיר געפינן דם אחסיד הט געהערט ווי אמענש הט אויף אים ביז גירייד האט דער חסיד אים געשיקט אמתנה אונ זאגט צו אים דו האסט מיר געגעבן דיינע זכיות וואס דו האסט דרום שיק איך דיר אמתנה דער חכם זאגט ווען מען ברענגט דעם מענשן אויף יענם עולם ברענגט מען פר אים אלע זיינע זכיות זאגט ער איך האב ניט אזו פיל זכיות געטאן אויף מיינע טעג ענפערט מען אים דו האסט אלע דיינע טעג געשוויגן אז מען הט פון דיר ביז גירייד דרום זאלסטו אצונדרט נעמן די זכיות אונ די מצות וואס יענער הט געטאן וואס האט אויף דיר ביז גירייד דרום זאל מען זעהן נידריג זיך צו האלטן מיט זיין עשירות אונ אין אלע זאכן אזו ווי מיר געפינן ביי דיא נשיאים דם זיי האבן זיך ניט פאר לאזט אויף זייער זכות נאר אויף דעם זכות פון זייערע עלטרן אזו וויא רש"י שרייבט דאס זייער קרבן איז געוועזן אקעגין די עלטרן (קערת כסף) הט אין דר צאל ניין הונדרט אונ דרייסיג דם איז אקעגין דיא יארן פון אדם הראשון וואס ער האט אזו געלעבט אונ דיא שיסל האט געוואגן הונדרט אונ דרייסיג שקלים דם איז אקעגין דעם וואס אדם הראשון הט געוויגן אזון אז ער איז אלט געוועזן הונדרט אונ דרייסיג יאר וואס פון אים איז דיא וועלט בזעצט געווארן (מזרק אחד כסף) איין זילברנר שפרענג בעקין אונ מזרק אחד

כסף

כֶּסֶף הָט אִין דֶער צָאל פִינְף הוּנְדֶרְט אוּנ צְוַואנְצִיג דָס אִיז אַקֶעגְן נֹחַ וָואס עֶר הָאט גֶעוֶוינְן קִינְדֶר אַז עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶועזְן פִינְף הוּנְדֶרְט יָאר אוּנ צְוַואנְצִיג יָאר פְרִיעֶר אִיז גֶעוֶועזְן דִי גְזֵירָה פוּן דֶם מַבּוּל אוּנ דֶר בֶּעקִין הָט גֶעוואגְן זִיבְּצִיג שְׁקָלִים דָאס אִיז אַקֶעגְן דִיא זִיבְּצִיג אוּמוֹת וָואס זֶענֶען אַרוֹס גֶעקוּמֶען פוּן נֹחַ (כַּף אַחַת) אַלֶעפֶל דָס אִיז אַקֶעגְן דֶר תּוֹרָה וָוס זִי אִיז וָוארֶן גֶעגֶעבְּן פוּן דֶער הַאנְד פוּן גָאט דֶען כַּף אִיז אוֹיךְ טַייטְשׁ אַהַאנְד אוּנ דִיא לֶעפֶל הָאט גֶעוואגְן צֶעהֶן שְׁקָלִים דָס אִיז אַקֶעגְן דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת (פַּר אֶחָד) אֵיין אָקְס דָס אִיז אַקֶעגְן אַבְרָהָם וָוס עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן עֶסֶן דִיא מַלְאָכִים אֵיין אָקְס (אַיִל אֶחָד) אֵיין אַיִל דָס אִיז אַקֶעגְן יִצְחָק דָס מֶען הָט אוֹיף דֶם מִזְבֵּחַ אֵיין אַיִל מַקְרִיב גֶעוֶועזְן פַאר אִים אַז מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט בְּרֶענְגֶען פַר אַקָרְבָּן (כֶּבֶשׂ אֶחָד) אַשָׁאף דָס אִיז אַקֶעגְן יַעֲקֹב וָוס הָאט אָפּ גֶעשַׁייד דִיא שָׁאף בַּייא לָבָן (שְׂעִיר אֶחָד) אַצִיגְלִי דָס אִיז אַכַּפָּרָה אוֹיף דִי קִינְדֶר פוּן יַעֲקֹב וָואס זַייא הָאבְּן גֶעקוֹילִיט אֵיין צִיגְלִי בְּשַׁעַת אַז זַייא הָאבְּן פַאר קוֹפְט יוֹסֵף אוּנ הָאבְּן אֵיין גֶעטוּנְקֶען זַיין הֶעמְדֶל אִין בְּלוּט. דֶר רמב"ן אוּנ דֶר בְּחַיֵי פְרֶעגְן וָוארוּם הָט דִיא תּוֹרָה גֶעדַארְפְט בַּייא אִיטְלִיכֶן נָשִׂיא אַרוֹם שְׁטֶעלִין זַיין קָרְבָּן אַמֶער אַלֶע קָרְבָּנוֹת זֶענִין דָאךְ גְלַייךְ גֶעוֶועזְן וָואלְט דִי תּוֹרָה נָאר גֶעדַארְפְט אַרוֹם שְׁטֶעלִין בַּיי דֶעם עֶרְשְׁטֶן נָשִׂיא זַיין קָרְבָּן אוּנ זָאל וַוייטֶר שְׁרַייבֶּן דֶר אַנְדֶערֶר הָט אוֹיךְ אַזוֹ אֵיין קָרְבָּן גֶעבְּרַאכְט אוּנ דֶער דְרִיטֶר אוֹיךְ אַזוֹ אוּנ אַזוֹ בַּיי אַלֶע דֶער תִּירוּץ אִיז דִיא תּוֹרָה הָאט גֶעוָואלְט אִיטְלִיכֶן נָשִׂיא כָּבוֹד אָן טָאן דְרוּם הָט זִיא בַּייא אִיטְלִיכֶן זַיין קָרְבָּן אַרוֹם גֶעשְׁטֶעלְט אוּנ אוֹיךְ הָט אִיטְלִיכֶר נָשִׂיא אַנַאנְדֶרֶן טַעַם גֶעהַאט וָוארוּם עֶר הָט אַזוֹ אַקָרְבָּן גֶעבְּרַאכְט דְרוּם שְׁרַייבְּט דִיא תּוֹרָה בַּיי אִיטְלִיכֶן זַיין קָרְבָּן (בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי נָשִׂיא לִבְנֵי אֶפְרָיִם) אַטַייל חֲכָמִים זָאגְן דֶער נָשִׂיא פוּן שֵׁבֶט אֶפְרַיִם הָט זַיין קָרְבָּן גֶעבְּרַאכְט דֶם זִיבֶּעטֶן טָאג אוּם שַׁבָּת אוּנ חָאטְשֶׁע אַקָרְבָּן יָחִיד טָאר מֶען נִיט מַקְרִיב זַיין אוּם שַׁבָּת נָאר אֵיין קָרְבָּן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל אָבֶּער דֶעם קָרְבָּן הָט מֶען גֶעמֶעגְט מַקְרִיב זַיין אוּם שַׁבָּת דֶען גָאט הָאט גֶעזָאגְט צוּ יוֹסֵף וַוייל דוּ הָאסְט גֶעהַאלְטֶן מַיין גֶעבָּאט לֹא תִנְאָף אוּנ הָאסְט נִיט מְזַנֶּה גֶעוֶועזְן אִין מִצְרַיִם נָאךְ אֵיידֶער דִי תּוֹרָה אִיז וָוארְן גֶעגֶעבְּן דְרוּם וֶועלִין דַיינֶע קִינְדֶר זַייעֶר קָרְבָּן בְּרֶענְגֶען אוּם שַׁבָּת חָאטְשֶׁי זַיי זֶענִין יְחִידִים אוּנ דֶר צְרוֹר הַמּוֹר שְׁרַייבְּט וַוייל יוֹסֵף הָט אִין מִצְרַיִם שַׁבָּת גֶעהַאלְטֶן דְרוּם הָאט גָאט מַתִּיר גֶעוֶועזְן דַיינֶע קִינְדֶער זָאלֶען זַייעֶר קָרְבָּן בְּרֶענְגֶען אוּם שַׁבָּת. אוֹיךְ שְׁרַייבְּט דֶר צְרוֹר הַמּוֹר דְרוּם הָאט דִיא תּוֹרָה נִיט דֶער מַאנְט דֶעם נָאמֶען פוּן יוֹסֵף בַּיי דִיא קָרְבָּנוֹת אַזוֹ וִויא זִיא הָט זַיין נָאמֶען דֶר מַאנְט בַּיי דֶר צָאל דֶר תִּירוּץ אִיז אַזוֹ אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגְן דָס דְרוּם אִיז יוֹסֵף פְרִיעֶר גֶעשְׁטָארְבֶּן פַאר זַיינֶע בְּרִידֶר וַוייל אֵיידֶר עֶר הָט זִיךְ דֶער קֶענְט צוּ זַיי הָאבֶּן זַיי גֶעזָאגְט עַבְדְּךָ אָבִי דַיין קְנֶעכְט אוּנְזֶער פָאטֶער אוּנ עֶר הָט גֶעשְׁוִויגְן אוּנ דָס אִיז אֵיין עֲבֵירָה גֶעוֶועזְן וָוס עֶר הָט גֶעלָאזְט זָאגֶען אוֹיף זַיין פָאטֶער קְנֶעכְט אוּנ דְרוּם הָט דֶר פָּסוּק זַיין נָאמִין נִיט דֶר מַאנְט אָבֶער פוּן דֶעסְט וֶועגִין הָט עֶר גְרוֹס כָּבוֹד גֶעהַאט דָס זַיינֶע בֵּיידֶע קִינְדֶר הָאבֶּען מַקְרִיב גֶעוֶועזְן קָרְבָּנוֹת (כָּל כֶּסֶף הַכֵּלִים) רש"י פְרֶעגְט וָוס דַארְף דֶר פָּסוּק נָאךְ אַמָאל רֶעכִינֶען וִוי פִיל אַלֶע כֵּלִים הָאבֶּען גֶעוואגְן אַז אִיךְ וֶועל צוּזַאמֶען רֶעכִינֶען וֶועל אִיךְ אַלֵיין וִויסֶן, דֶר תִּירוּץ אִיז דֶער פָּסוּק וַוייזְט דָאס חָאטְשֶׁע מֶען הָאט אִיטְלִיכֶע כֵּלִי בַּאזוּנְדֶר גֶעוואגְן אוּנ מֶען הָט ווידֶר אַלֶע כֵּלִים אִין אֵיינִים גֶעוואגְן אַזוֹ אִיז דָאךְ דִיא וָואג גְלַייךְ גֶעוֶועזְן אוּנ דָס אִיז גֶעוֶועזְן אַחִידוּשׁ דֶען וֶוען מֶען וֶועגְט פִילֶע פִינְד אִיטְלֶעכְס פוּנְד בַּאזוּנְדֶר אוּנ מֶען וֶועגְט דֶר נָאךְ דִיא אַלֶע פִינְד ווידֶער אִין אֵיינִים גֵייט אָפּ פוּן דֶר וָואג אוּנ דָא אִיז נִיט אָפּ גֶעגַאנְגֶען (כַּפּוֹת זָהָב) דֶר פָּסוּק וַוייזְט אוּנְז דָס דִיא לֶעפִיל זֶענֶען גֶעוֶועזְן לוֹטֶער גָאלְד (וַיִּשְׁמַע אֶת הַקּוֹל) דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דֶער פָּסוּק לֶערִינְט אוּנְז דָס דָס קוֹל אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דֶם הִימֶל צְווִישֶׁען דִיא כְּרוּבִים וָואס זֶענֶען אִין מִשְׁכָּן אוּנ פוּן דִיא כְּרוּבִים אִיז דָאס קוֹל

געקומען איניווייניג אין משכן אונ ווער עם איז געוועזן אויסיניווייניג האט ניט געהערט (וידבר אליו) אונ ער הט גערייד צו משה אונ אפילו אהרן וואס איז געשטאנען נעבען אים האט ניט געהערט אוך שרייבט דער בחיי וידבר אליו ווייזט דם משה הט באלד גיענטפערט צו גאט אונ האט זיך ניט דער שראקען אזו ווי אנדערי נביאים זענען דר שראקען געווארען דם אפילו ווען זיי האבן גערייד מיט אמלאך איז ווי די נשמה אויס געגאנגען פר מורא מכל שכן דיא שכינה אליין הט מיט זיי גערייד אבר משה רבינו איז ניט ווארען דר שראקען ווען ער האט גערייד מיט גאט דרום שטייט (מבין שני הכרובים) כלומר וויא באלד דם קול איז געקומען פון דיא כרובים האט משה באלד גיענטפערט:

## הפטרת נשא.

(ויהי איש אחד מצרעה) עס איז געוועזן אמאן פון דר שטאט צרעה ער הט געהייסן מנוח אונ זיין ווייב הט קיין קינדר ניט געהאט (וירא מלאך יי) הט אמלאך פון גאט זיך באוויזן צו דר אשה אונ זאגט צו איר דו וועסט האבן אזון (ועתה השמרי נא) אונ אצונד זייא געווארינט דו זאלסט ניט טרינקען קיין וויין אונ זאלסט ניט עסן קיין אומריינקייט כלומר דם וואס אנזיר טאר ניט עסן טארסטו אוך ניט עסן דר בעל הטורים שרייבט אמאל שטייט אין דר הפטורה כל טמא לשון זכר אונ איין מאל שטייט כל טומאה לשון נקבה צו ווייזן דם דר סדר איז געוועזן מען פלעגט געבען איין אשה וואס האט קיין קינדר געהאט צו עסן אמאגען פון אהאז דרום האט דר מלאך צו איר געזאגט דו זאלסט ניט עסן קיין מאגן פון אהאז אזכר אדר אנקבה דען גאט וועט דיר געבען אזון אן דר רפואה (כי הנך הרה וילדת בן) דען דו וועסט טראגענדיג ווערען אונ וועסט געווינען אזון אונ ער וועט זיך ניט שערען זייגע האר דען ער וועט זיין אנזיר צו גאט אונ ער וועט העלפן דיא ישראל פון דר האנד פון פלשתים (ותבא האשה ותאמר לאישה) איז געקומען דיא אשה אונ האט געזאגט צו איר מאן עס איז צו מיר געקומען איין געטליכר מאן זיין געשטאלט איז אזו ווי אמלאך אונ הט מיר געזאגט איך וועל האבן אזון אונ איך האב אים ניט געפרעגט ווי ער הייסט (ויעתר מנוח אל יי) הט מנוח תפלה געטאן צו גאט אונ הט געזאגט רבונו של עולם שיק אונז דם געטליכן מאן נאך אמאל אונ לאז ער אונז לערנען ווי אזו מיר זאלן זיך פירען מיט דם קינד דם ער זאל זיין אנזיר (וישמע אלהים בקול מנוח) האט גאט צו געהערט אין דם קול פון מנוח אונ דר מלאך איז געקומען צו דר אשה אונ זיא איז געזעסן אין פעלד אונ איר מאן איז ניט געוועזן ביי איר איז קשה

## משלי יהודה

(הנה את עקרה והרית וילדת בן) די רייד פון דם מלאך זענין זיך סותר פריער זאגט ער ביסט איין עקרה אונ וועסט ווערין טראגין דר נאך זאגט ער (הנך הרה) ביסט שון טראגינדיג נאר דר מלאך הט געטאן ווי אחכם ער הט איר ניט געוואלט מבשר זיין אבשורה טובה פלוצלונג טאמר וועט זיין אסכנה נאר ער הט איר מבשר גיוועו ביסלעך ווייס פריער הט ער איר געזאגט וועסט ווערין טראגין ווארין ער הט מורא גיהאט מבשר צו זיין אז זיא טראגט שון ווס זיא הט גאר ניט דארוף גיקלערט וואלט איר אפשר די נשמה ארוס פר שמחה דר נאך אז ער הט מיט איר גערייד אונ הט איר געהייסן היטן פון יין ושכר פון טומאת הט ער איר מודיע גיווען אז זיא טראגט שון (ועתה השמרי נא וגו') דר דין איז אנזיר איז מוזהר אוף דריי זאכין ער טאר ניט טרינקין קיין יין ושכר ער טאר זיך ניט מטמא זיין ער טאר זיך ניט גאלין, פר וואס הט דר מלאך נאר מזהיר גיוועו אוף יין ושכר אונ אוף טומאה הט ער מזהיר גיוועו העלפט דהיינו אז זיא זאל ניט עסין קיין דבר טומאה אונ הט ניט מזהיר גיוועו אוף טומאת מת אונ אוף גילוח גאר ניט נאר ער הט געזאגט (ומורה לא יעלה על ראשו) אז דם קינד וואס וועט געבוירין ווערין וועט זיך ניט גאלין אבער דיא אשה הט ער ניט מזהיר גיוועו איז דר טעם ער הט ניט מצוה גיוועו דיא זאכין וועט פיעל זיין אוף דם קינד דעריבר הט ער איר מזהיר גיוועו אוף אכילה ושתיה ווי די גמרא זאגט אז דם קינד עסט וואס די מוטר עסט אונ טרינקט וואס די מוטר טרינקט אבר גאלין אדר טומאת מת איז ניט נוגע דם קינד אפילו זיא ווערט טמא מת איז ער דעראיבר ניט טמא (ומראה כמלאך אלהים נורא מאד) אונ זיא האט געזאגט דם טעם פר וואס מעלדעט זיא אים אפ ווי אמלאך זיא הט דאך קיין מלאך ניט גיזעהן דעריבר זאגט זיא נורא מאד ער קומט אום זייער פארכטיג מוז דם זיין אמלאך אלהים (ולא שאלתיהו אי מזה וגו') פר וואס האב איך אים ניט גיפרעגט פון וואנין ער איז ווייל איך האב אים גיפרעגט זיין נאמין ווי ער הייסט (ואת שמו לא הגיד לי) הט ער מיר ניט גיענטפערט דעריבר האב איך אים ניט גיפרעגט פון וואנין ער איז:

קשה וואָרום זאָגט נאָך דר פסוק דם דר מלאך הט זיך באוויזן צו איר אויף דם פעלד דר תירוץ איז כדי מען זאל אים ניט חושד זיין מיט איר דרום זאָגט דר פסוק (והיא יושבת בשדה) כלומר ער האט זיך דרום צו איר באוויזן אויף דם פעלד ווי מענשן גייען ווייל מנוח איר מאן איז ביי איר ניט געוועזן אונ זיא הט קיין שומר ניט געהאט אונ אזו מוז מען זאגן ביי דבורה דם זיא פלעגט זיצען אונטר אטייטל בוים אונ פלעגט משפטן די ישראל אונ ניט אין אהויז דען טאמר וועט אמאל אריין קומן אפרעמדר מאן אונ זיא וועט זיין אליין אין הויז אבר אונטר אבום ווי לייט גייען הין אונ הער מעג זיא זיצען פון דאנען זאל מען אפ לערנן דאס איטליכע אשה זאל געוואָרינט זיין ניט צו זיין אן אשומר (ותמהר האשה ותרץ ותגד לאישה) איז דיא אשה געלאפן אונ האט געזאגט צו איר מאן דר געטליכר מאן הט זיך צו מיר נאך אמאל באוויזן וואס ער איז געקומן בייא טאג צו מיר דר פסוק ווייזט אונז דם זיי ביידע האבן געמיינט ער איז אמענש דרום הט זיא געזאגט ער איז צו מיר געקומן ביי טאג אויף דם פעלד אפן באר ניט ביי נאכט דרום זייא אים ניט חושד מיט מיר (ויקם וילך מנוח אחרי אשתו) איז מנוח געגאנגן נאך זיין ווייב צו דם מאן אונ האט אים געפרעגט דו ביסט עס דר מאן וואס הט געזאגט צו מיין ווייב דם זיא וועט האבן אזון האט דר מלאך געזאגט איך בין עס האט מנוח צו אים געזאגט זאג מיר ווי אזו מען זאל זיך נוהג זיין מיט דם קינד האט דר מלאך צו אים געזאגט ער זאל ניט טרינקן קיין וויין אונ זאל ניט עסען קיין טומאה (ויאמר מנוח אל מלאך יי) הט מנוח געזאגט צום מלאך פון גאט קום אין מיין הויז איך וועל דיך מכבד זיין מיט אציקעלע זאגט דר מלאך צו אים איך וועל דיין ברוט ניט עסען נאר ווען דו ווילסט אויף ברענגן אקרבן צו גאט ברענג אויף דען מנוח הט ניט געוואוסט דם ער איז אמלאך פון גאט האט מנוח אים געפרעגט ווי אזו איז דיין נאמן כדי ווען דו וועסט נאך אמאל שיקן אשליח צו אונז זאלן מיר דיינע רייד ערליך האלטן ענפערט דר מלאך וואָרום פרעגסטו אויף מיין נאמן, מיין נאמן איז פרהולען כלומר איך האב אלע מאל איין אנדערן נאמן נאך דר זאך וואס איך ווער געשיקט (ויקח מנוח את גדי העזים) הט מנוח געבראכט דם ציקעלע פר אקרבן צו גאט אויף אשטיין אונ דר מלאך האט אן גערירט אין שטיין איז ארום געגאנגן אפייער אונ הט פר ברענט דם ציקעלע אונ דיא מנחה אונ עס איז געווארן אגרוסר פלאם ביז אין הימל אונ דר מלאך איז מיט דם פלאם אויף דם הימל ארויף געגאנגן אונ מנוח מיט זיין ווייב האבן דם געזעהן אונ זענען געפאלן צו דר ערד אונ דר מלאך הט זיך שון מער ניט באוויזן צו מנוח הט מנוח געוואוסט דם ער איז אמלאך פון גאט הט מנוח געזאגט צו זיין ווייב מיר וועלן שטארבן דען מיר האבן געזעהן אמלאך פון גאט הט זיין ווייב צו אים געזאגט ווען גאט זאל אונז וועלן טייטן וואלט ער ניט גענומן אונזר קרבן אונ וואלט אונז ניט געוויזן דיא וואונדר אונ וואלט אונז ניט געלאזט הערן דיא גוטע בשורה אז מיר וועלן האבן אזון (ותלד האשה בן) הט דיא אשה געוואונען אזון אונ הט זיין נאמן גערופן שמשון אונ דם קינד איז אויף געוואקסן אונ גאט הט אים געבענשט (ותחל רוח יי לפעמו) איז געקומן דיא נבואה פון גאט אויף שמשון צייטען וויים אין דר מחנה דן צווישן צרעה אונ צווישן אשתאול אונ אצונד האט זיך אן געהובן דם נביאות פון יעקב דם ער הט געזאגט עס וועט אויף שטיין אמענש פון שבט דן אונ וועט שלאגן דיא פלשתים. דיא גמרא זאגט (וילך מנוח) מנוח איז געגאנגן נאך זיין ווייב דם ווייזט דם מנוח איז איין עם הארץ געוועזן אויך זאגט דיא גמרא עס איז געוועזן צוויי בערג וואס האבן געהייסן צרעה אונ אשתאול דיא הט שמשון אום געריסן אונ הט זיי צו שטוסן:

# פרשת בהעלותך.

(בהעלותך את הנרות) שלמה המלך זאגט אין משלי (אור צדיקים ישמח ונר רשעים ידעך) דער פסוק גלייכט דיא נשמה פון אצדיק צו אליכט דען אזו וויא מען צינד אן איין ליכט פון דעם אנדערין אזו איז אויך דיא נשמה פון דעם ליכט פון דם כסא הכבוד אונ דם איז אליכט פון זיך זעלבערט ער דארף צו זיך קיין אנדערי זאך ניט האבען עס זאל לייכטען אבר די נשמה פון רשע איז גלייך ווי אליכט וואס ברענט דורך אייל אדער דורך וואקס אונ אז דר אייל אדר דר וואקס לאזט זיך אוס אזו ווערט דם ליכט פאר לאשען אזו אוך איז דיא נשמה פון רשע זיא הענגט אן אין גוף וואס ער גייט נאך אויף דער וועלט נאך עסען אונ טרינקן אונ ווי באלד ער שטארבט

ווערט זיין נשמה פינסטער ווייל ער איז נאך געגאנגען נאך פינסטערע מעשים אונ דיא נשמות זענען גענומען געווארען פון דעם כסא הכבוד וואס דארטען איז אלוטער ליכט דען ביי גאט איז לוטער ליכט אונ פון דעסט וועגען האט ער געבאטען צו ישראל זיי זאלען אן צינדען ליכט אין משכן פון זיין כבוד וועגין דאס זאגט דער פסוק (בהעלותך את הנרות) ווען דו וועסט אן צינדען די ליכט אין משכן. דר מדרש זאגט גאט זאגט ניט איך דארף דיא ליכט נאר לייכט פאר מיר אין משכן אזו ווי איך האב פאר אייך געלייכט אין דר מדבר מיט אפייערדיגע זייל כדי איך זאל אייך לויבען פאר דיא אומות דאס איר טוט מיר כבוד אן (דבר אל אהרן ואמרת אליו) גאט זאגט צו משה דו זאלסט זאגען צו אהרן ער זאל אן צינדען ליכט אין משכן ניט איר זאלט מיינען דרום צינד מען ליכט אין משכן ווייל קיין פענצטער איז אין אים ניט דא אבער אין בהמ"ק איז דא פענצטער דארף מען קיין ליכט ניט אן צינדען דרום זאגט דער פסוק (ואמרת אליו) דו זאלסט זאגען צו אהרן ער זאל אין בהמ"ק אויך אן

צינדען ליכט חאטשע עס איז דא פענסטער דער תולדות יצחק אונ דר בחיי שרייבען דר מדרש זאגט אמשל אמלך האט זייער ליב געהאט אשר פון זיינע שרים אונ האט אים געהייסען זאגען דאס ער וויל זיין ביי אים אויף אסעודה אונ דר שר טוט זיך אן גרייטען מיט אלדינג אונ אז דער מלך איז געקומען איז מיט דעם מלך געקומען פיל קנעכט מיט שיינע ליכט אויף אלע זייטען מיט גילדינע לייכטער אונ ווי דר שר האט געזעהן דם דר מלך האט מיט זיך גרוס כבוד האט דר שר זיך געשעמט צו ווייזען זיינע לייכטער פאר דיא קנעכט אונ נעמט צו אלץ וואס ער האט אן געגרייט זאגט דער מלך צום שר ווארום האסטו דיך ניט צו געגרייט פון מיינט וועגין ענפערט דער שר איך האב געזעהן דיין כבוד האב איך מיך געשעמט מיט מיינים וואס איך האב אן געגרייט אונ האב אלץ פאר בארגען אזו האט דער מלך געשאפט מען זאל זיינע לייכטער מיט זיינע קנעכט אונ דיא שיינע כלים אפ שאפען ער וויל האבען דיא לייכטער פון שר אונ דיא קנעכט פון דעם שר זאלען דעם מלך באדינען

אונ

### של"ה הקדוש

(אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות) עס שטייט אין משלי (נר אלהים נשמת אדם) דיא נשמה פון מענש איז אליכט פון גאט דער מענש דארף זעהן זיין נשמה זאל לייכטען אין תורה אונ מצות אונ דעם גוף פון מענש קען מען גלייכען צום ציור פון דער מנורה אזו ווי אין דער מנורה איז געוועזען דריי רערען פון דר רעכטער זייט דיא אויבערשטע קליינער פאר דיא אינטערשטע אונ פון דר לינקער זייט מנורה איז אויך אזו געפינד מען ביי דעם מענש אויך אזו דיא פים אונ די הענד אונ די לעבער פון די אורען אונ דר גוף פון מענש וואס דארט ליגט דאס הארץ איז גלייך צום מיטעלסטען שטאנג פון דר מנורה אונ ווידר די הייך פון דר מנורה איז געוועזען אכטצען טפחים דאס איז דרייא איילען אונ די הייך פון אמיטלען מענש איז אויך אזו אונ ווידר ביי דר מנורה שטייט (וזה מעשה המנורה מקשה) דאס איז איין שטיק געהאמערט (עד ירכה עד פרחה) פון גרוסען גליד פון דער מנורה ביז דעם קליינעם גליד ווייזט דאס אויף באהעפטונג אזו אויך דר מענש זאל זיין באהעפט איינר מיט דעם

אנדערן

### אוהל יעקב

(ויעש כן אהרן) אהרן האט אזו געטאן ער האט אן געצונדען די מנורה אזו ווי גאט האט געזאגט צו משה זאגט רש"י דר פסוק דר ציילט דעם שכל פון אהרן אז ער האט ניט פר ענדערט גאטס רייד עס איז אדמיון איין עושר האט גערופען איין ארימאן אויף אסעודה דר ארימאן האט גיגעסין אונ געטרונקין אונ נאך דעם האט אים געשאט אונ ער איז קראנק געווארין האט זיך דר ארימאן פר וואונדערט איך עס תמיד טרוקין ברוט אונ עס שאט מיר ניט אונ אצונד אז איך האב גיגעסין פעט פלייש אונ געבראטינס זאל מיר שאטין אבער דר ארימאן פר שטייט ניט אז די פעטי מאכלים שאטין מער ווי דיא מאגירע מאכלים דרום דיא גרוסע לייט האבין ביי זיך תמיד רופאים ווייל עס קען זיי שאטין די פעטי מאכלים אזו איז דאס נעמליכע דר פראסטע מענש אז ער איז ניט משנה גאטס דיבור איז גאר קיין חידוש ניט ווארום ער איז ניט בכח צו קלערין גאטס מעשים ער קען דורך דעם קלערין חס ושלום ארויס פאלין פון דר אמונה אבער אהרן איז גיוועזן אחכם פון דעסט וועגין האט ער ניט געוואלט קלערין גאטס רייד אונ האט ניט פר ענדערט אונ האט געטאן אזו ווי גאט האט געזאגט דרום לויבט דר פסוק אהרן ער האט גיקענט קלערין אונ האט פארט ניט גיקלערט אונ האט ניט פר ענדערט גאטס רייד:

אונ לייכטען אזו אוך גאט איז לוטר ליכט
אונ איז געקומן אין משכן אונ הט געבאטן
די ישראל זאלען מאכען אמנורה צו לייכטן
אים אונ הט געוואלט כבוד האבן פון ישראל
ווס ער הט זיי ליב. דר חזקוני אונ דר צרור
המור שרייבען ווארום איז דיא פרשה פון
דר מנורה אן געשריבען געווארען נאך דר
פרשה ווס דיא נשיאים האבען געבראכט
קרבנות דס איז ווייל די לוים האבן געזעהן
דס אלע נשיאים פון אלע שבטים ברענגען
קרבנות אונ שבט לוי האט ניט געבראכט
האבן די לוים געטרויערט אונ האבן געזאגט
ווס זענען מיר ערגער פון כל ישראל דס
מיר זאלען קיין קרבנות ניט ברענגען האט
גאט געזאגט צו שבט לוי אהרן ווס איז פון
אייער שבט וועט באזונדער באנייען דאס
משכן דם ער וועט אן צינדן די ליכט (וזה
מעשה המנורה) די מעשה פון דר מנורה
מאכען איז זייער שווער געוועז אוף משה
צו פר שטיין הט גאט אים געוויזן אמנורה
פון פייער אונ הט אים געזאגט אזו זאלסטו
מאכען אונ משה האט דאך ניט געקאנט
מאכען האט גאט אים געהייסען אצענטען
גאלד אין פייער אריין ווארפען וועט ארוס
גיין אמנורה פון זיך אליין דאס זאגט דער
פסוק (תעשה המנורה) דיא מנורה וועט
ווערען אליין געמאכט די חכמים זאגען פיר
זאכען זענען שווער געוועזן אוף משה ביז גאט
הט אים געוויזן מיט דם פינגר ער זאל פר
שטיין, דאס ערשטע איז דיא מנורה, דאס
אנדערע איז דיא קרבנות ברענגען, דאס
דריטע איז שקלים געבען איטליכער זאל
געבען אהאלבן שקל הט משה ניט געוואוסט
וואס פר אמטבע מען זאל געבען ביז גאט
האט אים געוויזען אמטבע פון פייער, דאס
פערדי איז משה הט ניט געוואוסט ווען מען
זאל דיא לבנה מקדש זיין אז זיא באווייזט
זיך דאס ערשטע מאל אין חודש ביז גאט
האט אים געוויזען דיא לבנה אונ הט אים
געזאגט אז דו וועסט זיא אזו זעהען זאלסטו
זיא מקדש זיין אונ דם ווארט מקשה ווייזט
אוף די אלע פיר זאכען די (מם) מאכט
מנורה אונ די (קוף) קרבנות אונ די (שין)
שקלים אונ די (הא) החודש אונ חאטשע
גאט הט אוך געוויזען צו משה וועלכע חיה
אונ בהמה מען זאל עסען אונ וועלכע ניט
אונ אוך וועלכע שרצים מען זאל עסען אונ
וועלכע ניט דאך האבען דיא חכמים נאר
די פיר גערעכינט ווס זענען שווער געוועזן
אוף משה אזו שרייבט דר בחיי אונ דר
חזקוני שרייבט עס איז משה ניט מער
שווער געוועזן נאר דריי זאכען אבער דעם
שקל האט ער געקענט פר שטיין נאר עס
איז אים קשה געוועזן ווי קען אמענש אכפרה
האבען מיט אזו אקליינע מטבע. דר בחיי
שרייבט די מנורה איז זייער הייליג געוועזן
דרום אז דם בהמ"ק איז חרוב געווארן איז
דיא מנורה פר בארגען געווארען דם דער
שונא הט זיא ניט געקענט געפינען (קח את
הלוים) דר בחיי אונ דר חזקוני שרייבען די
תורה הט געהייסן געמין די לוים ווס זענען
פר מישט געווארען צווישן ישראל פון דם
בארג סיני זאל מען זיי אוס קלויבען אונ די
פרשה איז ווארען אן געשריבן געבען דער
פרשה פון ליכט אן צינדן דם ווייזט אונז
דיא כהנים זאלען ליכט אן צינדן אונ דיא
לוים זאלען דיא עבודה טאן אונ דער נאך
זאגט ער דם ישראל זאלען אוך גאט דינען
זיי זאלען אקרבן פסח מאכען אין דר צייט
אונ ווען זיא זענען ריין (וכה תעשה להם
לטהרם) אונ אזו זאלסטו טאן צו די לוים
צו ריין מאכען זיי ווייל זיי האבען געהרגית
ווער עס הט געדינט דם עגל דען משה הט
זיי געהייסן טייטען אלע די ווס האבען דם
עגל

של"ה הקדוש

אנדערן פון גרוס ביז קליין אזו ווי עס שטייט
(ואהבת לרעך כמוך) אונ דם מיינט דער פסוק
ווייטר (ויעש כן אהרן) ווס דער ציילט אונז דער
פסוק אז אהרן הט אזו געטאן אוודאי הט ער
מקיים געווען ווס הש"י הט געהייסן נאר דאס
מיינונג פון דם פסוק איז אז אהרן הט ניט גיפעלט
פון דיא כוונה ווס דיא מנורה ווייזט אוף אחדות
אונ שלום אזו איז דיא מדה פון אהרן הכהן אוך
אזו געוועזן ער איז געוועזן איין אוהב שלום אונ
איין רודף שלום:

עֶגֶל גֶעדִינְט פוּן דֶענְסְט מָאל אָן וֶוענֶען דִיא לְוִיִּם טָמֵא גֶעוָוארֶען ווייל זֵייא הָאבֶּען אָן גֶערִירְט אִין מֵתִים דְרוּם הָט מֶען זֵיי גֶעדַארְפְט רֵיין מַאכֶען מֶען זָאל אוֹיף זֵיי שְׁפְּרֶענְגֶען וַואסֶער מִיט דֶעם אַשׁ פוּן דֶער פָּרָה אֲדוּמָה אוּנ זֵיי זָאלֶען אָפּ גָאלֶען גָאר דִיא הָאר פוּן זֵייעֶר גוּף אֲפִילוּ דִיא הָאר פוּן דֶער בָּארְד זָאלֶען זֵיי אוֹיךְ אָפּ גָאלֶען נָאר דִי פֵּיאוֹת פוּן זֵייעֶר קָאפּ זָאלֶען זֵיי נִיט אָפּ גָאלֶען. רש"י אוּנ דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבֶּען מֶען הָט זֵיי דְרוּם אָפּ גֶעגָאלְט ווייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַכַּפָּרָה אוֹיף דִי בְּכוֹרִים וָוס זֵיי הָאבֶּען גֶעדִינְט דָם עֵגֶל אוּנ וֶוער עֶס דִינְט ע"א וֶוערְט גֶערוּפֶען מֵת אוּנ אַמְצוֹרָע וֶוערְט אוֹיךְ גֶערוּפֶען מֵת אוּנ אַזוֹ וֶוען מֶען ווִיל אַמְצוֹרָע רֵיינִיגֶען דַארְף מֶען אִים אָפּ גָאלֶען אַזוֹ זָאל מֶען דִי לְוִיִּם אוֹיךְ אָפּ גָאלֶען (וְהֵנִיף אַהֲרֹן אֶת הַלְוִיִּם) אַהֲרֹן הָאט אוֹיף גֶעהוֹבֶּען דִיא לְוִיִּם אִיטְלִיכֶען בַּאזוּנְדֶער צְוֵוייא אוּנ צְוָואנְצִיג טוֹזִינְד לְוִיִּם אוּנ קֹרַח הָט דֶער פוּן גֶעשְׁעפֶּעט אוּנ הָט גֶעזָאגְט משֶׁה הָט אוּנְז צוּ נַארֶען גֶעמַאכְט עֶר הָט אוּנְז אָפּ גֶעגָאלְט אוּנ הָאט אוּנְז אוֹיף גֶעהוֹבֶּען אַזוֹ וִוי נַארֶען אָבֶּער פוּן דֶעם גֶעשְׁעפֶּעט אִיז אִים שְׁלֶעכְט אוֹס גֶעגַאנְגֶען (נְתוּנִים נְתוּנִים הֵמָּה לִי) דִיא לְוִיִּם זֶענֶען וָוארֶען גֶעגֶעבֶּען צוּ מִיר אוּנ עֶר זָאגְט צְוֵויי מָאל נְתוּנִים צוּ וַוייזֶען דָאס זֵיי זֶענֶען וָוארֶען גֶעגֶעבֶּען צוּ טְרָאגֶען דָם מִשְׁכַּן אוּנ זֶענֶען וָוארֶען גֶעגֶעבֶּן צוּ זִינְגֶען אִין מִשְׁכַּן (וָאֶתְּנָה אֶת הַלְוִיִּם) רש"י שְׁרַייבְּט אִין דֶם פָּסוּק שְׁטֵייט פִינְף מָאל יִשְׂרָאֵל אַקֶעגִין הַמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה צוּ וַוייזֶען דָם גָאט הָט זֵייעֶר לִיבּ דִיא יִשְׂרָאֵל. דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט עֶס אִיז אַמָשָׁל אַקִינְד וָואס גֵייט אִין חֶדֶר צוּם רֶבִּי אַזוֹ קוּמְט דֶער פָאטֶער אַהֵיים אוּנ פְּרֶעגְט אוֹיף דֶם קִינְד הָט מַיין קִינְד גֶעגֶעסֶן הָט מַיין קִינְד גֶעטְרוּנְקֶן אִיז מַיין קִינְד אִין חֶדֶר גֶעגַאנְגֶען אַזוֹ דֶער מַאנְט עֶר בַּיי אִיטְלִיכֶען וָוארְט מַיין קִינְד מֵחֲמַת לִיבְּשַׁאפְט אַזוֹ אוֹיךְ דֶער מַאנְט גָאט יִשְׂרָאֵל בַּיי אִיטְלִיכֶען וָוארְט מֵחֲמַת לִיבְּשַׁאפְט. אוֹיךְ שְׁרַייבְּט דֶער בְּחַיֵי מֶען קֶען זֶעהֶן דִיא גְבוּרָה פוּן אַהֲרֹן דָם עֶר הָט אוֹיף גֶעהוֹבֶּן צְוֵויי אוּנ צְוָואנְצִיג טוֹזִינְד לְוִיִּם אִין אֵיין טָאג (מִבֶּן חָמֵשׁ וְעֶשְׂרִים שָׁנָה)

פוּן פִינְף אוּנ צְוָואנְצִיג יָאר אוּנ וַוייטֶער זָאלֶען דִי לְוִיִּם דִינֶען אִין מִשְׁכַּן, רש"י פְרֶעגְט אִין פַּרְשַׁת נָשֹׂא שְׁטֵייט מֶען זָאל זֵיי צֵיילֶן פוּן דְרַייסִיג יָאר אוּנ וַוייטֶער זֵיי זָאלֶען דִינֶען. דֶער תֵּירוּץ אִיז צוּ פִינְף אוּנ צְוָואנְצִיג יָאר הָט מֶען זֵיי אָן גֶעהוֹבֶּן לֶערְנֶען דִיא עֲבוֹדָה טָאן אוּנ צוּ דְרַייסִיג יָאר הָט עֶר אָן גֶעהוֹבֶּן צוּ טָאן דִיא עֲבוֹדָה פוּן דַאנֶען לֶערְנֶען מִיר אָפּ וֶוען אַתַּלְמִיד וֶוערְט אִין פִינְף יָאר נִיט גֶעבֶּעסֶרְט וֶועט עֶר אִין אִים קֵיין בֶּעסֶערְקֵייט שׁוֹן נִיט זֶעהֶען (וְלֹא יַעֲבוֹר עוֹד) וֶוען דֶער לֵוִי אִיז אַלְט פִיפְצִיג יָאר זָאל עֶר שׁוֹן נִיט אַרְבֵּייטֶען אִין מִשְׁכַּן צוּ טְרָאגֶען אוֹיף דֶעם אַקְסִיל נָאר עֶר זָאל הִיטֶען דִיא טוֹרֶען אוּנ זִינְגֶען אִין מִשְׁכַּן אוּנ הָאט גֶעהָאלְפֶען אוֹיף לֵייגֶען אוֹיף דִיא וֶועגִין וָוס מֶען הָט גֶעפִירְט דִיא כֵּלִים פוּן דֶם מִשְׁכַּן אַזוֹ שְׁרַייבְּט רש"י (וְלֹא יִהְיֶה בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל נֶגֶף) דוּ זָאלְסְט גֶעמִין דִיא לְוִיִּם פַר דִיא בְּכוֹרִים וֶועט נִיט זַיין אִין דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל קֵיין מָארְדָה, דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט וֶוען דִי בְּכוֹרִים וָואלְטֶן דִי עֲבוֹדָה גֶעטָאן וָואלְטֶן זֵיי גֶעשְׁטָארְבֶּן דֶען צוּ צַייטֶן אִיז דֶער בְּכוֹר בַּיי אַפָאטֶער וָוס אִיז נִיט קֵיין בְּכוֹר אַזוֹ וַוייכְט עֶר גָאר נִיט צוּ זָאגֶען פוּן דֶער עֲבוֹדָה אָבֶּער אַז דִיא לְוִיִּם זֶענֶען אַלֶע וָוארֶען גֶענוּמֶן צוּ טָאן דִיא עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִקְדָּשׁ אַזוֹ וֶועלֶען דִיא קִינְדֶער זֶעהֶען פוּן יוּגֶענְד אָן פוּן זֵייעֶרֶע פֶּעטֶער אוּנ וֶועלֶען בְּקִי זַיין אִין דֶער עֲבוֹדָה בִּפְרַט צוּ גֶעוֵוינֶען דִיא הֶענְד אוּנ דִי פִינְגֶער צוּ דִי כְּלֵי זֶמֶר דֶם מוּז מֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דֶער יוּגֶענְד (וַיְהִי אֲנָשִׁים וגו') עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְשֶׁן וָוס זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא אוּנ הָאבֶּען נִיט גֶעקֶענְט מַאכֶען דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אִין זַייט צַייט זֶענֶען דִיא לַייט גֶעקוּמֶן צוּ משֶׁה אוּנ אַהֲרֹן אוּנ הָאבֶּן גֶעזָאגְט מִיר זֶענֶען טָמֵא אוּנ וָוארוּם זָאלֶען מִיר זַיין עֶרְגֶער פוּן אַלֶע דֶם מִיר זָאלֶען נִיט מַקְרִיב זַיין אַקָרְבַּן פֶּסַח צְוִוישֶׁן יִשְׂרָאֵל הָט משֶׁה צוּ זֵיי גֶעזָאגְט וַוארְט בִּיז אִיךְ וֶועל הֶערִין וָוס גָאט וֶועט דַארוֹיף זָאגֶען, רש"י שְׁרַייבְּט וואל צוּ משֶׁה דֶם עֶר הָאט גֶעקֶענְט רֵיידֶען מִיט גָאט וֶוען עֶר הָט גֶעוָואלְט אוּנ גָאט הָט אִים גֶעעֶנְפֶערְט. דֶער צְרוֹר הַמּוֹר פְרֶעגְט

וואס האבן זיי געוואלט האבן ווען זיי זענען
טמא געוועזן קען מען דאך ניט מקריב זיין
קיין קרבן פסח נאך מער איז קשה וואס האט
זיי משה גיענטפערט ער וועט פרעגן גאט
האט ער דען ניט געוואוסט דם א טמא טאר
ניט מקריב זיין דם קרבן פסח אויך איז קשה
וואס האבען זיי געזאגט (אנחנו טמאים לנפש
אדם) דם ווארט אדם איז איבריג דען לנפש
איז אויך טייטש א מענש. דר תירוץ איז די
מענשען האבן געזאגט מיר האבן געטראגן
נדב ואביהוא פון דעם משכן וואס זיי זענען
געשטארבן אין משכן ניט פון זייערע עבירות
וועגן דאס זיי זענען געוועזן גרויסע צדיקים
נאר גאט האט געזאגט (בקרובי אקדש) מיט
מיינע צדיקים וועל איך געהייליגט ווערען
דם אלע לייט וועלען מורא האבן און וועלען
זאגן ווען גאט שטראפט צו צדיקים מכל
שכן דם ער וועט אונז שטראפען און ווען
זיי זענען ניט געשטארבן פון זייערע עבירות
וועגין זענען מיר ניט טמא וואס מיר האבען
זיי געטראגן און דרום זאגן זיי לנפש אדם
נדב ואביהוא זענען געשטארבען פון וועגען
דר עבירה פון אדם הראשון דם אלע לייט
מיזען דורך דם שטארבן און ניט פון זייערע
עבירות וועגען און משה האט זיי גיענטפערט
דם ווייס איך ניט איך וועל פרעגן גאט

האט אים גאט גיענטפערט (איש כי יהיה טמא
לנפש) און זאגט ניט אדם כלומר וואס פר
א טמא ער איז זאל ער אלץ ניט מאכן קיין
קרבן פסח ווען ער איז טמא. דער בחיי
פרעגט ווארום זאגן די חכמים ווייל משה
האט זיך חשוב געהאלטן און האט געזאגט
אלע שווערע זאכען זאלט איר ברענגען
צו מיר וועל איך אייך זאגן דרום איז ער
געשטראפט געווארען דאס ער האט ניט
געוואוסט דם דין פון די טעכטער פון צלפחד
און ווארום זאגן זיי ניט דם ער איז ווארען
געשטראפט און האט ניט געוואוסט דם דין
פון פסח שני. דר תירוץ איז דאס איז קיין
שטראף ניט וואס משה האט ניט געוואוסט
דם דין פון פסח שני דען עם איז אחידוש
מען זאל אפ לייגען דם קרבן פון ניסן ביז
אייר דרום האט משה געמוזט פרעגן גאט
אבער וועגען דעם דין פון דיא טעכטער פון
צלפחד דאס זייער פאטער האט קיין זון ניט
געלאזט נאר טעכטער און די טעכטער האבן
אים געפרעגט אויב זיי זאלען ירשינן זייער
פאטער דאס וואלט משה געדארפט וויסען
איטליכער ווייסט דם וואל ווען עם איז קיין
זון ניט דא ירשינן טעכטער און משה האט
ניט געוואוסט דם מוז זיין אשטראף פון גאט
(בחודש השני) גאט האט געזאגט ווער עם
איז

ליקוטי יקרים

(וידבר ה' אל משה לאמר) האט גאט גערייד צו
משה און האט אים אזו געזאגט איטליכר
מענש וואס וועט זיין טמא צו אמת אדער ער וועט
זיין אין ווייטן וועג צו אייך אצונד אדער אין דיא
שפעטערע דורות וואס וועלן זיין נאך אייך זאל ער
מאכן דם קרבן פסח אין אנדערן חודש דם איז
אייר פערצין טאג אין חודש. דר אור תורה שרייבט
דם איז ארמז ווען דר מענש איז שון איין מאל
געוועזן אויף דר וועלט און אצונד איז ער מגולגל
געווארן דם אנדערע מאל אויף דר וועלט ווייל ער
איז אין ערשטען גלגל געוועזן ארשע (כי יהיה טמא
לנפש) און ער וועט אצונד דם אנדערע מאל אויך
זיין טמא און וועט זיך דר ווייטערן פון גאטס וועג
דר דאזיגר מענש דארף פיל תשובה טאן צו גאט
ברוך הוא און דארף בעטען אז גאט זאל אים
מוחל זיין זיינע זינד ווייל (בחודש השני) ער איז
דאך שון באנייט געווארן דם אנדערע מאל און

איז מגולגל געווארן אויף דר וועלט (וידבר ה' אל
משה לאמר) האט גאט גערייד צו משה און האט
אים אזו געזאגט מאך דיר צוויי זילבערנע טרימייטן
וועסט דורך זיי צו נוף רופן די יודען אז דו וועסט
מיט זיי דארפן עפים ריידן און דורך די טרימייטן
וועלן ציהען דיא מחנות און די קינדר פון אהרן
וועלן בלאזן מיט דיא טרימייטן און דם זאל זיין
צו אייך אגעזעץ אויף אייביג (וכי תבואו מלחמה
בארצכם) און אז איר וועט קומן אין אמלחמה
אין אייער לאנד אויף דם באלידיגר וואס וועט אייך
באלידיגן זאלט איר אויך טרימייטערן מיט דיא
טרימייטן וועט איר געדענקט ווערען צו גוטן פר
אייער גאט און איר וועט געהאלפן ווערען פון
אייערע פיינד. דר נחל קדומים שרייבט דם דיא
מלחמה מיינט מען דיא גרויסע מלחמה פון יצר
הרע וואס זיא איז אין אייער לאנד כלומר טאקע
אין אייער גוף וואו אייערע איברים זענען מיט
דעם

איז טמא זאל מאכן א קרבן פסח אין אנדערין חודש דס איז אייר אונ ביי דם קרבן פסח הט מען געהאלטן חמץ אונ מצה אין הויז אונ עס איז קיין יום טוב ניט געוועזן נאר מצות אונ מרור הט ער געגעסן מיט דם קרבן (וביום הקים את המשכן) אונ אין דם טאג ווס דס משכן איז ווארין אויף געשטעלט הט דר וואלקן צו גידעקט דם משכן אונ ביי נאכט איז געוועזן א וואלקן פון פייער ביז טאג (על פי יי יסעו) דורך דם ווארט פון גאט האבן זיי געצוגן דהיינו ווען דר וואלקן הט זיך אפ געטאן האבן זיי געצוגן נאך דם וואלקן נאך אונ ווען דר וואלקן הט זיך געשטעלט האבן זיך דיא ישראל געשטעלט אונ ווען דער וואלקן האט זיך אפ געטאן הט ער זיך צו זאמן גיוויקעלט איבר דיא קינדר פון יהודה אונ איז איבר זיי געשטאנען צו ווייזן דאס עס איז צייט צו גיין אזו האט מען טרימייטערט מיט טרימייטן אונ מען האט זיך ניט גערירט ביז משה הט געזאגט (קומה יי ויפוצו אויביך) שטייא אויף גאט צו גיין פאר ישראל אונ לאזן ווערן פר שפרייט דיינע פיינד אונ ווען ישראל האבן געבארפט רוען איז דר וואלקן ווידר געקומן אויף שבט יהודה אונ האט זיי באדעקט ווי א סוכה אונ דער וואלקן האט זיך ניט אפ געטאן פון שבט יהודה ביז משה האט געזאגט (שובה יי רבבות אלפי ישראל) רוה גאט צווישן פיל צעהן טויזנד פון ישראל (ונעלה הענן בבוקר) דר בחיי אונ דר חזקוני שרייבן נאר דם אנהייב ציהען פון ישראל איז נאר געוועזן פון אין דר פריא ביז האלבן טאג אבר ניט נאך האלבן טאג (עשה לך שתי חצוצרות כסף) גאט הט געבאטן צו משה צו מאכן צוויי טרימייטן פון זילבר מען זאל מיט זיי איינזאמלין דיא ישראל אדר דיא נשיאים ווען משה האט זיי געבארפט ווען מען הט מיט ביידע געבלאזן איין תקיעה זענען ווארן איין געזאמלט כל ישראל אונ ווען מען האט מיט איינים געבלאזן איין תקיעה זענען ווארן איין געזאמלט דיא נשיאים אונ ווען מען הט געבארפט ציהען הט מען מיט ביידע געבלאזן איין תקיעה

מיט

### של"ה הקדוש

(על פי ה' יסעו ועל פי ה' יחנו) אונ דר נאך שטייט (על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו) פריער שטייט אין פסוק יסעו פר יחנו אונ דר נאך שטייט יחנו פאר יסעו קען מען דר פון ארוס נעמען א מוסר אז אויף יעדער פעולה ווס דר מענש טוט זאל ער אויף אלעם נעמין אין זינן דם אייבערשטן אונ זאל זאגן איך וועל דיא זאך טאן אם ירצה השם אדר ער זאל זאגן בעזרת ה'. למשל אז איינר פארט אין וועג זאל ער זאגן איך פאר מיט די הילף פון גאט אונ איך האב בדיעה צו רוען אין יענעם ארט מיט גאטס הילף אוב דם אייבערשטנס ווילן וועט זיין דער ביי זאל ער אין ארום פארען דער מאנען דם אייבערשטן אויף דיא נסיעה אונ זאל מתפלל זיין אויף דם רוען ווס ער הט בדיעה אונ אז ער קומט צו דם ארט ווס ער רוהט דארטען זאל ער זאגן מיט גאטס הילף בין איך דא געקומן אונ איך האב בדיעה ווייטר צו פארען מיט זיין הילף. לערנען מיר אז דר אייבערשטר זאל זיין אין זיין זינן בשעת ער וויל דיא נסיעה מאכן אונ דר נאך בשעת מעשה אז ער פארט אין וועג אונ אזו אין אלע פעולות וואס דער מענש טוט אויף דר וועלט:

### ליקוטי יקרים

דם יצר הרע אויף געוואקסן אונ ער באליידיגט אייך תמיד אונ רייד אייך אן אפ צו קערן פון גאטס וועג אונ ער איז שון באקאנט אין אימליכן מענש וועליכן ער וועט גובר זיין אונ וועליכן ניט זאלט איר אייך מכניע זיין פר גאט מיט די צוויי טרימייטן דם זענען די צוויי כרוזים ווס מען רופט אוס אויף דם מענש איין אוסרופונג אז דר מענש טוט גוטס אונ דם אנדערע אוסרופונג אז דר מענש טוט שלעכטס חלילה אונ דורך דם ווס איר וועט אייך מכניע זיין (ונזכרתם לפני ה' אלהיכם) וועט איר גידענקט ווערן פר אייער גאט ווארן דר מענש וואס וויל זיך ריינגען פון זיינע זינד העלפט מען אים צו פון הימל (וביום שמחתכם) אונ אפילו אין דעם טאג וואס איר זענט פרייליך זאלט איר אויך ניט פר געסן אז די צוויי טרימייטרס בלאזן דם זענען די צוויי אוסרופונג (על עולותיכם) אפילו איר זענט אויף א גרויסר מעלה (ועל זבחי שלמיכם) אונ ביי די סעודות פון יום טוב זאלט איר אייך אלם דר מאנען אן די צוויי טרימייטרס וועט דם זיין צו אייך צו א גוט גידעכניש דם מען וועט אייך העלפן פון הימל תשובה צו טאן:

מיט איין תרועה אונ דיא כהנים האבען געבלאזן מיט די טרימייטן אונ דרום זענען זיי געוועזן פון זילבר אונ ניט פון גאלד כדי מען זאל ניט דר מאנען די עבירה פון עגל וואס איז געוועזן פון גאלד אונ אין אמלחמה הט מען אויך מיט זיי געבלאזן צו דר מאנט ווערען פר גאט אויך הט מען מיט זיי געבלאזן ווען מען הט מקריב געוועזן קרבנות כדי די ישראל זאלען הערין דאס מען איז מקריב זייערע קרבנות אונ זאלען גאט בעטין דם זייערע קרבנות זאלען ווערען אן גענומען פר גאט, רבי איסריל פרעגט ווארום הט מען נאר געבלאזין ווען די ערשטע צוויי פאגען האבען געוואלט גיין אונ ניט ווען די אונטערשטע צוויי פאגען האבען געוואלט גיין, דר תירוץ איז משה איז גלייך געוועזן וויא אמלך וואס גייט אין מיטען פאלק אונ שרים גייען פריר פאר אים אונ אונטר אים אונ אז ער וויל רירען זאגט ער צו דיא וואס גיין פאר אים זיי זאלען רירן אונ ער רירט נאך זיי אונ דיא אונטערשטע רירן נאך אים אונ ער דארף צו די אונטערשטע שון ניט זאגען זיי זאלען רירן אזו אויך משה איז געוועזן ביי דם משכן אין מיטען פאלק אונ ווען דר וואלקין הט זיך אפ געטאן האבען זיך דיא ישראל אן געברייט צו גיין נאר זיי האבן זיך ניט גערירט ביז משה האט געהייסען טרימייטערין אזו האבען אן געהובען צו גיין די ערשטע צוויי פאגען אונ משה איז געגאנגען נאך זייא אונ די אונטערשטע צוויי פאגען זענען געגאנגען נאך משה (ויסע דגל מחנה בני יהודה) אונ עס הט געצוגען דיא פאן פון מחנה יהודה אונ יששכר אונ זבולון זענען מיט זיי געגאנגן אונ זענען אלע פריר געגאנגן אונ ווי באלד די מחנה יהודה האבן זיך אן געהובן צו רירן זענען געגאנגען אהרן אונ זיינע קינדר אונ האבן אראפ גענומען דם פרוכת אונ האבן צו גערעקט דם ארון אונ דר נאך האבן די קינדער פון גרשון אונ מררי צו גענומען דאס משכן אונ האבען אים ארויף געלייגט אויף דיא וועגין אונ דיא קינדר פון קהת האבן אן גערייט דעם ארון אונ דיא כלי קודש צו טראגן אונ אז די מחנה פון ראובן האבן אן געהובן צו גיין אזו האבען זיך גערירט אלע לוים אונ אז דער וואלקען האט זיך געשטעלט אזו האבן דיא קינדר פון גרשון אונ מררי אויף געשטעלט דאס משכן אונ די קינדר פון קהת זענען געקומן מיט דעם ארון אונ האבן געפונן דם משכן אזו גרייט אזו ווי מען גרייט אן דם מלך אהערבעריג איידר ער קומט (ונסע דגל מחנה בני דן מאסף לכל המחנות) דיא מחנה דן איז געגאנגען צום אונטרשטען אונ ווען איינער פון ישראל האט עפים פר לורען האבן זיי דם געפונן אונ האבן עס אפ געגעבן אונ דיא ישראל זענען געגאנגן אויף פיר זייטן אזו ווי איין קאסטן אונ שבט דן זענען געגאנגן צו צפון זייט אונ ווייל זייא זענען זייער פיל געוועזן זענען זיי אויף מערב זייט אויך געגאנגן אונ האבן דרום אלדינג געפינן דער חזקוני פרעגט ווי קאן זיין דאס שבט דן איז דער גרעסטר שבט געוועזן אמער שבט יהודה איז גרעסר געוועזן דער תירוץ איז שבט דן איז מער געוועזן פון דיא שבטים וואס זענען געגאנגן נאך דעם משכן אונ שבט יהודה איז געגאנגן פר דעם משכן אונ ווען איינר פון די ישראל הט ניט געקאנט ציהן מיט זיין שבט איז ער געבליבן צום אונטרשטן אונ איז געגאנגן מיט שבט דן דרום הט ער געהייסן מאסף לכל המחנות ער הט איין געזאמלט אלע דיא וואס האבן ניט גיקענט ציהן מיט זייער מחנה (לכה אתנו והטבנו לך) משה הט געזאגט צו זיין שווער יתרו גייא מיט אונז קיין ארץ ישראל אונ מיר

וועלן

## אוהל יעקב

(ויאמר משה לחובב) הט משה געזאגט צו חובב זיין שווער דם מיינט מען יתרו (נוסעים אנחנו אל המקום) מיר ציהן צו דם ארט (אשר אמר ה' אותו אתן לכם) וואס גאט הט געזאגט דם דאזיגע וועל איך אייך געבין (לכה אתנו והטבנו לך) דרום גיי מיט אונז וועלין מיר גוטס טאן דיר (כי ה' דבר טוב על ישראל) ווארום גאט הט גערייד גוטס אויף די יודן אצונד וועלין מיר פר שטיין דם ווארט אתו דם דאזיגע איז גלייך ווי ער ווייזט מיר מיט דם פינגר אונ זאגט דם איז אדמיין אסוחר קומט אין א שטאט מיט זיין משרת אונ איין עושר בעט אים צו

זיך

וועלן דיר גוטס טאן האט יתרו גיענפרט איך וויל ניט גיין איך וועל בעסר גיין אין מיין לאנד (נוסעים אנחנו) משה הט גזאגט צו יתרו מיר וועלן קומן אין דריי טאג קיין ארץ ישראל אונ אזו וואלט געוועזן נאר זיי האבן געזינדיגט דרום זענען זייא געבליבן נאך פערציג יאר אין דער מדבר. רש"י שרייבט משה האט זיך געשעמט פר יתרו צו זאגן דאס ער וועט ניט קומן קיין ארץ ישראל דרום האט ער געזאגט מיר וועלן ציהן קיין ארץ ישראל אונ הט זיך אין כלל ארײן גישטעלט (אל נא תעזוב אותנו) משה זאגט צו יתרו איך בעט דיך דו זאלסט אונז ניט פר לאזן כדי די אומות זאלן ניט זאגן דו האסט דיך נאר מגייר געווען ווייל דו האסט געמיינט דו וועסט האבן אחלק אין ארץ ישראל אונ אז דו ביסט געווארן דם אגר הט קיין חלק ניט אין ארץ ישראל אזו האסטו אונז פר לאזט אונ האסט דיך אפ געשייד פון אונז אונ פון אונזר גאט דרום גיי מיט אונז ווייל דו האסט גיזעהן די נסים ונפלאות וואס גאט הט מיט אונז געטאן אין דער מדבר (והיית לנו לעינים) דו וועסט אונז זיין צו איין וועג ווייזר פרעגט דר בחיי וואס הט יתרו געדארפט זיין איין וועג ווייזר אמער דר וואלקן הט דאך צו דיא ישראל געפירט דער תירוץ איז דם הט משה נאר געזאגט אקעגין די שלעכטע לייט וואס זענען געוועזן צווישן דיא ישראל אונ האבן ניט רעכט געגלייבט אין גאט אונ האבן אלץ מורא געהאט דאס זייא וועלן ניט קומן צו קיין לאנד דרום האט ער געזאגט צו יתרו ער זאל גיין ווייזן דם וועג וועלן די שלעכטע לייט אויך זאגן היינט וועלן מיר קומן צו איין לאנד דען יתרו ווייזט גוט דעם וועג. נאך איין פשט איז דו זאלסט אונז זיין צו איין ווייזר כלומר דו זאלסט ווייזן די אומות דם מיר דינן רעכט גאט אונ גאט הט אונז געטאן נסים אין דער מדבר אונ דיין עדות וועט מיר העלפן אקעגין דיא אומות ווייל דו ביסט געוועזן איין ע"א אונ האסט דיך מגייר געוועזן פון וועגן דיא נסים ונפלאות וואס גאט הט אונז געטאן נאך איין פשט איז (והיית לנו לעינים) משה האט געזאגט צו יתרו דו וועסט אונז זיין צו איין ווייזר כלומר פון דיר וועלן זיך די ישראל לערנן פרום צו זיין דען זייא וועלן זאגן יתרו איז איין ע"א געוועזן אונ איז פרום מכל שכן מיר וואס מיר זענען די קינדר פון אברהם יצחק ויעקב דארפן מיר בוודאי פרום זיין (דרך שלשת ימים) איין וועג פון דריי טאג זענען זיי איין געגאנגן אין איין טאג דען גאט הט זיי באלד געוואלט ברענגן קיין ארץ ישראל (ארון ברית יי) אונ דער ארון מיט די צו בראכינע לוחות איז געגאנגן דריי טאג ווייט פון דיא ישראל צו אום זעהן איין רואונג
אונ

## אוהל יעקב

זיך צום טיש צו עסין פרעגט אים דר סוחר וואס וועסטו מיר געבין צו עסין ענפערט דר עושר גלייב מיר דו וועסט האבין גענוג צו עסין דו וועסט זיין זאט איז דר סוחר געקומן מיט דם משרת צום טיש עסין זאגט דר בעל הבית צו אים ניט דיין משרת האב איך גערופן עסין נאר דיך אליין אויף דם אנדערין טאג הט ער דם סוחר נאך אמאל גערופין עסין פרעגט ער אים וואס וועסטו מיר געבין צו עסין זאגט דר בעל הבית צו אים אליטרא ברוט מיט אשטיק פיש אונ מיט אליטרא פלייש דם אנדערין טאג אז ער איז געקומן עסין הט ער שון ניט מיט געבראכט דם משרת פרעגט אים דר בעל הבית פר וואס איז מיט דיר ניט געקומן דיין משרת עסין אפשר ווייל איך האב געבעטין גיצעריגט אויף דיר היינט האסטו ניט גידארפט גלייבין צו געבעטין, געבעטין האב איך דיר צו געזאגט צו געבין עסין דו זאלסט זיין זאט אונ אז איך זאל דיין משרת אויך געבין עסין וואלט איך גיוועזן באדארפט אייך אוועק געבין מיין עסין איר זאלט זיך אן זעטין אבער היינט אז איך זאג דיר איך וועל דיר געבין אליטרא ברוט מיט אליטרא פלייש קענסטו דר פון געבין ווי פיל מענשין דו ווילסט הארט מיך ניט ווייל איך האב דיר מיין ניט צו געזאגט, דר נמשל איז גאט הט צו געזאגט צו געבין די יודן דם לאנד ארץ ישראל ווי אזו הט משה גיקענט בעטין יתרו אויך קיין ארץ ישראל צו דר מתנה וואס גאט וויל שענקין די יודן איז נאר אז ער זאל געבין ארץ ישראל אן אמאס קען ער יתרו ניט בעטין צו דר מתנה אבער אז די מתנה איז גיוועזן מיט אמאס דם לאנד איז גיוועזן געמאסטין ווי פיל עס הט די לענג אונ די ברייט קען ער שון דר פון אראפ געבין וועמין ער וויל דם געמליכע הט משה געזאגט צו יתרו מיר ציהן צו דם ארט וואס גאט הט געזאגט (אותו אתן לכם) דם דאזיגע ארט וואס איז מיט אמאס וועל איך אייך געבין דרום (לכה אתנו והטבנו לך) גייא מיט אונז וועלין מיר דיר גוטס טאן:

און דער אנדרר ארון איז געוועזן אין דער מחנה ביי משה און אהרן און דער וואלקן איז געוועזן פון אלע פיר זייטן און איין וואלקן איז געוועזן איבר זיי און איין וואלקן איז געוועזן אונטר זייא און איין וואלקן איז געגאנגן פריער צו אום גלייכן דעם וועג און האט נידריג געמאכט די בערג און הט דר פילט דיא טאלן און הט פר ברענט דיא גרוסע שלאנגן אין דר מדבר וום זענען אזו גרום וויא באלקינם (ויסעו מהר יי) זייא זענען באלד אוועק געלאפן פון בארג סיני דען זיי האבן מורא געהאט מען וועט זייא נאך מצות געבן און זייא האבן שון מער קיין מצות ניט געוואלט און די תורה הט דיא עבירה ניט בפירוש אן געשריבן ווייל זיי האבן עס נאר געהאט במחשבה נאר גאט ווייסט דיא מחשבה דרום הט דער פסוק אונז געוויזן דס ער ווייסט, דר בחיי שרייבט דרום הט די תורה גישטעלט דיא פרשה (ויהי בנסע הארון) ביי דר פרשה וום די ישראל האבן גירייד ביין אוף גאט דס איז ווייל דר ארון האט געטאן וואונדר צו ווייזן זיי דס גאט האט כח איבר אלדינג און עס איז געוואוסט דס דיא וועלט איז געטיילט אוף דריי חלקים איין חלק איז ים און איין חלק איז מדבר און איין חלק איז ישוב וויא לייט זיצן און אז די ישראל האבן געדארפט גיין קיין ארץ ישראל הט זיי גאט געפירט דורך אלע דריי חלקים צום ערשטן הט ער זיי געפירט דורך דם ים און הט דעם ים געמאכט פר איין יבשה און ווידר צוריק צו ווייזן דם ער הט די וועלט בשאפן און דיא איז ניט פון זיך אליין געווארן און ער הט כח צו טאן אין איר וום ער וויל, דער נאך הט גאט זייא געפירט אין דער מדבר וואס קיין מענש קען דארטן ניט גיין פון וועגן דיא גרוסע שלאנגן צו ווייזן דאס ער הט כח איבר אלדינג און דר נאך הט ער זייא געבראכט קיין ארץ ישראל וואס דס איז ישוב דם דריטע חלק פון דר וועלט און הט זיי געטאן גרוסע נסים און הט איין געווארפן דיא גרוסע מויערן פון יריחו וואס דאס איז געוועזן ווידר דער טבע נאר דורך גאטס נסים און דרום האט משה געזאגט ביי דם ארון (ויפוצו אויביך וינוסו משנאיך מפניך) כלומר גאט וום זיין שכינה רואט אוף דם ארון מאכט די פיינד פון ישראל פאלן און טוט נסים (ובנוחה יאמר) און ווען ישראל האבן געדארפט רואן הט משה געזאגט (שובה יי) גאט מאך רואן די פיל צעהן טויזנט פון דיא ישראל אוף זייער ארט דם קיינר פון זייא זאל ניט געבראכן ווערן. (רע באזני יי) רש"י שרייבט דיא ישראל האבן גירייד ביין אוף גאט און האבן געוואלט דם גאט זאל דם הערין דען זיי האבן אים געוואלט דר צערנין און האבן געזאגט מיר האבן שון דריי טאג ניט גרואט און דם איז זייער טובה געוועזן כדי זיי זאלן באלד קומן קיין ארץ ישראל (בקצה המחנה) גאט הט געשיקט איין פייער און עס האט פר ברענט דאס ערב רב וום זענען געגאנגן אין עק מחנה אונטר די ישראל און אטייל זאגן עס הט פר ברענט די הארן און דיא חשובי פון דער מחנה ישראל האט משה תפלה געטאן צו גאט אזו איז דאס פייער וואר איין געזונקן אין דער ערד און דרום איז דם פייער ניט פר לאשן געווארן אדר ארוף געגאנגן אזו וויא דער סדר איז פון פייער דאס עס גייט ארוף דאס איז דרום כדי די ישראל זאלן מורא האבן זייא זאלן מיינן ווען זיי וועלן ביין טאן וועט דם פייער ווידר פון דר ערד קומן און וועט זייא פר ברענין (והאספסוף אשר בקרבו) און דם ערב רב וום איז צווישן דיא ישראל האבן גגליסט צו עסן פלייש און די ישראל אוך געמאכט זינדיגן און זיי האבן אלע געזאגט ווער וועט אונז געבן פלייש צו עסן און חאטשע פיל רינדער און שאף זענען מיט דיא ישראל פון מצרים ארום געגאנגן און זיי האבן זיי נאך ניט געהאט אוף געגעסן דען עס שטייט (ומקנה רב היה לבני גד ולבני ראובן) זייא האבן נאך פיל בהמות געהאט נאך דיא פערציג יאר וום זיי זענען געוועזן אין דר מדבר נאר זיי האבן געוואלט בלבולים מאכן אוף גאט חאטשע זיי האבן געהאט פלייש האבן זיי געוואלט נאך מער

פלייש

פליישׁ. דער רמב"ן שׁרייבּט דער סדר איז אין איין מלחמה ווייל דם פאלק איז בייא אנאנדר איז פליישׁ טייער אזו אוך אין דר מדבר וואס דיא ישׂראל זענען געוועזן בייא אנאנדר איז אוך טייער געוועזן פליישׁ נאר די רייכע האבן גענוג פליישׁ געהאט אבר דיא ארימע האבן ניט געהאט קיין פליישׁ אונ האבן געשׁריגן זייא ווילן פליישׁ (זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים חנם) דיא ישׂראל האבן געזאגט מיר געדענקן די פישׁ וואס מיר האבן געגעסן אין מצרים אום זיסט פרעגט רש"י מען הט זיי קיין שׁטרוי ניט געוואלט געבן אום זיסט אונ וויא קאן זיין דם מען הט זיי געגעבן פישׁ אום זיסט דר תירוץ איז זיי האבן געמיינט אום זיסט אן מצות. שׁרייבּט דר דבק טוב כלומר מיר האבן געגעסן אום זיסט ניט פון אונזערע מצות וועגין דען מיר האבן נאך קיין מצות ניט געהאט דרום האבן מיר קיין מורא ניט געהאט דם מיר וועלן ניט האבן וום צו עסן אבר היינט אז מיר האבן מצות האבן מיר מורא ווען מיר וועלן די מצות ניט האלטן וועלן מיר ניט האבן וום צו עסן ווייל גאט וועט אוף אונז ברוגז זיין איבר דיא מצות. אונ דר אבן שׁועב אונ דער חזקוני אונ דר רמב"ן אונ אוך דר בחיי שׁרייבן די מצרים האבן געגעבן צו די ישׂראל פישׁ אום זיסט ווייל די ישׂראל האבן געהאלפן ארום ציהן די נעץ פון דם וואסר אונ האבן גרום מיא געהאט דר ביי אזו איז דר סדר דאס מען גיט קליינע פישׁלך צו דעם וואס העלפט ארום ציהן די נעץ פון דעם וואסר אונ דר בחיי שׁרייבּט נאך מער דיא גמרא זאגט גאט הט געגעבן צו ישׂראל פישׁ אין מצרים דם דיא ווייבר זענען געגאנגן שׁעפן וואסר מיט זייערע קריגן הט גאט זיי צו געשׁיקט פישׁ אין זייער קרוג. אונ דר בחיי אונ דער תולדות יצחק שׁרייבן (הדגה) איז טייטשׁ טוטע פישׁ אזו ווי מיר געפינן ביי יונה דם איין פישׁ האט אים איין געשׁלונגן שׁטייט (ויתפלל יונה אל יי ממעי הדגה) יונה הט תפלה געטאן צו גאט פון די געדערים פון איין טוטן פישׁ דען דער פישׁ וום הט יונה

איין געשׁלונגן איז באלד געטייט געווארן הט גאט געשׁיקט איין אנדרן פישׁ ארייין צו נעמן יונה אין זיך ארייין דען עם איז ניט קיין כבוד צו אצדיק צו זיין אין אטוטן פישׁ אונ דרום שׁטייט ווייטר אין פסוק (ויאמר יי לדג ויקא את יונה) גאט האט געזאגט צום לעבידיגן פישׁ אונ ער הט אום געשׁפיגן צו יונה אזו זעהן מיר דאס (דגה) איז אטוטר פישׁ אונ דא שׁטייט אוך הדגה דם מיינט מען אוך די מצרים האבן צו דיא ישׂראל געגעבן עסן דיא טוטע פישׁ וום זענען אלט פיר אדר פינף טאג וום זיי זענען אום גזונד צו עסן אבר ניט קיין פרישׁע פישׁ דען די מצרים האבן געוואלט טייטן דיא ישׂראל מיט דיא אלטע פישׁ (את הקשואים) דיא ישׂראל זאגן מיר געדענקן די פלוצרין אונ די ציבלים אונ קנאבל אונ די כורקים וום מיר האבן געגעסן אין מצרים רש"י שׁרייבּט דר מן הט געהאט איין טעם פון אלרלייא שׁפייז וום אוף דר וועלט איז נאר ניט אזו וויא די מינים וום דא שׁטייאן דרום האבן זיי געזאגט די מינים האבן מיר ניט אונ גאט הט דם געטאן פון זייער טובה וועגין ווייל דיא מינים שׁאטן צו איין מעוברת אונ צו איין מינקת. אונ דער צרור המור שׁרייבּט דר מן הט געבראכט דעם מענשׁן ער זאל טאן מצות אונ זאל לערנן תורה אונ זאל טראכטן אין גאטס דינסט אונ דרום האבן זייא אוף אים גירייד ביין ווייל זייא האבן געוואלט אזעלכע שׁפייז וואס זאל דעם גוף לוסטיג מאכן צו נאך גיין נאך תענוגים דם האבן אונזערע חכמים געזאגט (חנם בלא מצות) כלומר דיא ישׂראל האבן געזאגט מיר האבן אין מצרים געגעסן די מינים וום ברענגן ניט צו טאן מצות דרום זענען מיר געוועזן פרייא אן מצות אבר דר מן ברענגט דעם מענשׁן צו טאן מצות אונ צו לערנן תורה (ועתה נפשׁנו יבשׁה אין כל בלתי אל המן עינינו) דיא ישׂראל זאגען טאג אונ נאכט עסן מיר נאר מן אונ ניט קיין אנדר שׁפייז עם איז שׁון אונז נמאס געווארן אלץ איינם צו עסן אונ גאט טוט דעם מן לובן אונ זאגט ווי דער מן איז זייער גוט ער הט

איין

איין פנים ווי גלאנדר אוס איין געשטאלט קריסטאל. אונ דער צרור המור שרייבט נאט הט דם מן גלובט דען עס איז געוואוסט צו איין עסן עס זאל גוט זיין מוז מען האבן פיר זאכען. דאס ערשטע איז עס זאל זיין געזונד צום קאפ אונ צום גוף. דם אנדערע איז דאס עסן מוז זיין שיין אן צו זעהן עס זאל דם מענשן אלוסט מאכן. דאס דריטע איז עס מוז זיין ריין אונ דער מיט הט גאט גלובט דם מן. דם ערשטע הט ער געזאגט (כזרע גד) דר מן איז געזונד אזו ווי גלאנדר איז געזונד צום קאפ אונ צו דיא אויגן דאס אנדרע הט ער געזאגט (כעין הבדולח) דר מן איז שיין אן צו זעהן אזו ווי איין קריסטאל. דם דריטע האט ער געזאגט (לשד השמן) דער מן איז זיס וויא האניק אונ בום אייל. דם פערדע הט ער געזאגט (וברדת הטל ירד המן עליו) דר מן פאלט ריין דר טל ליגט פון אונטן אונ פון אובן. אונ דר תולדות יצחק שרייבט די ישראל האבן געזאגט דר מן איז זייער וויים ער מאכט זיי בלינד די אויגן האט גאט געזאגט (כעין הבדולח) ער איז אזו ווי קריסטאל וואס מען מאכט דער פון ברילן וואס די אלטע לייט זעהן אויף זיי כלומר ער נעמט ניט צו דם זעהן פון דיא אויגן ער ניט נאך צו זעהונג צו די אויגן רש״י שרייבט (נפשנו יבשה) איז טייטש דיא ישראל האבן געזאגט דר מן הט קיין אום נאנג ניט פון אונזר לייב דר סוף וועט זיין דם אונזרע בייכר וועלן געשוואלן ווערן דר פון אונ מיר וועלן שטארבן דורך דעם. פרעגט דר חזקוני נאט האט דאך געהייסן מאכן איטליכן ישראל איין אייזערנם נאגל ער זאל אים האלטן ביי זיך ווען ער וועט זיין צורך טאן אין דר מדבר זאל ער מיט דעם נאגל אן גראבן ערד צו צו דעקן זיין צורך זעה איך דאך דם ישראל האבן יוא געהאט איין אום גאנג אין דר מדבר חאטשע זיי האבן געגעסן מן. דר תירוץ איז די אומות האבן געבראכט שפייז צו פאר קופן צו ישראל אין דער מדבר דר פון האבן זייא צורך גיהאט (וטחנו ברחים או דכו במדוכה) רש״י שרייבט דער מן האט אלע טעמים

געהאט ער הט געהאט אטעם פון די זאך וואס מען מאלט אין איין מיל אונ פון דיא זאכן וואס מען שטוסט אין אשטייסל אונ פון די זאכן וואס מען קאכט אין אטאפ. אונ דר חזקוני זאגט די גמרא זאגט די צדיקים האבן דם מן גיקענט עסן אזו ווי ער איז פון דעם הימל געפאלן אונ דיא מיטל מעסיגע לייט האבען אים געמוזט צו שטוסען אין אשטייסל אונ האבן אים געגעסן אונ דיא רשעים האבן אים געמוזט קאכן אין אטאפ אונ האבן אים געגעסן (בוכה למשפחותיו) רש״י שרייבט זיי האבן זיך איין געזאמלט משפחות וויים אונ האבן געוויינט בפרהסיא צו ארום ווייזן זייער בייז הארץ דאס זייא ריידן בייז אויף גאט. אונ דיא חכמים זאגן אין דער גמרא זיי האבן געוויינט פון וועגין די משפחות וואס מען הט זיי פר באטן פון צו ליגן ביי איין אשת איש אונ ניט צו נעמן אקרובה דהיינו אמוטר אדר אשוועסטר פר אווייב. פרעגט דר אמרי נועם וואר ום האבן זיי אצונד געוויינט אונ ניט אויף דעם בארג סיני בשעת אז מען הט עס זיי פאר באטן דר תירוץ איז זיי האבן ניט געוואלט פר מישן די שמחה ביי דם בארג סיני. דרום האבן זיי אצונד געוויינט. נאך אתירוץ קען מען זאגן זיי האבן דרום געוויינט אצונד ביי דם מן פאלן אזו ווי די גמרא זאגט דר מן הט געוויזן ווער עס איז מוגה אונ אויך ווען איין אשה וואס דר מאן איז איר געשטארבן אונ זי הט גענומן אמאן פר דריי חדשים נאך דם מאנס טוט אונ זי הט געהאט אקינד צו זיבן חדשים הט מען ניט געוואוסט אוב עס איז ווארן געבארן צו זיבן חדשים פון דעם אנדערן מאן אדר צו ניין חדשים פון דעם ערשטן אזו איז מען דאס געוואר געווארן דורך דם מן דען דער מן איז געפאלן פאר איטליכן גיצעלט אזו פיל מעסטלך ווי פיל מענשן דען אין גיצעלט איז געווען אמעסטל צו איטליכן אונ אוב זייא זענען געוועזן ניין מענשן ביי דם אנדרן מאן חוץ דם קינד אונ עס איז געפאלן צעהן מעסטלך מן הט מען געוואוסט אז דם איז זיין קינד אבר אז עס איז נאר געפאלן ניין מעסטלך מן אונ פאר

דם

דם גיצעלט פון דם ערשטן מאן איז געפאלן
איין איבריג מעסטל הט מען געוואוסט אז
דם קינד איז פון דם ערשטן מאן אונ אוך
ווען איין אשה הט געהאט אקינד פון זנות
הט מען גיזעהן ביי וועמן עס איז איין איבריג
מעסטל מן געפאלן פון דם איז דאס קינד
דרום האבן דיא ווייבר מורא געהאט מזנה
צו זיין ווען דר מן וועט אום זאגן מיט וועמן
זיא הט מזנה גוועזן דרום האבן זייא אצונד
געוויינט (האנכי הריתי את כל העם הזה)
משה זאגט צו גאט וואר־ום טוסטו די משא
פון דעם פאלק אוף מיר האב איך דען
געטראגן דם פאלק אדר האב איך דען זיי
געווינן וואס דו זאגסט מיר איך זאל זיי טראגן
אזו ווי איין דר ציהר טראגט איין זוג קינד
(הרגני נא הרוג) אוב דו ווילסט מיר אזו
טאן זאלסט מיך בעסר הארגינן אונ דרום
זאגט ער צוויי מאל (הרגני נא הרוג) כלומר
משה רבינו זאגט צו גאט רבונו של עולם
איך וועל ממה נפשך זיין דר שלאגן וועל
איך עפים זאגן צו ישראל ווערן זייא מיך
הארגינן וועל איך זייא ניט זאגן וועל איך
חייב מיתה זיין וואס איך וועל ניט טאן דיין
שליחות אונ וייל משה האט גיזאגט גאט
זאל אים הרגינן דורך דם איז ער גישטארבן
דען דורך דריי זאכן ברענגט מען חם ושלום
אוף זיך אליין ביז איינם איז ווען איינער
נארפט ברעקליך ברוט אוף דר ערד דר
ברענגט אוף זיך דם דלות, דם אנדרי איז
ווען איינר גיט זיך איין אקללה קומט דר
שטן פאר גאט אונ זאגט דר מענש בגערט
אוף זיך אליין ביז אונ חאטשי משה הט פריר
אוך געזאגט ביי דם עגל (מחני נא מספרך)
מעק מיך אפ פון דיין ספר החיים אונ פון
דעסט וועגין הט ער גילעבט דם האט ער
געזאגט אן כעס אבר דא הט ער געזאגט מיט
כעס דרום איז ער דורך דם געשטארבן אונ
דם דריטע איז ווען אמענש צינד אן אליכט
אין מוצאי שבת איידער מען זאגט (ויהי
נועם ואתה קדוש) דער ברענגט אוף זיך
ביז דען די מתים שעלטין אים אזו שרייבט
דר צרור המור (אספה לי שבעים איש)
גאט האט משה) גיענטפערט דו וועסט ניט

אליין טראגען דיא משא פון ישראל זאמעל
מיר איין זיבציג אלטע לייט פון ישראל
אונ זיי וועלען דיר העלפען אין אלדינג.
רש״י אונ דר בחיי פרעגין עס איז דאך נאך
אין מצרים געווען זיבציג זקנים, דר תירוץ
איז דיא זקנים זענען פר ברענט געווארען
אין תבערה ווס דיא ישראל האבין גערייד
ביז אוף גאט אונ די זקנים האבן ניט גערייד
קיין ביז אוף גאט נאר זיי זענין חייב מיתה
געווארן ביי מתן תורה ווס זיי האבן געזעהן
אין דם וואלקען ווי גאט איז געוועזן נאר גאט
האט זיי דערנסט מאל ניט געטייט ווייל ער
הט ניט געוואלט פר מישען די שמחה פון
מתן תורה דרום זענין זיי פר ברענט געווארן
אין תבערה ווייל ישראל האבען אן דעם
געוויינט אזו הט גאט געזאגט לאזען זיי אוף
דיא זקנים אוך וויינען אונ גאט הט געזאגט
צו משה קלויב אום זיבציג זקנים פון דיא
ווס האבין זיך געלאזט שלאגען אין מצרים
איבר ישראל דען זיי זענין וואהרין געזעצט
פון פרעה איבר ישראל צו זעהן די ישראל
זאלען רעכט ארבייטען אונ זיי האבין צו
ישראל גרינגר געמאכט דיא ארבייט אונ
האבן זיך געלאזט שלאגען דרום האבן זיי
זוכה געוועזן צו זיין הארין איבר ישראל אונ
דו זאלסט צו זיי זאגען וואל צו אייך דאס
איר זענט זוכה צו זיין הארין איבער דיא
קינדר פון גאט אונ שטעל די זקנים געבין
דיר דאס ישראל זאלען זעהען אונ זאלען
מורא האבין פר זיי (ואצלתי מן הרוח וגו׳)
אונ איך וועל אפ שיידען פון דיין נבואה
אונ וועל געבען אוף זיי, דר בחיי שרייבט
נייל משה האט זיך איבר גיענטפערט צום
טוט פון וועגין ישראל דרום הט ער זוכה
געוועזן דם פון זיין נבואה איז וואהרען געגעבן
אוף דיא זקנים גלייך ווי גאט גיט פון זיך
ארוח נבואה אוף דיא נביאים אונ אז גאט
האט גערייד צו משה איז דיא נבואה אוף
זיי אוך געקומן אונ זיי האבין געהערט ווס
גאט האט צו אים גערייד (עד חודש ימים
וגו׳) גאט הט געזאגט איר וועט עסען פלייש
אגאנצען חודש דרייסיג טעג, רש״י שרייבט
אטייל חכמים זאגין די כשרים פון ישראל
האבן

דָאבֶּן אַחוֹדֶשׁ צַעַר גִּיהַאט פוּן דֶעם פְלֵייש אוּנ דֶער נָאךְ זֶענִין זַייא גֶעשְׁטָארְבֶּן אוּנ דִי רְשָׁעִים הָאבֶּן נָאךְ דָם פְלֵייש גִיהַאט צְוִוישֶׁן דִיא צֵיין אוּנ זֶענִין בַּאלְד גֶעשְׁטָארְבֶּן אוּנ אַטֵייל חֲכָמִים זָאגֶן דִי כְּשֵׁרִים זֶענִין בַּאלְד גֶעשְׁטָארְבֶּן אוּנ דִי רְשָׁעִים הָאבֶּן דְרַייסִיג טָאג צַעַר גִיהַאט אוּנ דֶער נָאךְ זֶענִין זַייא גֶעשְׁטָארְבֶּן (וְהָיָה לָכֶם לְזָרָא) אִיר וֶועט אַזוֹי לַאנְג עֶסִין פְלֵייש בִּיז עֶס וֶועט אַייךְ נִמְאָס וֶוערִין אוּנ אִיר וֶועט דוּרְךְ דֶעם אוּם קוּמֶן (וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה שֵׁשׁ מֵאוֹת אֶלֶף וגו׳) הָט מֹשֶׁה גֶעזָאגְט צוּ גָאט זֶעקְס הוּנְדֶרְט טוֹיזְנְד מַאן זֶענִין אַרוֹס גֶענַאנְגֶן פוּן מִצְרַיִם אוּנ דוּ ווִילְסְט זַייא גֶעבֶּן אַחוֹדֶשׁ פְלֵייש עֶסִין אוּנ דֶער נָאךְ זָאלֶן זַייא שְׁטַארְבֶּן (הֲצֹאן וּבָקָר יִשָּׁחֵט וגו׳) אִיז דֶען רֶעכְט מֶען זָאל קוֹילֶען שָׁאף אוּנ רִינְדֶר אוּנ דָם זָאל זַייא גֶענוּג זַיין אוֹיף אֵייבִּיג עֶס אִיז גְלַייךְ וִוי מֶען זָאגְט צוּ אַיין אֵייזֶל מֶען וֶועט דִיר גֶעבֶּן אַמָאס גֶערְשְׁטֶן אוֹיף עֶסִין אוּנ דֶר נָאךְ וֶועט מֶען דִיר דֶעם קָאפּ אָפּ הַאקִן הָט גָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ וֶועל זַיי קֵיין פְלֵייש נִיט גֶעבֶּן וֶועלֶן זַיי זָאגֶן דָם אִיךְ הָאבּ קֵיין כֹּחַ נִיט צוּ גֶעבֶּן זַיי פְלֵייש אִין דֶר מִדְבָּר אַזוֹי וֶועט מַיין נָאמֶן וֶוערֶן פַר שְׁוֶועכְט דְרוּם מוּז אִיךְ זַיי פְלֵייש גֶעבֶּן נָאר זַיי וֶועלֶן מוּזִין פַאר לָארֶן וֶוערִין דוּרְךְ דֶעם דֶען אִיךְ ווַייס וואוּל זַיי זוּכֶן נָאר אַבִּלְבּוּל וֶוען אִיךְ וֶועל זַייא גֶעבֶּן אוֹקְסֶען פְלֵייש ווֶעלֶן זַיי זָאגֶן זַיי ווִילֶן שָׁאפֶּן פְלֵייש וֶועל אִיךְ זַיי גֶעבֶּן שָׁאפֶּן פְלֵייש וֶועלֶן זַייא זָאגֶן אַז זַיי ווִילֶן אוֹקְסֶן פְלֵייש אָדֶר זַיי ווִילֶן פִישׁ אוּנ זַיי וֶועלֶן אַלְץ זָאגֶן אִיךְ הָאבּ קֵיין כֹּחַ נִיט צוּ טָאן זַייעֶר ווִילֶן הָט מֹשֶׁה גֶעזָאגְט צוּ גָאט אִיךְ וֶועל גֵיין צוּ דִיא יִשְׂרָאֵל אוּנ וֶועל זַיי אִיבֶּר רֵיידֶן דָאס זַיי זָאלֶן קֵיין בֵּייז נִיט רֵיידֶן הָאט גָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט (עַתָּה תִרְאֶה וגו׳) אַצוּנְד וֶועסְטוּ זֶעהְן אוֹבּ עֶס וֶועט נִיט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט דָם

זַיי וֶועלֶן דִיךְ נִיט צוּ הֶערִין אִיז מֹשֶׁה גֶעקוּמֶן צוּ דִי יִשְׂרָאֵל אוּנ הָט גֶעזָאגְט צוּ זַיי הָאט דֶען גָאט קֵיין כֹּחַ נִיט צוּ טָאן אַלֶץ וָוס עֶר ווִיל, עֶר הָט אוּנְז גֶעגֶעבֶּן וַואסֶר פוּן אַשְׁטֵיין אוּנ מַן פוּן דֶעם הִימֶל הָאבֶּן דִי יִשְׂרָאֵל אִים גִיעֶנְטְפֶרְט עֶר הָט קֵיין כֹּחַ נִיט צוּ טָאן אוּנְזֶער ווִילֶן דְרוּם שִׁיקְט עֶר אוּנְז אַיין צוּ רֵיידֶן מִיר זָאלֶען נִיט וֶועלִין קֵיין פְלֵייש. דֶער תּוֹלְדוֹת יִצְחָק אוּנ דֶר אֶבֶּן שׁוּאֵב שְׁרַייבֶּן דִי יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן גֶעהַאט גֶענוּג בְּהֵמוֹת צוּ עֶסִין נָאר זַיי הָאבֶּן גֶעזָאגְט גָאט הָאט פַר בָּאטֶן מֶען זָאל קֵיין פְלֵייש נִיט עֶסִין בִּיז מֶען זָאל פְרִיעֶר דָאס בְּלוּט שְׁפְּרֶענְגֶן אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ אוּנ מֶען זָאל מַקְטִיר זַיין דֶעם חֵלֶב אוּנ עֶס אִיז מֶער קֵיין כֹּהֲנִים נִיט דָא נָאר אַהֲרֹן מִיט זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶר אוּנ וָואס קֶענִין זַייא גֶענוּגֶן טָאן צוּ כָּל יִשְׂרָאֵל דְרוּם שְׁטֵייט נִיט (מִי יַתֵּן לָנוּ בָּשָׂר) וֶוער וֶועט אוּנְז גֶעבֶּן פְלֵייש דֶען זַיי הָאבֶּן גֶענוּג פְלֵייש גֶעהַאט נָאר זַיי הָאבֶּן גֶעזָאגְט (מִי יַאֲכִילֵנוּ בָּשָׂר) וֶוער זֶענִין דִי כֹּהֲנִים וָוס קֶענִין אוּנְז גֶענוּג פְלֵייש מַאכֶן עֶסִין דָם זַיי זָאלֶן מַקְרִיב זַיין דָם חֵלֶב אוּנ דָם בְּלוּט דָאס מִיר זָאלֶן עֶסִין גֶענוּג פְלֵייש הָט גָאט גֶעזָאגְט אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבֶּן גֶענוּג פְלֵייש צוּ עֶסֶן חָאטְשֵׁי אִיר הָט ווֵייגִיג כֹּהֲנִים אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבֶּן פוֹיגֶלֶן וָואס הֵייסֶן וַואכְטֶלִין דָאס מֶען דַארְף נִיט מַקְרִיב זַיין זַייעֶר חֵלֶב אוּנ בְּלוּט אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ. אוֹךְ שְׁרַייבְּט דֶער תּוֹלְדוֹת יִצְחָק וָוארוּם הָאט גָאט פְרִיעֶר גֶעזָאגְט דָאס זַייא וֶועלִין עֶסִין אַחוֹדֶשׁ פְלֵייש אוּנ דֶר נָאךְ הָט עֶר זַיי גֶעטֵייט אַז דָם פְלֵייש אִיז נָאךְ גֶעוֶועזְן צְוִוישֶׁן זַייעֶרִי צֵיין אוּנ הָט נִיט גֶעוַוארְט אַיין חוֹדֶשׁ, דֶר תֵּירוּץ אִיז מֹשֶׁה הָט גֶעזָאגְט צוּ גָאט ווַייל דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט זַיי וֶועלִין עֶסִין אַחוֹדֶשׁ פְלֵייש אוּנ וֶועלִין שְׁטַארְבֶּן פוּן פִיל עֶסִין אַזוֹי וֶועלִין זַייא זִיךְ הִיטֶען נִיט פִיל צוּ עֶסִין כְּדֵי זַייא זָאלֶען נִיט שְׁטַארְבֶּן אוּנ

שְׁלַ״ה הקדוש

(עַד אֲשֶׁר יֵצֵא מֵאַפְּכֶם וְהָיָה לָכֶם לְזָרָא) פוּן דַאנֶן קֶען מֶען זֶעהְן ווִי ווַייט עֶס גְרֵייכְט דֶר עוֹנֶשׁ פוּן דִי בַּעֲלֵי תַאֲוָה. דְרוּם זָאל דֶר מֶענְשׁ זִיךְ הִיטֶן פוּן מוֹתָרוֹת אוּנ זָאל זִיךְ לָאזֶען בֶּעגֶענִיגֶן מִיט ווֵיינִיג אַזוֹ ווִי יַעֲקֹב אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָט גֶעזָאגְט (וְנָתַן לִי לֶחֶם לֶאֱכוֹל וּבֶגֶד לִלְבּוֹשׁ) אוּנ פִיל הָאט עֶר גִיט פַאר לַאנְגְט פוּן גָאט׃

און ווען אפילו פיל רינדר און שאף וועלין ווערין געקוליט צו זיי אדער אלע פיש פון ים וועלין ווערין איין געזאמלט צו זיי וועלין זיי זיך דאך היטען פיל צו עסין אזו וועט דיין גזירה ניט מקוים ווערין האט גאט צו אים געזאגט (היד יי תקצר) האט דען גאט קיין כח צו טייטען זיי חאטשע זיי וועלין ווייניג פלייש עסין (הבשר עודנו בין שניהם) דאס פלייש איז נאך געווען צווישן זייערע ציין אזו הט זיי גאט באלד געטייט צו וויזן דם ער וועט זיי טייטן חאטשי זיי עסין ווייניג פלייש (וישארו שני אנשים במחנה) רש"י און דער בחיי און דער אבן שועב שרייבן גאט האט געהייסען נעמן זיבציג זקנים פון ישראל פר נביאים האט משה געזאגט די ישראל זענין צוועלף שבטים ווען איך וועל נעמן פון איטליכן שבט זעקס זקנים וועט זיין צווייא איבריגע דען צוועלף מאל זעקס איז צוויי און זיבציג וועל איך נעמן פון צוויי שבטים צו פינף זקנים וועלין זיך די שבטים מיט מיר קריגן ווייל איך נעם פון זיי ווייניגר זקנים פון אלע שבטים דרום האט משה גענומן צוויי און זיבציג צו זעקס פון איטליכן שבט און הט גענומן צוויי און זיבציג קוויטליך אויף זיבציג האט ער אן געשריבען זקן און צוויי איז געוועזן ליידיג דר וואס וועט נעמן אקוויטל זקן דר וועט ווערין אנביא און דר וואס וועט נעמן אליידיג קוויטל דר וועט זיך אפ שיידן דען גאט וויל אים ניט פאר קיין נביא און מען האט גורל געווארפן ווער עס זאל פריער נעמן אקוויטל דען דר פרידיגר קאן ניכר קריגן אקוויטל זקן ווייל עס זענין נאך דא פיל קוויטליך זקן און אלדד ומידד זענין געוועזן פון די זקנים וואס משה הט אום געקליבן צום גורל און זיי זענין זייער פרום געוועזן און האבען זיך נידריג געהאלטן און האבן זיך בהאלטן און האבן ניט געוואלט גיין צום גורל דען זיי האבן געזאגט ווען דר גורל וועט אויף אונז געפאלן צו זיין זקנים וועלין אנדרי צוויי זקנים ארום גיין בחרפה דרום זענין זייא ניט געגאנגן אין משכן צום גורל און אמייל חכמים זאגען דם זיי זענין יא געגאנגען צום גורל ווייל משה הט זיי

געבעטן דרום האבין זיי ניט געוואלט עובר זיין דם געבאט פון משה און זיי זענין געקומן צום גורל האבין אכט און זעכציג זקנים ארום גענומען קוויטליך וואס אויף זיי איז געשטאנין זקן און צוויי זקנים האבין גענומן דיא ליידיגע צוויי קוויטליך אזו זענין איבר געבליבן די אונטרשטע צוויי קוויטליך פון זקן צו אלדד און מידד האבין זייא ניט געוואלט נעמין די קוויטליך און האבין געזאגט לאזין זייא בלייבין צו דיא צוויי זקנים וום האבין גענומן דיא ליידיגע קוויטליך דען זיי זענין מער ראוי צו זיין זקנים ווי מיר חאטשי גאט וויל זיי ניט און וויל אונז יא. ווייל זיי האבין זיך נידריג געהאלטין האבין זיי זוכה געוועזן צו האבין מער כבוד ווי אלע זקנים דען די זקנים האבין מער קיין נביאות ניט געקאנט זאגין נאר וואס וועט גישעהען אין זייערי צייטין אבער אלדד ומידד האבין נביאות געזאגט וום עס וועט גישעהען אין דיא טעג פון משיח מיט גוג ומגוג און דיא נעמין פון דיא זקנים זענין ניט אן געשריבן געווארין אין דר תורה אבר דיא נעמין פון אלדד ומידד זענין אן געשריבן געווארין אויך אלע זקנים האבין נביאות געזאגט פון דעם רוח פון משה אבער אלדד ומידד האבין נביאות געזאגט פון דעם רוח פון גאט און אויך די אלע זקנים זענין געשטארבן אין דר מדבר אבר אלדד ומידד זענין געקומן קיין ארץ ישראל (וירץ הנער ויגד אל משה) איז געלאפין גרשום דער זון פון משה און האט געזאגט צו משה אלדד ומידד זאגין נביאות אין דר מחנה (ויאמר אדוני משה כלאם) האט יהושע געזאגט צו משה מיין האר זעץ זיי איין אין דער תפיסה דען זיי האבן געזאגט משה וועט שטארבן און יהושע וועט פירן דיא ישראל קיין ארץ ישראל און חאטשי זייא האבן גוטס געזאגט אויף יהושע דם ער וועט אמלך ווערין דאך הט אים באנק גיטאן וואס זיי זענין מבייש זיין רבי דרום הט ער געזאגט צו משה זעץ זיי איין אין דר תפיסה (ויאסף משה אל המחנה הוא וזקני ישראל) משה מיט די זקנים זענין וואהרען איין געזאמלט אין דער מחנה דער

צרור המור שרייבט דער פסוק ווייזט ווי משה הט זיך נידריג געהאלטן אונ עס הט אים ניט געארט וואס די זקנים האבן שררה שאפט גלייך מיט אים דער תולדות יצחק אונ דער צרור המור אונ דער אבן שואב שרייבן אלדד ומידד זענין געוועזן ברודר צו משה פון איין פאטר דען עמרם הט געהאט זיין מומע יוכבד פר אווייב אונ ווי ער הט גיהערט פון משה דס דיא תורה וועט פר ביטן צו נעמן אמומע אזו הט ער זיך אפ געשייד פון יוכבד אונ הט גענומן איין אנדר ווייב אונ הט געווינן מיט איר אלדד ומידד אונ דרום הט איינר געהייסן אלדד דס איז טייטש ער איז קיין פעטר כלומר ער איז איך ניט וואורן געבארן פון אמומע, דרייא בייזע מדות האבן דיא ישראל געהאט אין דער מדבר, איינס איז קנאה דאס איז ביי יהושע דס משה הט אים גיענפרט (המקנא אתה לי) ווילסטו דען דיך מקנא זיין פון מיינעט וועגין האטשי יהושע הט דס גיטאן לשם שמים וויל אלדד ומידד האבען געפסקנט אהלכה פר זייער רבי משה דאך הט משה אין אים אן געשריגן אונ ער איז דורך דעם געשטארבן צעהן יאר פאר זיין צייט אקעגין די צעהן ווערטר פון דם פסוק (ויען יהושע בן נון משרת משה ויאמר אדני משה כלאם) דאס אנדרי איז תאוה אזו ווי מיר געפינן אהרן אונ מרים האבן גירעט אויף משה וואס משה הט זיך אפ גישייד פון זיין ווייב וויל די שכינה הט אלע צייט גירעט מיט אים אונ אהרן אונ מרים האבי געזאגט עס איז ראוי ער זאל זיך ניט אפ שיידן פון איר וויל ער הט שלעכטע קינדר מאמר וועט ער אויף דער עלטר בעסערע קינדר האבן אונ זייא האבן געמיינט דרום הט זיך משה אפ גישייד פון זיין ווייב וויל זי איז שווארץ געוועזן ווי איין נאראפ דרום גלויבט ער צו איר ניט אונ דרום זענין זייא געשטראפט געווארין אויך געפינן מיר אין דר סדרה דס דיא ישראל האבן געגלוסט פיל פלייש צו עסין דאס דריטע איז כבוד דען מיר זעהן די תורה לובט אלדד ומידד דאס זייא האבן ניט געוואלט אן נעמן קיין שררה שאפט אונ קיין כבוד מוז זיין דיא אנדערי זקנים זענין יא נאך געגאנגען נאך כבוד אויך געפינן מיר דס דורך דעם זענין אלע זקנים געשטארבן אין דר מדבר אונ אלדד אונ מידד זענין געקומן קיין ארץ ישראל (ויאסף משה אל המחנה) משה איז אריין געגאנגען אין דער מחנה אונ די זקנים זענין געקומן איטליכר אין זיין גיצעלט אונ דיא וואכטלן האבן זיך ניט געוויזן ביז די זקנים זענין געקומן איטליכר אין זיין גיצעלט אונ דר ווינד הט נאך געבראכט אווינד אונ ער הט געבראכט צו פליהן די וואכטלן פון דם ים אונ הט זיי פר שפרייט ארום דר מחנה אויף אלע פיר זייטן איין טאג גאנג אויף איטליכר זייט אונ זיי זענין נידריג געפליגן גלייך אקעגין דעם הארצן פון דעם מענשן כדי עס זאל זיין גרינג צו נעמן זיי מען זאל זיך ניט דארפן אן בייגן אדער אויף הייבן צו נעמן זיי אונ דר חזקוני שרייבט זיי זענין גראב געפאלן איינס אויף דאס אנדרי ביז צוויי איילן פון דער ערד אונ דיא ישראל האבן געקליבן אגאנצן טאג אונ אגאנצע נאכט אונ ווידר דם אנדערן טאג אונ דער מינדסטר וואס ער הט ניט גיקאנט ניך קלובן דהיינו אהינקידיגר האט אויך צעהן הופן איין געזאמלט. דר חזקוני שרייבט איטליכר מענש הט אן געקליבן דריי הונדרט סאה אונ האט גיהאט אויף אחודש אויף דרייסיג טעג אזו הט ער אויף איין טאג גיהאט צעהן סאה אונ די ישראל האבן עס פר שפרייט צו טרוקינן ארום דר מחנה (הבשר עודנו בין שניהם) דס פלייש איז נאך געוועזן צווישן זייערע ציין ווי האבן עס נאך ניט פר דייאט אונ גאט הט זיי באלד געטייט דער חזקוני שרייבט דרום האט זיי גאט פריר פלייש געגעבן אונ דר נאך הט ער זיי געטייט דען ווען ער זאל געוועזן זייא פריר טייטן אזו וואלט מען געזאגט וויל גאט האט קיין כח ניט גיהאט צו געבן זייא גענוג פלייש דרום האט ער זיי געטייט אונ דער בחיי פרעגט ווארום הט משה דא קיין תפלה ניט גיטאן אזו ווי ער הט תפלה גיטאן בשעת אז דיא ישראל האבן גירעט ביז אויף גאט אונ איין

פייאר

פייער פינם הימל איז געקומן אונ האט פר ברענט פיל פון ישראל אזו הט משה תפלה גיטאן איז דאס פייער איין געזונקן געווארין אין דר ערד דר תירוץ איז ווייל די ישראל האבן שון פיל ביז גיטאן דען זייא האבן גיזעהן ווי דאס פייער פון גאט הט זיי פר ברענט אונ זייא האבן דאך ביז גירעט אונ האבן ניט געגלייבט אין גאט דרום הט משה פר זיי קיין תפלה ניט גיטאן אוך האט זיך משה געפארכטן ווייל ער הט דא אוך מיט כעס גירעט אקעגין גאט אונ האט געזאגט וועסטו דען קענין געווג פלייש געבן צו ישראל אוך הט ער געזאגט (למה הרעות לעבדך) ווארום האסטו דיין קנעכט שלעכץ גיטאן דס איך זאל אליין פירן דיא ישראל עס איז ניט רעכט אזו צו ריידן אקעגין גאט דרום הט ער מורא געהאט תפלה צו טאן פאר ישראל (כי שם קברו את העם המתאוים) דס ארט ווי מען הט בעגראבן די וואס האבן געגלוסט פלייש הט מען גערופן (קברות התאוה) דס איז טייטש דא זענין קברים וואס מען הט דארטן בעגראבן די וואס האבן געגלוסט פלייש אונ אפילו אין קבר האבן זיי אוך געשריגן רעב זיי זענין הונגריג אונ גלוסטן נאך צו עסין. (ותדבר מרים ואהרן במשה) מרים אונ אהרן האבן ביז גירעט אויף משה (על אודות האשה הכושית אשר לקח) ווייל ער הט גענומן אשיין ווייב וואס זי איז שיין אונ געשטאלט אונ שיין אונ מעשים אונ ער הט זיך פון איר אפ געשייד אונ דרום רופט זיא דר פסוק כושית איין נאראפ דען אזו איז דער סדר אשיין קינד זאגט מען ציגאנער כדי מען זאל אים קיין עין הרע ניט געבן אונ דער בחיי אונ דער חזקוני שרייבן צפורה איז געווען שווארץ ווי איין נאראפ אונ מרים אונ אהרן האבן געזאגט דרום האט זיך משה פון איר אפ געשייד ווייל זי איז שווארץ אונ דרום זאגט דר פסוק אויף אים עדות (והאיש משה ענו מאוד) משה איז געווען אגרויסער עניו אונ אבייושן אונ אצדיק ער האט ניט געקוקט אויף זיין ווייב אוב זי איז שיין אדר ניט אזו ווי אברהם האט ניט געקוקט אויף זיין ווייב

שרה אונ דער אבן שואב אונ דער חזקוני שרייבען דס אין ספר דברי הימים שטייט דס משה איז געוועז אמלך אין לאנד כוש אז ער איז אנטלאפן געווארין פר פרעה אונ האט די מלכה פון כוש גענומן פר אווייב איז ער ביי איר ניט גילעגן אונ דרום האט אהרן אונ מרים אויף אים ביז גירעט אונ האבן געזאגט ווייל גאט הט מיט אים גירעט דרום האלט ער זיך הוך אונ חשוב אונ וויל ניט נעמן אבת ישראל פאר אווייב נייערט איין מלכה פון דיא עו"א אמער גאט האט דאך מיט אונז אוך גירעט רש"י פרעגט ווי הט מרים געוואוסט דאס משה הט זיך אפ געשייד פון זיין ווייב דר תירוץ איז מרים איז געשטאנען לעבן צפורה אז מען האט געזאגט צו משה דאס אלדד ומידד זענין נביאים געווארין הט צפורה געזאגט ווייא צו זייערע ווייבר דען זייערע מאנן וועלין זיך אפ שיידן פון זיי אזו ווי משה הט זיך אפ געשייד פון מיר אונ מרים הט דס גיהערט אונ איז געגאנגן אונ הט דס דער צילט פר אהרן אונ חאטשי מרים אונ אהרן האבן זיך גיט מכוין געוועזן צו שענדין משה זענין זיי דאך געשטראפט געווארין מכל שכן ווער עס איז זיך מכוין צו שענדין זיין חבר ווערט פשיטא געשטראפט ווערין אונ דר חזקוני שרייבט מרים האט גיפרעגט צו צפורה ווארום זיא צירט זיך ניט אקעגין איר מאן משה דען עס איז איין מצוה די ווייבר זאלן זיך שיין צירן אקעגין זייערע מאנן כדי די מאנען זאלען קיין מחשבה ניט האבען אויף פרעמדע ווייבר הט איר צפורה גיענפערט משה האט זיך שוין לאנג אפ געשייד פון מיר אונ דרום שטייט אין פסוק פריר מרים פאר אהרן ווייל זיא הט אן געהובן ביז צו ריידן דער תולדות יצחק שרייבט מרים אונ אהרן האבן געזאגט משה האט פריר געוויזן דאס ער בגערט ניט קיין שיין ווייב נאר ער וויל מקיים זיין פריה ורביה אונ היינט הט ער זיך פון איר אפ געשייד ווייל זי איז מיאוס דרום זאגט דר פסוק (והאיש משה ענו מאד) כלומר עס הארט ניט צו משה וואס ער הט אמיאוס ווייב אוך שרייבט

דר

דר תולדות יצחק דרום האבן זיי ביז אהער ניט גירעט ווייל זייא האבן געזאגט ער איז גירעכט וואס ער שייד זיך אפ פון זיין ווייב ווייל ער איז אנביא איבער ישראל אבער היינט איז געוועזן זיבצינג זקנים נביאים מיט אים דרום האבן זייא גירעט ווארום שייד ער זיך מער אפ ווי אנדרי זקנים (פתאום) גאט האט זיך בעוויזן פלוצלונג צו משה אונ צו אהרן אונ צו מרים אונ אהרן אונ מרים זענין ניט ריין געוועזן האבן זיי געשריגן וואסר צו ריין מאכן זיך צו ריידן מיט גאט אונ דם הט גאט דרום גיטאן צו ווייזן דם משה הט רעכט גיטאן וואס ער האט זיך אפ געשייד פון זיין ווייב ווייל די שכינה טוט זיך אפט צו אים בעוויזן אונ עס איז ניט דא קיין גיזעצטע צייט דר בחיי שרייבט דרום הט זיך גאט באלד צו זיי בעוויזן ווייל אין זייער ריידן איז געוועזן אחילול השם דען דר וואס רעט אקעגין נביאים אדר אקעגין תלמידי חכמים איז גליך ווי ער רעט אקעגין גאט דרום הט זיך גאט באלד בעוויזן צו זיי כדי זיי זאלן דר ווייל קיין תשובה ניט טאן אוף זייערע עבירה אונ זאלן קיין חרטה ניט האבן דען אוף דר עבירה פון חילול השם וויל גאט קיין תשובה ניט נייערט ער וויל שטראפן דרוף ווייל עס איז זייער אגרוסע עבירה אונ דר צרור המור שרייבט דרום הט גאט זיך באלד בעוויזן צו זיי אז זיי זענין נאך ביי אנאנדר געשטאנן כדי מען זאל ניט זאגן משה איז בעזונדר געוועזן אונ הט זיך געקלאגט פר גאט אויף מרים אונ אהרן דען ער האלט זיך הוך אונ וויל ניט ליידן מען זאל אים איין ווארט ריידן אונ דרום שטייט (וישמע יי) גאט הט אליין גיהערט אן דר תפלה פון משה (ויקרא אהרן ומרים) גאט הט גערופן אהרן אונ מרים אונ ניט משה צו ווייזן דם משה איז ניט אין דם צארן פון אהרן אונ מרים אונ דר אבן שועב שרייבט דרום הט ער משה ניט גערופן ווייל גאט הט געוואלט זאגן דם משה איז איין צדיק דרום האט ער דם ניט געוואלט זאגן פאר משה נאך איין תירוץ איז ער הט ניט געוואלט משה זאל הערין דיא חרפה פון אהרן ווייא גאט וועט אים מבייש זיין (בחלום אדבר בו) גאט האט צו זיי געזאגט ווי זאלט איר אייך גלייכן צו משה ווען איך רייד מיט אנדערי נביאים טו איך מיך בעווייזן צו זיי אין חלום אבער מיט משה רייד איך בעשיידליך פנים אל פנים אונ איך האב אים געהייסן ער זאל זיך אפ שיידן פון זיין ווייב אזו שרייבט רש"י פרעגט דר אמרי נועם מרים זאגט דאך דאס משה האט זיך אליין אפ געשייד פון זיין ווייב דער תירוץ איז פריער הט זיך משה אליין אפ געשייד פון זיין ווייב נאר דער נאך האט גאט אים געזאגט דו האסט רעכט גיטאן וואס דו האסט דיך אפ געשייד פון דיין ווייב אונ אזו זאלסטו דיך האלטן אלע צייט (ויחר אף יי בם וילך) גאט הט זיי פריער געזאגט די עבירה וואס זיי האבן גיטאן אונ דר נאך הט ער זיי געשטראפט (פון דאנן זאל מען אפ לערנין ווען איין מענש וויל צערנין אויף זיין חבר זאל ער אים פריער זאגן זיין עבירה וואס ער הט גיטאן אונ דער וואלקן הט זיך אפ גיטאן פון דעם משכן אונ מרים איז מצורע געווארין אונ אהרן איז אויך מצורע געווארין נאר ער איז באלד געהיילט געווארין אונ אטייל חכמים זאגן דם אהרן איז ניט מצורע געווארין אונ אהרן הט גיבעטן צו משה אונ זאגט לאז ניט זיין אונזר שוועסטר אזו ווי איין מת דען איין מצורע איז גליך ווי איין מת (אשר בצאתו מרחם אמו) ווייל מרים איז ארוס געגאנגן פון דר מוטרס לייב אזו ווי מיר זענין ארוס געגאנגן אונ מיר קענין
איר

שלה הקדוש

(והנה מרים מצורעת כשלג) פון דאנען זאל מען זעהן ווי גרוס דר עונש איז פון לשון הרע זעהט וואס פר אפסק מרים הט געהאט אויף איינגע ווערטר וואס זיא הט גערייד אויף משה רבינו עליו השלום איר ברודר אונ אזו זאגט דר פסוק אז מען זאל פארניכטיג זיין אונ מען זאל גידענקען וואס מרים הט געטראפן ווי עס שטייט אין פרשת תצא (זכור את אשר עשה ה' אלהיך למרים וגו') גידענק אונ דר מאן דיא זאך וואס גאט ב"ה הט געטאן צו מרים ווען מיר זענן ארוס געגאנגן פון מצרים:

איר העלפן מיט תפלה אונ אז מיר וועלין איר ניט העלפן איז גלייך ווי מיר פר דארבן אונזר פלייש דען אונזר שוועסטר איז גלייך ווי אונזר פלייש אוך הט אהרן געזאגט צו משה ווען דו וועסט ניט קיין תפלה טאן אוף איר ווער וועט זי היילן דען אמצורע פלעגט איין כהן אים פר שליסן פלעגט ער געהיילט ווערין אבר איך בין איין ברודר צו מרים אונ איין כהן איין קרוב טאר ניט פר שליסן זיין קרוב דם מצורע אונ קיין אנדרר כהן איז ניט דא ער זאל זי פר שליסן הט גאט געזאגט איך וועל זי פר שליסן אונ וועל זי היילן דר בחיי שרייבט אשר בצאתו מרחם אמו ווייזט דאס אהרן הט געזאגט צו משה טוא תפלה אוף מרים דען ווען דו וועסט אוף איר קיין תפלה ניט טאן וועט אינזר שוועסטר זיין גלייך ווי איין קינד וואס ווערט געבארן מצורע איז דאס אייביג טמא אזו וועט מרים אייביג טמא זיין דען עס איז ניט דא קיין כהן וואס זאל זיא פר שליסען אונ מטהר זיין הט משה תפלה גיטאן צו גאט אונ הט געזאגט (אל נא רפא נא לה) גאט הייל מרים פון צרעת אונ דרום הט ער קורץ תפלה גיטאן כדי דיא ישראל זאלען ניט זאגן זיין שוועסטר איז אין צרה אונ ער טוט לאנג תפלה אדר ווי זאלן ניט זאגן פון זיין שוועסטר וועגין טוט ער לאנג תפלה אונ פון אונזערט וועגין ניט (ואביה ירוק ירק בפניה) גאט זאגט ווען דר פאטר זאל זי פר שעמן אזו וואלט זי זיך גישעמט זיבן טעג מכל שכן דאס זיא הט גיזינדיגט אקעגין מיר גאט דרום זאל זי זיין פר שלאסן זיבן טעג כלומר זי זאל זיין מצורע זיבן טעג (והעם לא נסע עד האסף מרים) אונ דיא ישראל האבן ניט געצוגן ביז מרים איז ריין געווארין פון איר צרעת אונ דם הט זי זוכה געוועזן ווייל זיא הט געווארט אוף משה אז מען הט אים אריין געווארפן אין טייך אונ די טאכטער פון פרעה האט אים פון דעם טייך ארוס גענומן אונ הט געזאגט צו מרים זי זאל איר רופען איין זייגערין פון ישראל צו אן זייגין דם קינד האט מרים גערופן די מוטר צו אן זייגן אים אונ ווייל זיא האט געווארט אוף איין קליינע ווייליע האבען כל ישראל אוף איר געווארט זיבן טעג פון דאנען לערנין מיר אפ דם גאט בצאלט אימליכן זיין שכר מדה כנגד מדה:

## הפטרת בהעלותך. (והיא גם הפטורת שבת א׳ דחנוכה).

(רני ושמחי בת ציון) זינג אונ פרייא דיך שטאט ציון דען איך וועל קומן אונ וועל רוען אין דיר אזו זאגט גאט אונ אין דם דאזיגן טאג פון דר גאולה וועלען זיך באהעפטען פיל אומות צו גאט צו דינען אים אונ זיי וועלען זיין צו מיר צו אפאלק אונ פון דעסט וועגן וועל איך רוען צווישן די ישראל אונ דו ישראל וועסט וויסען דם גאט האט מיך זכריה געשיקט נביאות צו זאגען דיר ישראל (ונחל יי את יהודה חלקו) אונ גאט וועט מאכן ירשענען צו שבט יהודה זיין חלק אוף דר הייליגער ערד אונ ער וועט אום דר ווייליען אין ירושלים (הס כל בשר מפני יי) אליע מענשן וועלען זיין געשטילט פון פר גאט דען גאט וועט זיך דר וועקין פון זיין הייליג וואונג. דר מדרש זאגט אין בראשית רבה ר׳ פנחס זאגט פון וועגען ר׳ ראובן פינף מאל הט דוד המלך געזאגט קומה יי שטייא אוף גאט הט גאט אים גיענפערט ווען דו וועסט טוזענד מאל זאגען קומה יי וועל איך דאך ניט אוף שטיין נייערט דען וועל איך אוף שטיין ווען מען טוט עניים אונ אביונים אום רעכט אזו ווי אין פסוק שטייט (משוד עניים מאנקת אביונים עתה אקום יאמר יי) פון וועגען דם בארובונג פון די עניים

### משלי יהודה

(רני ושמחי בת ציון כי הנני בא ושכנתי בתוכך) על פי משל ארב אגדול הדור איז געקימן אין אשטאט וום קיינר הט אים ניט גיקענט נאר איין בעל הבית הט פר שטאנין ער מוז זיין איין איש נכבד הט ער אים גיבעטין ער זאל ביי אים האבין אכסניא דר נאך זענין די אנשי העיר זיך דר וואוסט אז ער איז אגאון עולם אגדול הדור הט זיך דר בעה״ב מתפאר גיוועזן אז ער איז חשוב ביי דם רב אונ דעריבר הט ער ביי אים אכסניא זאגין די בעלי בתים וום רימסט דיך אומזיסט ווייל ער הט גיט געקריגן קיין אכסניא דעריבר איז ער איין געשטאנין ביי דיר ווען אנאנדערער זאל אים בעטין וואלט ער צו יעני גענאנגין ניט צו דיר, אין אמאר איז דר רב ווייטר געקומן זענין

עֲנִיִּים אוּנ דֶם גֶעשְׁרַיי פוּן דִיא אֶבְיוֹנִים וֶועל אִיךְ גָאט אוּף שְׁטֵיין דָם מֵיינְט דֶר פָּסוּק (הַס כָּל בָּשָׂר) אַלֶע מֶענְשֶׁן וֶועלֶען זִיךְ פַארְכְטִין אוּנ וֶועלֶען שְׁטִיל שְׁוַויינֶען וֶוען גָאט וֶועט זִיךְ דֶר וֶועקִין פוּן וֶועגֶען דִיא עֲנִיִּים (וַיַּרְאֵנִי אֶת יְהוֹשֻׁעַ הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל) אוּנ גָאט הָט מִיר גֶעוִויזֶן יְהוֹשֻׁעַ כֹּהֵן גָדוֹל שְׁטֵייט פַר אַמַלְאָךְ פוּן גָאט אוּנ דֶער שָׂטָן שְׁטֵייט אוּף זַיין רֶעכְטֶר הַאנְד צוּ מְקַטְרֵג זַיין אוּף אִים וַוייל זַיינֶע זִיהְן הָאבֶּן גֶענוּמֶן וַוייבֶּר פוּן דִיא אוּמוֹת אַזוֹ הָט דֶער מַלְאָךְ פוּן גָאט גֶעזָאגְט צוּם שָׂטָן גָאט זָאל אָן שְׁרַייאֶן אִין דִיר שָׂטָן (הֲרֵא זֶה אוּד מוּצָל מֵאֵשׁ) דֶען דֶר יְהוֹשֻׁעַ אִיז רָאוּי צוּ זַיין אַכֹּהֵן גָדוֹל וַוייל עֶר אִיז וָוארֶען אָפּ גֶעשַׁייד פוּן דֶעם פַייעֶר אוּנ אַזוֹ אִיז גֶעוֶועזֶען דִיא מַעֲשֶׂה דִי גְמָרָא זָאגְט אִין פֶּרֶק חֵלֶק צְוַויי פַאלְשֶׁע נְבִיאִים זֶענֶען גֶעוֶועזֶען אִין גָלוּת בָּבֶל אֵיינֶר הָט גֶעהֵייסֶן צִדְקִיָּה בֶּן מַעֲשֵׂיָה אוּנ דֶר אַנְדֶערֶער הָט גֶעהֵייסֶן אַחְאָב בֶּן קֹלָיָה אִיז צִדְקִיָּה גֶענַאנְגֶען צוּ דֶר טָאכְטֶר פוּן נְבוּכַדְנֶצַּר אוּנ הָאט גֶעזָאגְט צוּ אִיר גָאט הָט גֶעהֵייסֶן דוּ זָאלְסְט לִיגֶן מִיט אַחְאָב דֶם נָבִיא אוּנ אַחְאָב הָט אַזוֹ גֶעזָאגְט אוּף צִדְקִיָּה אִיז גֶענַאנְגֶען דִיא טָאכְטֶר אוּנ הָט עֶס דֶר צֵיילְט אִיר פָאטֶר הָט דֶר פָאטֶר צוּ אִיר גֶעזָאגְט וֶוען זֵיי וֶועלֶען קוּמֶען צוּ דִיר שִׁיק זֵיי צוּ מִיר הָט זִיא זֵיי גֶעשִׁיקְט צוּ אִיר פָאטֶר הָט נְבוּכַדְנֶצַּר צוּ זֵיי גֶעזָאגְט וָוארוּם הָט אַייךְ גָאט אַזוֹ בַּאפוֹלֶן אוּנ צוּ חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה הָט עֶר נִיט אַזוֹ בַּאפוֹלֶן הָאבֶּן זֵיי גִיעֶנְפֶערְט חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה זֶענֶען קֵיין נְבִיאִים נִיט גֶעוֶועזֶען אוּנ מִיר זֶענֶען נְבִיאִים הָט נְבוּכַדְנֶצַּר צוּ זֵיי גֶעזָאגְט אִיךְ וֶועל אַייךְ פְּרוּבֶן אַזוֹ וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעפְּרוּבְט חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה אוּנ הָאבּ זֵיי אִין אַפַייעֶרִיגֶען קַאלְךְ אוֹבֶן אַרַיין גֶעוָוארְפֶען הָאבֶּן דִיא פַאלְשֶׁע נְבִיאִים גִיעֶנְפֶערְט זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועזֶען דְרַייא דְרוּם אִיז זֵייעֶר זְכוּת פִיל גֶעוֶועזֶען זֶענֶען זֵיי נִיצוֹל גֶעוָוארֶען אוּנ מִיר זֶענֶען נָאר צְוַויי הָט נְבוּכַדְנֶצַּר גֶעזָאגְט נֶעמְט אַייךְ נָאךְ

אֵיינֶם צוּ אַייךְ הָאבֶּן זֵיי אוּם גֶעקְלִיבֶּן יְהוֹשֻׁעַ כֹּהֵן גָדוֹל דֶען זֵיי הָאבֶּען גֶעמֵיינְט זֵיי וֶועלֶען נִיצוֹל וֶוערֶען פוּן זַיין זְכוּת וֶועגֶען הָט מֶען זֵיי אַלֶע דְרַייא אִין פַייעֶר אַרַיין גֶעוָוארְפֶן זֶענֶען דִיא צְוַויי פַאלְשֶׁע נְבִיאִים פַר בְּרֶענְט גֶעוָוארֶן אוּנ יְהוֹשֻׁעַ כֹּהֵן גָדוֹל אִיז נִיצוֹל גֶעוָוארֶען נָאר זַיינֶע קְלֵיידֶר זֶענֶען פַר בְּרֶענְט גֶעוָוארֶן הָט נְבוּכַדְנֶצַּר צוּ אִים גֶעזָאגְט אִיךְ וַוייס דָם דוּ בִּיסְט אַצַדִיק וַוארוּם זֶענֶען דַיינֶע קְלֵיידֶר פַר בְּרֶענְט גֶעוָוארֶען אוּנ צוּ חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה זֶענֶען זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶר אוֹךְ נִיט פַר בְּרֶענְט גֶעוָוארֶן הָט יְהוֹשֻׁעַ גִיעֶנְפֶערְט זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועזֶען דְרַייא אוּנ אִיךְ בִּין גֶעוֶועזֶען אַלֵיין זָאגְט נְבוּכַדְנֶצַּר אַבְרָהָם אִיז אוֹךְ אַלֵיין גֶעוֶועזֶען אִין קַאלְךְ אוֹבֶן אוּנ זַיינֶע קְלֵיידֶר זֶענֶען נִיט פַר בְּרֶענְט גֶעוָוארֶן הָט יְהוֹשֻׁעַ גִיעֶנְפֶערְט בַּייא אַבְרָהָם הָט דָם פַייעֶר קֵיין רְשׁוּת גֶעהַאט צוּ בְּרֶענֶען אָבֶּער דָא וַוייל עֶס הָט גֶעהַאט רְשׁוּת צוּ פַר בְּרֶענֶען צִדְקִיָּה אוּנ אַחְאָב דְרוּם הָט עֶס מַיינֶע קְלֵיידֶר אוֹךְ פַר בְּרֶענְט אוֹךְ הָט עֶר גֶעזָאגְט וֶוען צְוַויי דַארֶע שְׁטִיקֶער הָאלְץ בְּרֶענֶען מוּז דָם דְרִיטֶע שְׁטִיק הָאלְץ אוֹךְ בְּרֶענֶען חָאטְשֶׁע עֶס אִיז פַייכְט אוּנ דֶר אֱמֶת הָט יְהוֹשֻׁעַ פַר זִינְדִיגְט דָם זַיינֶע קְלֵיידֶער זֶענֶען פַר בְּרֶענְט גֶעוָוארֶן וַוייל עֶר הָט גֶעלָאזְט זַיינֶע קִינְדֶר גְרוּשׁוֹת נֶעמֶען וָואס זֶענֶען אָסוּר צוּ אַכֹּהֵן (וִיהוֹשֻׁעַ הָיָה לָבוּשׁ בְּגָדִים צוֹאִים) אוּנ יְהוֹשֻׁעַ אִיז גֶעוֶועזֶען אָן גֶעקְלֵייד אִין אַיינְגֶערֶעכְטֶע קְלֵיידֶער כְּלוֹמַר עֶר הָט אוּף זִיךְ גֶעהַאט דִיא עֲבֵירָה וָוס זַיינֶע זִיהְן הָאבֶּן גֶענוּמֶן גְרוּשׁוֹת אוּנ עֶר הָט זֵיי נִיט גֶעוֶוערְט הָט דֶר מַלְאָךְ גֶעזָאגְט צוּ אַנְדֶערֶע מַלְאָכִים וָוס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען פַר אִים טוּט אָפּ דִי אַיינְגֶערֶעכְטֶע קְלֵיידֶר פוּן יְהוֹשֻׁעַ כְּלוֹמַר לָאזֶען זַיינֶע זִיהְן גֶט גֶעבֶּען דִיא גְרוּשׁוֹת וֶועט אִים גָאט מוֹחֵל זַיין זַיין עֲבֵירָה אוּנ דֶר מַלְאָךְ הָט גֶעזָאגְט צוּ יְהוֹשֻׁעַ זֶעה אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אִיבֶּר פָארֶען דַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּנ הָאבּ דִיךְ אָנְגֶעקְלֵייד מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶר

כלומר

## משלי יהודה

זֶענִין אִים אַנְטְקֶעגִין גֶעגַאנְגִין דִי נִכְבַּדֵי הָעִיר אוּנ הָאבִּין אִים גִיבֶּעטִין אוּף זֵייעֶר אַכְסַנְיָא עֶנְפֶערְט דֶר רַב אִיךְ וֶועל נִיט מְשַׁנֶּה זַיין מַיין אַכְסַנְיָא מִיר גִיפֶעלְט דֶר בעה״ב עֶר הָט מִיךְ עֶרְלִיךְ גֶעהַאלְטִין אֵיידֶר עֶר הָט גֶעוואוּסְט וֶוער אִיךְ בִּין דֶענְצְמָאל הָאבִּין אַלֶע גִיזֶעהְן אַז דֶר בעה״ב הָט מַיין חֵן וִוי דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אַזוֹ בַּיי מַתַּן תּוֹרָה אִיז הַשי״ת אַרוּם גֶעגַאנְגִין צוּ כָּל אוּמָה וְלָשׁוֹן אוּנ קֵיינֶר הָט נִיט גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין נָאר דִי יִשְׂרָאֵל דֶענְצְמָאל הָט מֶען נָאךְ נִיט דֶר קֶענְט אַז דִי יִשְׂרָאֵל זֶענִין מַיין נוֹשֵׂא חֵן וִוי אַלֶע עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים וַוייל עֶר אִיז מַשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ בַּיי זֵיי וַוייל עֶר הָט קֵיין אַנְדֶער אָרְט נִיט גֶעהַאט אָבֶּר לֶעָתִיד

וֶועלִין אַלֶע עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים קוּמֶן לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם יְיָ וֶוען הַשי״ת וֶועט מַשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ זַיין אוּף דִי יִשְׂרָאֵל דֶענְצְמָאל וֶועט נִתְפַּרְסֵם וֶוערִין דָם חֲשִׁיבוּת פוּן דִי יִשְׂרָאֵל דָם זָאגְט דֶר פָּסוּק (רָנִּי וְשִׂמְחִי וגו׳) דָם מָאל מֶעגְסְטוּ בַּת צִיּוֹן זִינְגִין אוּנ פְרֵייעֶן אוּנ בַּארִימֶען זִיךְ מִיט וָוס (וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכֵךְ) אִיךְ וֶועל מַשְׁרֶה שְׁכִינָתִי זַיין בַּיי דִיר וַוייל דִי צַייט (וְנִלְווּ גוֹיִם רַבִּים וגו׳) אַלֶע עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים וֶועלִין קוּמֶן אוּנ וֶועלִין בֶּעטִין אַז דִיא שְׁכִינָה זָאל זַיין בַּיי זֵיי פוּן דֶעסְט וֶועגִין (וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכֵךְ) דֶר מִיט (וְיָדַעַתְּ כִּי יְיָ צְבָאוֹת שְׁלָחַנִי אֵלָיִךְ) אַז גָאט הָט מִיךְ נָאר גֶעשִׁיקְט צוּ דִיר זָאלְסְט אִים בּוֹעֶן אַבֵּית הַמִּקְדָּשׁ דָם אִיז אַצֵייכִין אוּף דַיין חֲשִׁיבוּת:

כלומר מיט זכיות (כה אמר יי צבאות) אזו האט געזאגט גאט צו יהושע אוב דו וועסט גיין אין מיינע וועגען וועסטו משפטן מיין הוז אונ וועסט זיין אהאר דריבר אונ וועקט היטען מיינע הופען (ונתתי לך וגו') אונ איך וועל דיר געבן גייערס צווישן דיא דאזיגע שטייענדיגע מלאכים כלומר דיינע קינדר וועלען לעתיד לבא גיין צווישן דיא מלאכים (שמע נא יהושע וגו') הער צו דו יהושע כהן גדול אונ דיינע חברים חנניה מישאל ועזריה וואס זיצן פר דיר דען צו זיי איז אויך וואָרען געטאן וואונדר אזו ווי צו דיר זאלט איר הערען דאס איך וועל ברענגען משיח וואס ער ווערט גערופן צמח (כי הנה האבן וגו') דען דער שטיין וואס איך האב געגעבן פר יהושע כלומר דם יסוד וואס איר האט געלייגט אין דיא טעג פון כורש אונ אייערע פיינד האבן מבטל געווען פון צו בויען אויף אים אונ דער יסוד איז געווען קליין אין אייערע אויגען וועל איך אויף דעם יסוד מאכן אן זיבציג זיבן מאל ברייט אזו ווי דער ערשטער בית המקדש איז געווען (הנני מפתח פתיחה) איך וועל עפינען דעם קניפ פון אייערע פיינד וואס זייא האבן געמאכט מבטל צו זיין דם בנין בית המקדש אונ וועל פר שטערן זייער עצה אזו זאגט גאט איך וועל אפ טאן דיא זינד פון דם לאנד אין איין טאג אונ עס וועט זיין גרוס שלום צו אייך דם איר וועט רופן איטליכר מאן צו זיין חבר אונטר זיין ווייןשטאק צו טרינקן וויין אונ אונטר זיין פייגן בוים צו עסן פייגען (וישב המלאך) אונ דער מלאך וואס האט מיט מיר גערייד האט מיך אויף געוועקט אזו ווי א מענש וועקט זיך אויף פון זיין שלאף אונ זאגט צו מיר וואס זעהסטו האב איך געזאגט איך זעה אגילדענים לייכטער אונ אבעקין איז אויף איר שפיץ אונ זיבן רערליך זענען אין דער מנורה וואס מען גיט אין זיי דם בום אייל אונ דיא קנייטלך צו איטליכן רעריל זענען זיבן קליינע רערליך וואס דורך זיי רינט דער בום אייל פון דם בעקין אין דיא רערליך פון דער מנורה אונ צוויי אייל בירט ביימר שטייען בייא דער מנורה איינר איז ביי דער רעכטע זייט אונ איינר ביי דער לינקער זייט (ואען ואמר) האב איך גיפרעגט דם מלאך וואס האט מיט מיר גערייד וואס איז דם די אייל בירט ביימר מאכן פון זיך זעלבערט בום אייל אונ עס פאלט אריין אין בעקין אונ פון בעקין אין דער מנורה אונ קיין מענש ארבייט ניט דער צו (ויען ויאמר אלי) האט דער מלאך גיענטפערט אונ האט צו מיר געזאגט דם איז אסימן אזו וויא דער בום אייל ווערט אוס גיקוועטשט פון זיך אליין אזו אויך ניט מיט חיל אונ מיט כח וועט איר קענען בויען דם בית המקדש נאר מיט מיין ווילען אזו זאגט גאט דען איך וועל געבין מיין ווילען אויף דריוש המלך אונ ער וועט שאפען מען זאל אייך געבין נאך אייער באדערפינש פון דם בנין אונ אויך אייער פרנסה אונ איר וועט ניט דארפין קיין הילף פון קיין מענש (מי אתה הר הגדול) ווער ביסטו גרוסר בארג דו וועסט זיין פר זרובבל צו אגלייכען פלאץ דיא הארען פון עבר הנהר וואס האבן ביז אהער מבטל געווען דאס בנין בית המקדש וועלען היינט מער ניט האבן קיין גדולה אונ שררות איבר זרובבל זיי וועלען פר אים גלייך זיין ווי אגלייכר פלאץ אונ דער זרובבל וועט אים ציהן דם בלייער שטיין וואס מען מעסט מיט אים דען ער וועט זיין דער עלצטר איבר די בוערס אונ זיי וועלען בוען נאך זיין באפעל נאך אונ עס וועט זיין אשיינר בנין (תשואות חן חן לה) אבארימונג פון חן וועט זיין צו דם בלייער שטיין איטליכר וועט זאגען וואס פר אשיינר בנין איז וואָרען געבועט דורך דם בלייער שטיין. די גמרא זאגט אויף דם פסוק (ויאמר יי אל השטן) ר' יהושע בן לוי זאגט דער מלאך המות האט מיר געזאגט דו זאלסט ניט שטיין פר דיא ווייבר ווען זיי קערען זיך אום פון אמת דען איך טאנץ אונ שפרינג פר די ווייבר אונ האב רשות מזיק צו זיין וועמען איך באגעגען אונ ווען איינר באגעגנט יוא די ווייבר זאל ער זאגען דם פסוק (ויאמר יי אל השטן יגער יי בך השטן) דרום טאנצט דער מלאך המות פר דיא ווייבר ווען חוה זאל ניט געווען דיא עבירה טאן מיט דם עץ הדעת וואלטען מענשן אייביג געלעבט וואלט דער מלאך המות ניט געהאט קיינם צו טייטן וואלט זיין מלאכה גאר ניט אן געגאנגען דרום פרייט ער זיך היינט ווען ער זעהט ווייבר ביי אמת. דער פרדס רמונים שרייבט דרום זאל מען ניט גיין פר די ווייבר ביי אמת דען די ווייבר ווייגען באלד ווערט זיי דם פנים רוט אונ ווען אמאן וועט אויף זיי קוקן וועט דער יצר הרע זיך אן רייצען אין אים צו האבן בייזע מחשבות דען דער מלאך המות איז דער יצר הרע, אָבער אז משיח וועט קומען וועט גאט מאכען פר לירען דם מלאך המות אזו וויא אין פסוק שטייט (בלע המות לנצח) דער מלאך המות וועט ווערען פאר דארבען ביז אייביג.

(שלח לך) שלמה המלך זאגט אין משלי (סוס מוכן ליום מלחמה וגו') אפערד דארף זיין אן געגרייט צו דער מלחמה אונ דיא הילף איז צו גאט דער פסוק לערינט אונז דם איין מענש זאל ארבעטן ווי ווייט מעגליך איז אונ זאל זיך פר לאזן אויף גאט דם ער וועט אים העלפן אזו ווי איינער וואס גייט אין דער מלחמה מוז זיך אן ברייטען אפערד אבער ער זאל גאר ניט טאן נאר ער זאל זיך פר לאזן אויף גאט אזו וועט ער די מלחמה פאר ליהען אונ דרום שטייט אין דער סדרה (שלח לך אנשים ויתורו) גאט זאגט שיק דיר מענשן זיי זאלען אום זעהן דאס לאנד כנען וויא אזו מען קען עס איין נעמן דם ווייזט דיא תורה דער מענש זאל טאן וואס צו אים גיהער אונ אין הארצן זאל ער זיך פר לאזן אויף גאט דר אבן שואב שרייבט דיא עבירה פון ישראל איז געוועזן ווייל זייא האבן געשיקט מרגלים דען זייא וואלטן געדארפט נאך גיין נאך דעם וואלקען ווייל זיי האבן געזעהן די ניסים ונפלאות וואס גאט טוט מיט זייא אונ משה האט מקבל געוועזן זייערע רייד דען ער הט מורא געהאט אקעגין זיי צו ריידן אונ ער האט גיפרעגט גאט הט ער צו אים געזאגט (שלח לך) שיק נאך דיין דעה נאך איך שאף דיר ניט צו שיקן נאר אוב דו ווילסט שיק. רש"י שרייבט דרום איז די פרשה פון מרגלים נאהונט אן געשריבן ביי דר פרשה פון מרים צו ווייזן חאטשע מרים איז מצורע געווארן ווייל זי האט גירעט לשון הרע אויף משה אונ דיא מרגלים האבן דאס געזעהן אונ האבן דאך זיך דר פון קיין מוסר ניט ארוס גענומן אונ האבן גירעט לשון הרע אויף ארץ ישראל דער בחיי שרייבט שלח לך שיק פון דיין טובה וועגין דען ווען דיא ישראל וואלטען באלד געקומן קיין ארץ ישראל אזו וואלט משה באלד געמוזט שטארבן דען ער הט ניט געטארט קומן קיין ארץ ישראל אבער היינט אז די מרגלים האבן געמאכט זינדיגן דיא ישראל אונ זייא זענין דורך דעם נאך פערציג יאר געבליבן אין דער מדבר אזו האט משה געלעבט נאך פערציג יאר אונ

משה האט געשיקט צוועלף מרגלים איין מענש פון איטליכן שבט כדי ווען זיי וועלין פרום זיין וועלין כל ישראל איין זכות האבן דורך דם שליחות אונ ווען זיי וועלין שלעכט זיין וועט גאט אלע מיט אנאנדר שטראפן דער מדרש זאגט עס שטייט בייא יהושע (וישלח יהושע שנים אנשים מרגלים חרש) דם איז טייטש יהושע האט געשיקט צוויי מרגלים ניט אזו וויא משה האט געשיקט צוועלף מרגלים אונ די מרגלים האבן זיך געמאכט טויב אונ שטום כדי אז מען וועט זיי עפים וועלין פרעגין זאלין זייא ניט קענין ענפערין אונ חרש איז אויך טייטש טעפר דען זיי האבן געבראכט טעפ צו פר קופן כדי מען זאל ניט געוואר ווערין דם זיי זענין מרגלים אונ דרום האבן זיי פר קופט טעפ ווייל דם איז א סחורה וואס ווייבר קופן אונ קיין מאנען קומן ניט דר צו אזו וועט מען ניט געוואר ווערין דם זיי זענין מרגלים דען דיא מאנען וואלטן זיך געשטוסן אין זייער לשון אדר אין זייער פנים אבר די ווייבר טראכטן ניט ווייט אויך ווייל די ווייבר ריידן פיל קאן מען ביי זייא אלע סודות געוואר ווערין אונ דיא מרגלים האבן זייא אליין גיפרעגט אוב זייא האבן מורא פר ישראל אונ זיי האבן אלץ געזאגט דרום זאגט דער מדרש דיא מרגלים פון משה זענין געוועזן רשעים אונ נארן אונ די מרגלים פון יהושע זענין גיוועזן חכמים אונ צדיקים פנחס אונ כלב (כולם אנשים) משה הט אום געקליבן צדיקים פאר מרגלים נאר אויף דעם וועג זענין זייא געווארן רשעים (כלב בן יפונה) דרום האט מען אים גערופן בן יפונה דאס איז טייטש קערין ווייל ער האט זיך אוועק גיקערט פון דר עצה פון די מרגלים (למטה יוסף למטה מנשה) דער בחיי אונ דער תולדות יצחק אונ דר חזקוני פרעגין וואָרום הט די תורה דא גישטעלט יוסף ביי מנשה אונ ערגיץ אנדערש שטייט יוסף ביי אפרים דער תירוץ איז דער נשיא פון מנשה האט גירעט בייז אויף ארץ ישראל אונ יוסף הט אויך גירעט בייז אויף דיא ברודר דרום שטעלט ער יוסף ביי מנשה אונ ניט בייא

אפרים ווייל זיין נשיא איז געווען יהושע און ער האט ניט גירעט קיין בייז אויף ארץ ישראל און דרום האט די תורה ניט גישטעלט מנשה און אפרים ביי אנאנדר ווייל דר נשיא פון אפרים איז פרום געווען און דער נשיא פון מנשה איז שלעכט געווען און פון שבט לוי איז קיין נשיא ניט געגאנגן ווייל זייא האבן קיין חלק מיט געהאט אין ארץ ישראל נאר מען פלעגט זיי געבן תרומות און מעשרות און צו די כהנים האט מען געגעבן דם פלייש פון קרבנות (ויקרא משה וגו') משה האט גערופן צו הושע בן נון יהושע כלומר ער האט אים גיבענשט גאט זאל דיר העלפן דו זאלסט ניט זיין אין דר עצה פון די מרגלים משה האט געזעהן בנבואה דאס די מרגלים וועלין בייז ריידן אויף ארץ ישראל און דר בחיי שרייבט דרום האט ער אים מוסיף געווען איין יו"ד אויף זיין נאמן צו ווייזן דאס ער וועט נעמן דם שכר פון די צעהן מרגלים וואס האבן לשון הרע געזאגט אויך פרעגט דר בחיי ווארום שטייט דא דם משה האט אים אנאמן געגעבן יהושע אמער מיר געפינן אין דר גאנצר תורה רופט אים דר פסוק יהושע דר תירוץ איז זיין רעכטר נאמן איז געווען הושע נאר די תורה האט געוואוסט דם משה וועט אים איין נאמן געבן יהושע דרום האט אים דיא תורה אויך גערופן יהושע און משה האט זיין שטעקין געגעבן צו די מרגלים כדי זייא זאלין ניצול ווערין דורך אים פון בייזען און זאלין גיין בשלום און האט זייא געזאגט (עלו זה בנגב) גייט אויף אין דרום נייט דען דארטן איז דם ערגסטע לאנד פון ארץ ישראל אזו ווי אקרעמר ווען מען קומט צו אים סחורה קופען ווייזט ער פריר די ערגסטע סחורה און דר נאך ווייזט ער די בעסרע אזו האט משה אויך געהייסן זעהן פריר דם ערגסטע לאנד און דער נאך דם בעסטע (החזק הוא הרפה) משה האט געזאגט צו די מרגלים איר זאלט זעהן אוב זיי זענין אשטארק פאלק אדר ניט דען ער האט זיי דעם סימן מוסר געווען וויזן זיי אין שטארקי שטעט איז עס איין סימן דם זיי זענין שלאפע לייט און דרום מאכן זייא זיך שטארקע

פעסטונג ווייל זיי האבן מורא פר מלחמה און ווען זיי זיצן אין אפענע שטעט מוזן זיי זיין שטארק דען זייא זענין זיך סומך אויף זייער גבורה און האבן קיין מורא ניט פר אמלחמה אויך זאלט איר זעהן אוב עס איז דרינן דא גוטע קוואלן מיט וואסר און אוב די לייט זענין דארט געזונד (היש בה עץ) איר זאלט זעהן אוב עס איז דא איין צדיק צווישן זיי ווס ער קאן מציל זיין גאר דאס פאלק מיט זיין זכות און איר זאלט געמן פון די פירות פון דעם לאנד (ויבא עד חברון) ער איז געקומן ביז חברון פרעגט רש"י זיי זענין דאך געווען צוועלף מרגלים וואלט געדארפט שטיין (ויבאו) זייא זענין געקומן דר תירוץ איז כלב אליין איז געקומן קיין חברון און האט זיך פר שפרייט אויף דיא קברים פון די אבות און האט תפלה גיטאן ער זאל ניט איבר גירעט ווערין אין די עצה פון די מרגלים אבר יהושע האט ניט גידארפט דרויף תפלה טאן דען משה האט אים מוסיף געווען איין יו"ד אויף זיין נאמן און האט אים גיבענשט גאט זאל דיר העלפן פון דר עצה פון די מרגלים, און דער מדרש זאגט גאט איז געקומן קיין חברון צו לאזען ווייסן דיא אבות דאס ער וועט געבן דאס לאנד ארץ ישראל צו זייערע קינדער (וישאוהו במוט בשנים) דיא מרגלים האבען אפ געשניטן אהענגיל וויין טרובן און ער איז אזו גרוס געווען דם מען האט אים געמוזט טראגן אויף צוויי שטאנגן מיט אכט מענשן און צוויי פון די מרגלים האט איינר גענומן אפייג און דר אנדערר אמיל גראם און יהושע וכלב האבן גאר ניט גענומן ווייל דיא מרגלים האבן געוואלט לשון הרע ריידן דורך די פירות צו זאגן אזו ווי דיא פירות זענין משונה פון אנדערי לענדר אזו זענין די לייט פון ארץ ישראל משונה פון אנדרי לייט און יהושע וכלב האבן ניט געוואלט ריידן דרום האבן זיי דיא פירות ניט גענומן און דיא מרגלים זענין אום געגאנגן גאנץ ארץ ישראל אין דר לענג און אין דער ברייט אין פערציג טאג חאטשי מען דארף דם גיין אין אכציג טאג נאר גאט האט זיי דעם וועג קורצר געמאכט

ווייל

ווייל ער הט געוואוסט דיא מרגלים וועלין מאכן זינדיגן ישראל אונ דורך דעם וועלין זיי מוזען בלייבן אין דר מדבר אזאר אקעגין איטליכן טאג דרום ווען זייא זאלען געוועזן לענגר גיין וואלטן זייא לענגר געבליבן אין דר מדבר אונ דר בחיי שרייבט דס יהושע וכלב האבן געטראגן דעם הענגיל ווין טרובן אונ צעהן מרגלים האבען אים ניט גיקענט טראגן אונ דס הט זיי גאט געוויזען דס זיי וועלין ניט ארבן ארץ ישראל נאר יהושע וכלב וועלין דס ארבען אונ וועלין עסין די פירות פון דעם לאנד (וישובו אותם דבר) אז דיא מרגלים זענין געקומן זענין זייא ניט געגאנגען פריר אין זייער גיצעלט נאר זייא זענין תיכף געגאנגען צו משה אונ צו כל ישראל אונ האבן זיי געוויזען די פירות פון דעם לאנד אונ האבן געזאגט דס לאנד איז פול האניג אונ מילעך דען ווען איינר וויל איין ליגן זאגען מוז ער פריר עפיס איין אמת זאגען כדי יענער זאל אים דער נאך גלייבן אוף דר ליגן דרום האבן זיי פריר געזאגט עס איז אפעט לאנד נאר דאס פאלק איז זייער שטארק אונ די שטעט זענין אויך זייער פעסטע אונ מיר האבן דארטן געזעהן דיא ריזען אונ זיי האבן געמאכט אמורא צו די ישראל אונ זאגען עמלק זיצט אין דרום זייט אונ איר ווייסט דאך וואס פר איין בייז עמלק הט אייך גיטאן אונ דר חתי אונ דר אמורי זיצן אוף דעם בארג אונ דער כנעני זיצט ביי דעם ים דרום איז שווער איין צו נעמן דס לאנד (ויהס כלב) הט כלב געשטילט דס פאלק אונ האט געזאגט צו זיי נאר דס

אליין הט אונז דר זון פון עמרם גיטאן אזו האבן די ישראל געמיינט דס ער וועט עפיס ריידן בייז אוף משה אונ ווייל זיי זענין געוועזן אין כעס אוף משה דרום זענין זייא שטיל געבליבן צו הערין דאס בייז אזו האט כלב געזאגט ער הט אונז פול גוטס גיטאן ער הט אונז געשפאלטן דעם ים אונ הט אונז געגעבן דעם מן אונ דיא וואכטלען (עלה נעלה) ווען ארץ ישראל זאל זיין אוף דעם הימל אונ משה זאל אונז הייסן מאכן לייטר צו ארויף גיין וואלטן מיר בגליקט אין זיינע רייד אונ מכל שכן דס ארץ ישראל איז אוף דר ערד אונ גאט הט אונז צו געזאגט צו געבן דאס לאנד אזו וועלין מיר געווים אהין קומן אונ דיא מרגלים האבן געזאגט מיר וועלין ניט קענין אוף גיין קיין ארץ ישראל דען ווען אפילו דס פאלק זאל ניט זיין אין די שטעט זיי זאלען נאר זיין אוף דעם פעלד וואלטן מיר זיי אויך ניט גיקענט איין נעמן דען זיי זענין זייער שטארק אונ מכל שכן זיי זיצן אין שטארקי שטעט וועלין מיר זיי בוודאי ניט קאנען איין נעמן אויך האבן זיי געזאגט דארטן שטארבט מען זייער אונ דס האט גאט גיטאן פון זייער טובה וועגין אונ האט אין דר צייט אוף זיי געשיקט אמארד כדי זיי זאלען האבן צו טון מיט זייערע פגרים אונ זאלען פאר זעהן דיא מרגלים אונ דיא מרגלים האבן דורך דעם גם בייז גירעדט אוף ארץ ישראל אונ דורך דעם זענין זיי ווארען געחאפט אין זייערע רייד דען זייא האבן פריר געזאגט עס איז איין שטארק פאלק אונ אצונד האבן זיי געזאגט דס לאנד

פר

אוהל יעקב

(ויספרו לו) די מרגלים וואס די יודן האבין זיי געשיקט אום זעהן דס לאנד ארץ ישראל האבין זיי דר ציילט צו משה (ויאמרו) אונ זיי האבין אזו געזאגט (באנו אל הארץ אשר שלחתנו) מיר זענין געקומן צו דם לאנד וואס דו האסט אונז געשיקט (וגם זבת חלב ודבש היא) אונ עס איז אלאנד וואס עס רינט פון די בהמות מילך אונ פון די פירות פון די ביימר רינט האניג (אפס כי עז העם היושב בארץ) נאר עס איז אשטארק פאלק וואס זיצט אין לאנד (ויהס כלב את העם אל משה) אונ כלב איינר פון די מרגלים הט געמאכט שטילן דס פאלק צו משה ער הט זיי געהייסן שווייגן (ויאמר עלה נעלה) מיר וועלין

אוף גיין צו דם לאנד ירשינען (ויוציאו דבת הארץ) אונ די איבריגע מרגלים האבין גערייד רכילות אוף דם לאנד (לאמר) אזו צו זאגין (ארץ) עס איז אלאנד (אוכלת יושביה) וואס עס פר דארבט אירע זיצר ווארום אז די מרגלים זענין געקומן אין דם לאנד אריין הט גאט מיט פלייס געטאן אז מענשין זאלין שטארבין וועט מען זיך פר נעמין מיט זייער קבורה אונ מען וועט קיין צייט האבין צו אום קוקן זיך אוף די פרעמדע מענשין וועלין די יודן דר ווייל קענין אום זעהן דם לאנד אונ די מרגלים האבין פר קערט געזאגט אונ האבין גערייד רכילות אז עס איז אזו אלאנד וואס עס שטארבין דארט פיל מענשין אצונד וועלין מיר פר שטיין

דם

פר דארבט דיא וואס וואגען דרינן (וילידי הענק) מיר האבן דארטן גיזעהן די קינדר פון די ריזען אונ דר נאך פר כל ישראל האבן זיי געזאגט מיר האבן דארטן גיזעהן (הנפילים בני ענק) די פאלינדיגע ריזען וואס זענין פון דם הימל אראפ געפאלען פון ששת ימי בראשית אונ דרום הייסען זייא נפילים ווייל ווער עס זעהט זיי פאלט אים איין דם הארץ פון וועגין מורא אונ מיר זענין געוועזן אין זייערע אויגען וויא הישעריקן דען זייא האבן געזאגט הישעריקן גייאן אין אונזערע וויין גערטנר אין דעם געשטאלט פון מענשן אויך האבן זייא געזאגט (כי חזק הוא ממנו) די לייט זענין שטארקר פון גאט אזו האבן דיא ישראל אן געהובן צו וויינען אונ האבן געזאגט (לו מתנו) הלואי וואלטען מיר געשטארבן אין מצרים אדר אין דר מדבר אזו וואלטן אונזערע קינדער ניט געפאלען דורך דר שווערד פון דעם פיינד אונ ווארום האסטו משה אונז אויף געבראכט פון מצרים צו מאכן אונז פאלן דורך דר שווערד דרום לאמיר זיך מאכן איין עלצטן איבר זיך אונ לאמיר זיך אום קערין קיין מצרים אונ ווי באלד משה אונ אהרן האבן דס דר הערט זענין זיי געפאלען אויף זייער פנים אונ יהושע אונ כלב האבן צו ריסן זייערע קליידר פר צער אונ האבן געזאגט דס לאנד איז זייער גוט הלואי וואלט גאר גאט אונז געוואלט אהין ברענגן גאר אין גאט זאלט איר ניט ווידר שפעניגן אונ די ישראל האבן געוויינט אין דר דאזיגר נאכט האט גאט געזאגט איר וויינט היינט אום זוסט דרום וועל איך אייך מאכן איין געוויין אויף תמיד אין דר דאזיגר נאכט דם איר וועט וויינען ווייל דאס בית המקדש וועט אין דער דאזיגר נאכט חרוב ווערין אונ דם איז געוועזן אים תשעה באב אונ יהושע וכלב זאגען צו ישראל (כי לחמנו הם) מיר וועלין די אומות גרינג איין נעמן גלייך ווי עס איז גרינג אשטיקל ברוט אויף צו עסין, זייא האבן געהאט איין צדיק איוב וואס האט אויף זיי מגין געוועזן ווי איין שאטען איז מגין אויף מענשן פר דר זון דר איז אויך שון געשטארבן אונ דר בחיי שרייבט סר צלם מיינט מען דיא מלאכים פון דיא זיבן אומות וואס זענין אין הימעל האבן זיך אפ גיטאן פון זיי אונ זענין מיט אונז דרום האבן זיי געזאגט (וה' אתנו אל תיראום) כלומר גאט מיט זיין בית דין דם זענין די מלאכים פון דיא זיבן אומות זענין מיט אונז דרום זאלט איר פר זיי קיין מורא ניט האבן אונ דר בחיי שרייבט פון דעם רמב"ן וועגין סר צלם מיינט מען דם ווען איין מענש זעהט די נאכט פון הושענא רבא דם ער האט קיין שאטן ניט וועט ער געווים אין דעם יאר שטארבן דם האט יהושע וכלב געזאגט זיי האבן קיין שאטען ניט זייא זענין ווארען אן געחתמית צו שטארבן אין דעם יאר אונ נאך איין פשט איז (כי לחמנו הם סר צלם מעליהם) מיר האבן צוויי מצות איינם וואס מיר עסין מצות אים פסח דורך דעם זכות וועלין מיר די אומות אויף עסין אזו ווי ברוט אונ דם אנדערי איז וואס מיר זיצן אים סכות אין דעם שאטען פון א סוכה אונ פון דעם זכות וועגין וועט ווערין אפ גיטאן דר שאטן פון די אומות. אונ גאט האט געזאגט צו משה ווי לאנג נאך וועלין מיך דיא ישראל דער צערנין אונ וועלין ניט גלייבן (בכל האותות אשר עשיתי בקרבו) דיא אלע צייכען וואס איך האב גיטאן צווישן אים דר בחיי פרעגט ווארום שטייט בקרבו צווישן אים גלייך ווי מען רעדט צו איין מענשן עס וואלט געדארפט שטיין בקרבם צווישן זיי ווייל ער האט גירעט אויף כל ישראל דער תירוץ איז גאט האט געזאגט איך האב גיטאן צייכן צו כל ישראל

אזו

### אוהל יעקב

דם וויכוח וואס כלב האט געהאט מיט די אנדערי מרגלים עס איז אמשל איינר האט אשידוך געטאן מיט זיין זון פון איין אנדערי שטאט אונ איז געפארין אן קוקן די כלה אונ האט געשיקט פריער אשליח ער זאל דארט זאגין אין וועלכין טאג ער וועט קומן האט מען דם שליח גיענטפערט אז ער זאל קומן אין דם טאג ווי דר איז געקומן צו דם מחותן האט ער געזעהן אז דר מחותן איז ארים אונ דם ווייב מיט די קינדר זענין נאקיט אונ בארוויס טראכט ער זיך ער איז בוודאי איין ארים מאן ווארום ער האט זיך געוואוסט אז דר מחותן קומט וואלט ער זיך געדארפט אן טאן שיינע קליידר אונ איך קען ניט זאגין עס האט זיך געמאכט אז גראד דעמולט האט ער ניט געהאט קיין קליידר אונ שפעטר

וועט

אזו האבן זיי געהאט איין הארץ צו דינן מיך אונ זענין געוועזן אלע גלייך וויא איין מענש דר מדרש זאגט בקרבו ווייזט דם גאט הט געזאגט איך האב זיי געגעבן דעם מן וואס זיי האבען קיין אום גאנג פון אים ניט געהאט גאר ער איז געבליבען אין זייער בויך דען בקרבו איז טייטש אין זיין בויך (אבנו בדבר) גאט זאגט איך וועל דיא ישראל דר שלאגן מיט אמארד דם זיי זאלען ניט פאלען אין די הענד פון די פיינד כדי די פיינד זאלען ניט זאגען גאט הט קיין כח ניט געהאט צו ברענגען זייא קיין ארץ ישראל אזו וועט עם זיין איין חילול השם אונ גאט זאגט צו משה וועט דו וועסט פרעגין וויען איך וועל טייטן ישראל ווי וועט מקוים ווערין דיא שבועה וואס איך האב געשווארן צו אברהם יצחק יעקב צו געבן דם לאנד צו זייערע קינדר זאג איך דיר איך וועל דיך מאכען צו איין גרום פאלק וואס דו ביסט פון זייערע קינדר אונ דיינע קינדר וועלין ירשנין ארץ ישראל הט משה גיענפערט וויען דיא מצרים וועלין דם הערין אונ זיי ווייסן דם דו האסט אויף געבראכט מיט גרוסע ווינדר די ישראל פון מצרים אונ היינט וויען דו וועסט זיי טייטן אין דר מדבר וועלין זיי ניט זאגען די ישראל האבען געזינדיגט נאר זיי וועלין זאגען גאט האט קיין כח ניט צו ברענגען זיי קיין ארץ ישראל דרום הט ער זיי געטייט אין דער מדבר (יי ארך אפים) גאט וואס דו דער לענגערסט דיין צארען אונ שטראפסט ניט באלד, רש"י שרייבט אז משה איז געקומען אויף דעם הימל הט ער געזעהן דם גאט הט געשריבן (יי ארך אפים) הט משה גיפרעגט גאט דם איז צו צדיקים הט גאט גיענפערט

צו רשעים דר לענגר איך אויך מיין צארען האט משה געזאגט לאזען דיא רשעים פר לוירען ווערין פון וועגין זייערע עבירות הט גאט צו אים געזאגט עס וועט זיין אצייט וואס דו וועסט דר צו דארפן אונ אז די ישראל האבן געזינדיגט מיט דם עגל אונ מיט דיא מרגלים האט משה תפלה גיטאן אונ האט געזאגט (יי ארך אפים) האט גאט צו אים געזאגט דו האסט אליין געזאגט מען זאל נאר צו צדיקים דר לענגערין דעם צארען האט משה גיענפערט רבון העולמים דו האסט דאך געזאגט דם דו דר לענגערסט דיין צארן צו רשעים אויך (ונקה לא ינקה) גאט לאזט ליידיג דיא וואס טואן יא תשובה אונ לאזט ניט ליידיג די וואס טואן קיין תשובה ניט אונ משה הט גיבעטן פר גיב דיא זינד פון דעם פאלק אזו ווי די האסט פר געבין דיא זינד וויען דו האסט זיי אוס געצויגן פון מצרים אונ ביז אהער הט גאט געזאגט איך האב זיי פר געבין אזו ווי דו האסט בגערט אבר דם שווער איך אזו ווי איך לעב אייביג אונ מיין כבוד איז פול די גאנצע וועלט דם זיי מוזען אלע שטארבן אין דר מדבר ווייל זייא האבן געזעהן מיינע גרוסע ניסים וואס איך האב זיי גיטאן אונ זיי האבן ניט געגלויבט אין מיר אונ האבן מיך צעהן מאל געפריבט דרום וועלין זיי ניט זעהן דם לאנד נייערט זיי אלע וועלין שטארבן אין דר מדבר אונ זייערע ווייבר אונ קינדר וועלין קומען קיין ארץ ישראל אבר גאט הט די עבירה ניט גאנץ מוחל געוועזן נייערט די ישראל מוזען אלע יאר וויינען אים תשעה באב פון דער עבירה וועגין דען דאס בית המקדש איז דורך דעם חרוב געווארן דר בחיי אונ דר

חזקוני

### אוהל יעקב

וועט ער האבין וואָרום וויען עס איז אזו וואלט ער דם שליח געדארפט ענפערין אז אצונד קען ער דם שידוך ניט גומר זיין אונ ער זאל קומן שפעטר אלא אז ער הט גיענפערט אז ער מעג קומן מן הסתם איז ער איין ארים מאן אונ הט ניט אצונד אונ שפעטר אויך ניט אזו אויך אז גאט הט געזאגט צו משה מענגסט שיקן מענשין צו אום זעהן דם לאנד איז זיך גיוועזן דם שיקן מיט נאמס ידיעה האבין די מרגלים נאך דם געזאגט אז דם איז אלאנד וואס פר דארבט איערע זיצר וואָרום מיר האבין געזעהן פיל מענשין שטארבן

אונ עס קען ניט זיין עס הט זיך אזו געמאכט אז גראד דעמילט זענין מענשין געשטארבן הט געזאלט גאט מאכין אז דעמילט זאל מען ניט שטארבן וואָרום ער הט זיך געהייסין גיין דרום קענין מיר ניט זאגין אז עס איז גיוועזן נאר אמקרה אונ יהושע אונ כלב האבין געזאגט דם לאנד וואס מיר האבין אום געזעהן הט גאט מיט פלייס געטאן מען זאל דעמילט שטארבין כדי זיי זאלין קיין צייט האבין אויף אונז זיך אום צו קוקן אבר דאס לאנד איז אגוט לאנד:

חזקוני שרייבן (סלחתי כדברך) איז טייטש גאט האט געזאגט צו משה דיא עבירה פון דעם עגל האב איך מוחל געוועזן אזו ווי דו האסט בגערט אבר די עבירה פון די מרגלים וועל איך ניט מוחל זיין נאר זיי וועלין אלע שטארבן אין דר מדבר נאר ביסלך ווייל ניט מיט אמאל כדי דיא אומות זאלען ניט זאגען גאט האט קיין כח ניט צו ברענגן זיי קיין ארץ ישראל דרום הט ער זיי געטייט אונ דרום הט גאט געבראכט זייערע קינדר קיין ארץ ישראל צו ווייזען דם ער הט יא כח איבר איין אונ דרייסיג מלכים אונ זייא וועלין אלע שטארבן ווער עס איז אלט פון צוואנציג יאר אונ ווייטר (ועבדי כלב עקב היתה רוח אחרת עמו) נאר מיין קנעכט כלב ווייל ער הט אין זיך צווייא דעות געהאט מיט זיין מול הט ער געזאגט צו די מרגלים ער וועט אויך בייז ריידן אונ זיין הארץ איז געוועזין צו גאט גוטס צו ריידן דרום וועט ער קומן קיין ארץ ישראל אונ זיינע קינדר וועלין ירשנין דאס לאנד דר חזקוני פרעגט ווארום זאגט ניט דר פסוק דם יהושע וועט קומן קיין ארץ ישראל אזו ווי ער זאגט בייא כלב דר תירוץ איז ער דארף ניט זאגן דם יהושע וועט קומן ווייל ער וועט פירען כל ישראל קיין ארץ ישראל מכל שכן דם ער וועט אליין קומען נאך איין תירוץ איז דרום זאגט ער ניט יהושע וועט קומען קיין ארץ ישראל ווייל יהושע הט קיין קינד ניט געהאט אזו האט דר פסוק ניט גיקענט זאגען דאס זיינע קינדר וועלין דאס לאנד ירשנין אונ דר תולדות יצחק ענפערט דרום האט דר פסוק ניט געבראכט איין שכר צו יהושע אזו ווי צו כלב ווייל משה הט אים גיבענשט ער זאל ניצול ווערין פון דר עצה פון דיא מרגלים אבר צו כלב הט קיינר ניט גיבענשט אונ ער האט זיך אליין אפ געהיט פון דיא מרגלים דרום הט גאט אים איין בעזונדר שכר געגעבן אונ נאך איין תירוץ איז ווייל כלב האט זיין האלץ געשטרעקט אונ האט געשריגן אקעגין די מרגלים מיר וועלין דם לאנד ירשנין אונ עס איז איין גוט לאנד דרום האט אים גאט איין בעזונדערן שכר געגעבן אונ אויב דו וועסט פרעגן ווארום הט יהושע קיין גוטס ניט גירעט אויף ארץ ישראל אזו וויא כלב האט גירעט גוטס אקעגין די מרגלים דער תירוץ איז יהושע איז אגרויסער חכם געוועזין ער האט זיך געטראכט ווען ער וועט אויך גוטס זאגען וועלין דיא מרגלים זאגען איר זאגט ליגענט אונ מיר זענין מער וויא איר דען איר זענט צווייא אונ מיר זענין צעהן דרום זענין מיר מער בעגלייבט ווי איר דרום האט יהושע געשוויגן אונ האט געלאזט כלב ריידן כדי דיא מרגלים זאלען מיינען ווען ער שווייגט מן הסתם איז ער מסכים צו זיי אזו וועלין זייא אים פרעגען ווער עס זאגט אמת אונ וועלין זיך אויף אים פר לאזען אזו וועט ער דם גאנצן אמת זאגען אונ וועט מקדש השם זיין אבר ווי ער הט געזעהן דם ער שווייגט אונ די מרגלים פרעגען אים ניט אזו האט ער פריר צו ריסן זיינע קליידר אויף דער בייזער זאך וואס דיא ישראל האבן גירעט (במדבר הזה יפלו פגריכם) אין דר מדבר וועלין פאלען אייערע גופים אבער אייערע נשמות וועלין קומען לעולם הבא רש"י שרייבט דיא ישראל זענין געוועזן פערציג יאר אין דר מדבר אקעגין די פערציג טעג ווס די מרגלים זענין געגאנגן אין ארץ ישראל אונ האבן בייז גירעט דרויף דרום האבן זיי געמוזט פערציג יאר אין דר מדבר בלייבן כדי די ווס זענין היינט אלט צוואנציג יאר זאלען לעבן נאך פערציג יאר דאס קיינר זאל ניט שטארבן פאר זעכציג יאר (אם אתם תבואו אל הארץ) אויב איר וועט קומן קיין ארץ ישראל דער בחיי שרייבט נאט הט געוויזען דם משה אונ אהרן וועלין ניט קומן קיין ארץ ישראל אונ וועלין שטארבן אין דער מדבר אונ דם איז לכבוד ישראל כדי אז משיח וועט קומען וועט משה אונ אהרן אויף שטיין אונ וועלין מיט זיך פירן דיא וואס זענין געשטארבן אין דער מדבר (במגפה) די מרגלים זענין געשטארבן אין איין מגפה (ויתאבלו העם מאד) די ישראל האבן חרטה געהאט אויף זייערע עבירות אונ האבן געזאגט מיר וועלין אויף גיין קיין

ארץ ישראל האט משה צו זיי געזאגט גייט ניט ווייל גאט איז ניט ביי אייך אזו וועט איר ניט בעגליקן אונ וועט ווערין געשלאגן פר אייערע פיינד דען עמלק זיצט פר אייך אויף דער גרעניץ אונ די ישראל האבן ניט געפאלגט אונ זענין אויף געגאנגן אויף דעם בארג צו גיין קיין ארץ ישראל אונ משה אונ דר ארון האבן זיך ניט גערירט פון דר מחנה אזו איז געקומן עמלק אונ דר כנעני וואס זיצען אויף דעם בארי אונ האבען דער שלאגען פיל פון ישראל. דער אבן שואב שרייבט די חכמים האבן געזאגט חאטשע מרים האט ניט קיין כוונה געהאט צו ריידן לשון הרע איז זי דאך מצורע געווארן מכל שכן ווען איינער רעט לשון הרע בכוונה וויא די מרגלים וועט ער בוודאי געשטראפט ווערין דרוף האט שלמה המלך געזאגט (מות וחיים ביד לשון) דער טוט אונ דם לעבן הענגט אין דר צונג דר מדרש זאגט איין מעשה איין זון פון איין מלך איז זייער קראנק געווען האבן דיא דאקטורים געזאגט ער קען אנדערש קיין רפואה ניט האבן נאר ווען ער וועט טרינקען מילך פון אלייב איז געקומן איינר צום מלך אונ זאגט איך וועל דיר ברענגען מילך פון אלייב האט דר מלך אים געזאגט אז דו וועסט ברענגען וועל איך דיך מאכען פר אגרויסען שר האט דר מענש זיך געהייסן געבן צעהן ציגען אונ איז געגאנגען צו איין לייבען גריב אין דעם ערשטן טאג גיט ער דיא לייבן אציג אויף צו עסין אונ אין דעם אנדערען טאג גיט ער ניי ווייטר אציג אויף צו עסין אונ ווייזט זיך פון ווייטן פר די לייבן ביז די לייבן זאלען זעהן ווער עס גיט זיי די ציגן צו עסין אונ אזו האט ער גיטאן דעם דריטן טאג אונ האט זיך אלע מאל נעהנטער גישטעלט פר דיא לייבען ביז ער איז מיט זיי געוואנט געווארן אונ האט זיך מיט דיא לייבן אנגעהויבען צו שפילען ביז אין דעם צעהנטן טאג האט ער די לייבען אום געמאלקן אונ האט גענומן די מילך אונ איז געגאנגן זיין וועג אונ ביי נאכט איז ער געקומן אין איין הארבעריג אונ האט זיך געלייגט שלאפן האט זיך אים געחלומת דס דר מלך האט אים גרוס כבוד אן גיטאן האבן די פיס געזאגט מיר האבן דאס גורם געווען ווייל מיר זענין געגאנגען צו דם לייבן גריב אונ די הענד האבן געזאגט מיר האבן דאס גורם געווען ווייל מיר האבן די לייבן געמאלקן אונ די אויגן זאגען מיר האבן דם גורם געווען וואס מיר האבן געזעהן אלייבען גריב אונ די אויערין זאגען מיר זאלען ניט געווען הערין פון דיא דאקטורים דאס מען דארף לייבן מילעך האבען וואלט איר ניט געבראכט אונ דם הארץ זאגט איך זאל ניט געווען די עצה געבן מיט די ציגן וואלט איר ניט גיקענט קיין מילך ברענגען זאגט די צונג איך האב דאס גורם געווען דאס איך האב געזאגט דעם מלך ער זאל געבען ציגען אזו האבן אלע אברים אן געשריגן אין דר צונג אונ זאגען דו ביסט דם נידריגסטע אבר אין דעם מענשן ווייל דו ליגסט תמיד אין נאסן אונ ווילסט דיך אזו חשוב האלטן האט דיא צונג גיענפערט איר וועט זעהן דאס אלץ הענגט אן אין מיר האט זיך דער מענש אויף

געהאפט

## ליקוטי יקרים

(וידבר משה את הדברים האלה) האט משה גערייד דיא דאזיגע רייד פון גאט צו אלע יודען האבן זיי זייער געטרויערט אונ זענן אויף געשטאנגן גאנץ פריא אונ זענען ארוף געגאנגן אויף דם שפיץ בארג אונ האבן געזאגט מיר זענען אן געברייט אונ מיר וועלען ארוף גיין אויף דם בארג וואס גאט האט געזאגט וואהרען מיר האבן געזינדיגט האט משה צו זיי געזאגט איר זאלט ניט ארוף גיין וואהרען גאט איז ניט צווישען אייך אונ איר זאלט ניט געמארדעט ווערען פר אייערע פיינד וואהרען דער עמלקי אונ דר כנעני איז דארט פר אייך וועלען זיי אייך אום הארגען מיט זייערע שווערדען ווייל איר האט אייך אוועק גיקערט פון גאט וועט גאט מיט אייך ניט זיין האבן זיי זיך אבער געשטארקט אונ האבן ניט געוואלט הערען דיא רייד פון משה אונ זענען יא ארוף געגאנגן אונ דר ארון אונ משה האבן ניט אפ געטאן פון דר מחנה (וירד העמלקי והכנעני) האט גענידערט דר עמלקי אונ דר כנעני וואס איז גיזעסן אויף דם בארג. דר באר מים חיים שרייבט דם איז אסימן פון נפילה חס ושלום

גֶעהַאפְּט אוּנ הָט זִיךְ דֶר שְׁרָאקְן פוּן דֶעם חָלוֹם אוּנ אִיז גֶעקוּמֶן מִיט דֶר לַייבְּן מִילֶךְ צוּם מֶלֶךְ אוּנ זָאגְט אִיךְ הָאבּ גֶעבְּרַאכְט מִילֶךְ פוּן אֵיין כַּלְבְּתָא אוּנ אֵיין כַּלְבְּתָא אִיז טַייטְשׁ אֵיין הִינְט אַזוֹ הָט דֶר מֶלֶךְ אוּנ דִי שָׂרִים אוֹיף אִים גֶעצֶערְינְט אוּנ זָאגְן עֶס אִיז דָא גֶענוּג הִינְט מִילֶךְ בַּיי אוּנְז אוּנ הָאבְּן אִים גֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה אִיז עֶר אַנְשְׁלָאפְן גֶעוָוארֶן הָט דִי צִינְג גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעזָאגְט דָם אִיךְ בִּין בֶּעסֶר פוּן אַלֶע אֵבָרִים דֶען מִיט מַיין רֵיידֶען וֶועט אִיר אַלֶע דֶער שְׁלָאגֶען וֶוערִין הָאבְּן אַלֶע אֵבָרִים צוּ אִים גֶעזָאגְט מִיר זֶענִין דִיר מוֹדֶה דָאס דוּ בִּיסְט דֶער בֶּעסְטֶער אוּנ מִיר וֶועלִין דִיךְ מַאכְן פַר אֵיין עֶלְצְטֶן נָאר זַיי אוּנְז מַצִיל פוּן דֶעם טוֹט אוּנ אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶן אִין דֶר פְּרִיה הָט דֶר מֶלֶךְ גֶעבָּאטֶן מֶען זָאל דֶעם מֶענְשֶׁן הֶענְגֶען אוּנ ווי מֶען הָאט אִים אַרוֹם גֶעפִירְט הֶענְגֶען הָאט דֶער מֶענְשׁ גִיבֶּעטֶן מֶען זָאל אִים אוּם הֶערִין וֶועט עֶר דֶעם זוּן פוּן דֶעם מֶלֶךְ מִיט דֶער מִילֶעךְ הֵיילֶען אַזוֹ הָאט מֶען אִים מִיט גְרוֹם שִׂמְחָה גֶעבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט דָם וָוס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ גֶעבְּרַאכְט מִילֶךְ פוּן אֵיין כַּלְבְּתָא דָם הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אֵיין לֵייבּ דֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל רוּפְט מֶען צוּ אֵיין לֵייבֶּען כַּלְבְּתָא אוּנ אִיךְ הָאבּ גִירֶעט מִיט דֶם לָשׁוֹן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַזוֹ הָט דֶר מֶלֶךְ גֶעפְּרוּבְט אוּנ הָט גֶעפִינֶן אַז דָם אִיז לַייבְּן מִילֶךְ אוּנ הָט דֶעם מֶענְשׁ גֶעמַאכְט פַר אַגְרוֹסֶען שְׂרָרָה דָם זָאגְט דֶר פָּסוּק (מָוֶת וְחַיִּים בְּיַד לָשׁוֹן) דֶר טוֹט אוּנ דָם לֶעבְּן הֶענְגְט אִין דֶער צִינְג. (כִּי תָבֹאוּ אֶל אֶרֶץ מוֹשְׁבוֹתֵיכֶם) אַז אִיר וֶועט קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דֶר רמב״ן אוּנ דֶר בְּחַיֵי אוּנ דֶר חִזְקוּנִי אוּנ דֶר אֶבֶן שׂוּאֵב שְׁרַייבֶּען דְרוּם אִיז דִיא פָּרָשָׁה פוּן קָרְבָּנוֹת וָוארֶען אָנְגֶעשְׁרִיבְּן בַּיי דֶר פָּרָשָׁה פוּן מְרַגְלִים צוּ

טְרֵייסְטֶן יִשְׂרָאֵל הָאטְשֶׁע זַיי הָאבֶּן גֶעזִינְדִיגְט מִיט דִי מְרַגְלִים וֶועט דָאךְ גָאט אָן נֶעמֶן דִי קָרְבָּנוֹת פוּן זַייעֶרֶע קִינְדֶער דֶר מִדְרָשׁ זָאגְט אַזוֹ וִויא אַפָּאטֶר טוּט פִינְף זַאכֶן צוּ זַיין זוּן דָם עֶרְשְׁטֶע עֶר אִיז אִים מַל, דָם אַנְדֶערֶע עֶר לֵייזְט אִים אוֹם פוּן דֶעם כֹּהֵן וֶוען עֶר אִיז אַבְּכוֹר, דָאס דְרִיטֶע עֶר לֶערִינְט מִיט אִים תּוֹרָה, דָאס פֶערְדִי עֶר לֶערִינְט אִים אַמְלָאכָה אָדֶר הַאנְדְלֶן, דָם פִיפְטֶע עֶר גִיט אִים אַוַוייבּ, אַזוֹ אוֹיךְ הָאט גָאט גִיטָאן צוּ יִשְׂרָאֵל עֶר הָט גֶעלָאזְט יְהוֹשֻׁעַ זָאל מַל זַיין דִיא יִשְׂרָאֵל אוּנ הָאט זַיי אוֹם גֶעלֵייזְט פוּן מִצְרַיִם אוּנ הָאט זַיי גֶעגֶעבְּן דִיא תּוֹרָה אוּנ הָאט זַיי גֶעגֶעבְּן מִצְוֹת וָואס אִיז בֶּעסֶר פוּן סְחוֹרָה אוּנ הָט זַיי גֶעבָּאטֶן צוּ נֶעמֶן אַוַוייבּ צוּ הָאבֶּן קִינְדֶער (הִכָּרֵת תִּכָּרֵת הַנֶּפֶשׁ הַהִיא עֲוֹנָהּ בָהּ) רש״י שְׁרַייבְּט דֶער מֶענְשׁ וָואס פַר שְׁטֶערְט דִי יִיד פוּן גָאט אוּנ אִיז חַיָיב כָּרֵת וֶוערִין זַיינֶע יָאהְרֶען פַר שְׁנִיטֶען וֶוען עֶר טוּט קַיין תְּשׁוּבָה נִיט אָבֶּר וֶוען עֶר טוּט תְּשׁוּבָה אִיז אִים גָאט מוֹחֵל זַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּנ דֶער רמב״ן שְׁרַייבְּט (עֲוֹנָה בָהּ) דֶער מֶענְשׁ וָוס אִיז חַיָיב כָּרֵת אִיז דִי עֲבֵירָה בַּיי זַיין נְשָׁמָה אוֹיף אַייבִּיג דָאס עֶר מוּז אֵייבִּיג גֵיהִנָם לַיידֶען דְרִיבֶּער (וַיִּהְיוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר) דִיא יִשְׂרָאֵל זֶענִין גֶעוֶועזֶן אִין דֶער מִדְבָּר אוּנ הָאבֶּן גֶעפִינֶן אַמֶענְשׁ הָט גֶעקְלִיבֶּן הָאלְץ אִים שַׁבָּת רש״י שְׁרַייבְּט דֶער פָּסוּק לֶערִינְט אוּנְז דָאס דִיא יִשְׂרָאֵל זֶענִין זַייעֶר שְׁלֶעכְט גֶעוֶועזֶן אִין דֶער מִדְבָּר אוּנ הָאבֶּען נָאר אֵיין שַׁבָּת רֶעכְט גֶעהַאלְטֶען אוּנ דֶעם אַנְדֶערֶן שַׁבָּת הָט דֶר מְקוֹשֵׁשׁ מְחַלֵל שַׁבָּת גֶעוֶועזֶן אוּנ הָאט גֶעקְלִיבֶּן הָאלְץ אִים שַׁבָּת, אוּנ דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דְרוּם שְׁרַייבְּט דִיא תּוֹרָה אִין דֶר מִדְבָּר צוּ וַוייזֶען הָאטְשֶׁע דִי יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען פִיל נִיסִים גֶעזֶעהֶן אִין דֶער מִדְבָּר הָאבֶּן זַיי דָם הָאלְץ פַר גִישְׁט גֶעהַאלְטֶן

און

ליקוטי יקרים

וְשָׁלוֹם וָוארוּם אַז דִיא יִשְׂרָאֵל זֶענֶען זוֹכֶה פַאלְט אַשְׁרֶעק אוּנ אַצִיטֶערְנִישׁ אוֹיף דִיא שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל פוּן גָאט אוּנ זַיי פָארְכְטֶען זִיךְ צוּ נִידֶערִין צוּ דִי יִשְׂרָאֵל נַייעֶרְט זַיי וַוארְטֶן דִיא יִשְׂרָאֵל זָאלֶען צוּ זַיי קוּמֶען אוּנ דָם אִיז שׁוֹן זַייעֶר מַפָּלָה אַזוֹ וִויא מִיר גֶעפִינֶען בַּיי יוֹנָתָן וָוס עֶר הָט גֶעזָאגְט צוּ זַיין יוּנְג וָוס הָט אִים גֶעטְרָאגֶן זַיינֶע כֵּלִים דֶם סִימָן וֶועלֶען מִיר הָאבְּן אַז זַיי וֶועלֶען צוּ אוּנְז זָאגֶען וַוארְטְם בִּיז מִיר וֶועלֶען צוּ אַייךְ קוּמֶען וֶועלֶען מִיר שְׁטֵיין אוֹיף אוּנְזֶר אָרְט וֶועלֶען זַיי אָבֶּר צוּ אוּנְז

זאגען

אונ האבען מחלל שבת געווען. נאך אפשט איז די תורה לערינט אונז דאס די ישראל זענין שלעכט געווען אין דער מדבר דרום הט גאט אוף זיי געבאטן זיי זאלן שטארבן אין דער מדבר פון וועגין די עבירה פון די מרגלים אונ אצונד האבען זייא נאך איין עבירה גיטאן אונ האבן מחלל שבת געווען דען איין עבירה שלעפט די אנדערע עבירה אונ די ישראל האבן אים געפינגן ווי ער הט געקליבען האלץ אונ זייא האבען אים איין התראה גיטאן ער זאל ניט קלויבען ווארום מען וועט אים טייטן אונ ער הט דאס ניט גיהערט האבן זיי אים געבראכט צו משה הט משה אים איין גיזעצט אין דער תפיסה ביז ער וועט פרעגין מיט וואס פר איין מיתה מען זאל אים טייטען אונ דרום האט משה גיפרעגט גאט ווייל ביי שבת שטייט חילול אונ ביא ע"א שטייט אוך חילול האט ער געמיינט אזו וויא ביי ע"א שטייט מען זאל אים אפ האקען דעם קאפ מיט איין שווערד אזו אוך ווען מען איז מחלל שבת זאל מען אים אוך אפ האקען דעם קאפ מיט איין שווערד דרום הט ער גיפרעגט גאט וואס פר אמיתה מען זאל אים אן טון דר חזקוני פרעגט מען הט דאך געדארפט דעם מענשן וואס האט איין עבירה גיטאן איין התראה טאן מיט וואס פאר אמיתה מען וועט אים טייטן אונ ביי דעם מקושש האט מען ניט געוואוסט מיט וואס פר אמיתה מען וועט אים טייטן אונ וויא האט מען אים געקאנט אהתראה טאן דר תירוץ איז מען הט אים געזאגט קלויב ניט האלץ דען עס זענין דא פיר מיתות וואס מען טייט מיט זיי דעם וואס איז עובר אויף גאטס געבאט אזו האט ער גיהערט אלע פיר מיתות אונ האט דאך געקליבן דרום הייסט דם ארעכטע התראה דר אבן שואב שרייבט דר וואס הט געקליבן האלץ אים שבת דער איז געגאנגן אין דיא קליידר פון אין דער וואכען דרום הט ער פאר געסען אז עס איז שבת דרום זאל איטליכער מענש זעהן צו האבען אנדערע קליידער אויף שבת אזו וועט ער געדענקן אז עס איז שבת אונ וועט רעכט שבת האלטען. (ועשו להם ציצית) גאט זאגט צו משה רייד צו ישראל זיי זאלען זיך מאכען ציצית רש"י שרייבט ציצית הט אין דער צאל זעקס הונדערט אונ אין זייא איז דא אכט פעדים אונ פינף קניפען איז דרייצען סך הכל איז זעקס הונדערט אונ דרייצען דאס איז אקעגין דיא זעקס הונדערט אונ דרייצן מצות וואס זענין אין דער תורה צו ווייזען דם דיא מצוה פון ציצית איז געגעבן אקעגין אלע מצות פון דער תורה פרעגט דר בחיי אונ דר חזקוני אונ דר אבן שואב ציצית שטייט דאך אין דער תורה אן איין יו"ד בעטרעפט עס דאך ניט קיין זעקס הונדערט דער תירוץ איז עס שטייט איין מאל לציצית מיט איין למ"ד וואס בעטרעפט דרייסיג דם איז אויף דעם ארט פון די דריי מאל (יו"ד) וואס גייט אפ ביי די דריי מאל ציצית וואס שטייט אין דר תורה, אונ דער בעל הטורים אונ דער אבן שואב שרייבן עס זענין אכט פעדים אין די ציצית אקעגין דיא אכט אברים וואס דר מענש טוט מיט זיי עבירות די אויערין אונ די אויגען אונ דם מויל אונ דיא נאז אונ דיא הענט אונ די פיס אונ דיא ערוה אונ דאס הארץ (ולא תתורו אחרי לבבכם וגו') איר זאלט ניט נאך זעהן נאך אייער הארץ אונ נאך אייערע אויגען אונ דיא אויגען אונ דאס הארץ זענין צוויא מעקלירים ביי דעם מענשן צו טאן עבירות די אויגען זעהן אונ דם הארץ גלוסט צו טאן די עבירה אונ דר מענש איז גומר אונ טוט די עבירה דר תנחומא שרייבט גאט האט

ביי

ליקוטי יקרים

זאגען קומט ארוף צו אונז וועלען מיר ארוף גיין ווארום גאט הט זיי געגעבן אין אונזערע הענד אונ דוד הט אוך געהאט דם סימן מיט גלית הפלשתי ווי גלית האט נאר געזאגט צו דוד גיי אהער צו מיר הט שון דוד געזאגט דם היינטיגן טאג וועט דיך גאט איבר ענפערין אין מיינע הענד אונ דם איז אסימן פון דער מפלה פון דם שונא אז ער פארכט זיך צו צו גיין אבער דא איז געווען פר קערט דר עמלקי אונ דר כנעני האבן אראפ גענידערט איז שון געווען ממלא דם זיי האבן די

יורן

ביי אלע מעשים פון דעם מענשן זיינע מצות אן געשריבן, קומט דר יהודי אקירן שטייט געשריבן מען זאל ניט אקירן מיט איין אוקס אונ מיט איין איזל אין איינעם. וויל ער זייען זיין גארטען שטייט געשריבען זאלסט ניט זייען קיין כלאים. וויל ער שניידן זיין תבואה מוז ער איין עק פעלד איבער לאזען פון וועגין דעם עני. וויל ער געמן תבואה צו עסין מוז ער תרומה אונ מעשר פריר געבן, וויל ער איין טייג קנעטן מוז ער חלה דער פון געמן, וויל ער עסין עפים מוז ער פריר איין ברכה מאכן, וויל ער זיינע שאף שערין מוז ער דעם כהן אויך וואל געבן, הט זיין בהמה איין בכור מוז ער אים געבן צום כהן, וויל ער איין בהמה קולן מוז ער דעם כהן געבן די פלייצע אונ די קין באקן אונ דם מאגין, קומט ער צו אנעסט פון פייגיל מוז ער די מוטר אוועק שיקן, קולעט ער איין עוף מוז ער דם בלוט צו דעקן, טוט ער אן אקלייד זאל ער זעהן עס זאל דרינן קיין שעטנז ניט זיין, ווערט אים געבארען אזון מוז ער אים מל זיין, קומט ער זיך בהעפטן צו זיין ווייב מוז ער זיך היטין פאר נדה, פלאנצט ער אבוים מוז ער דריא יאר ווארטן ער זאל די פירות ניט עסין, בעגראבט ער איין מת פון זיינע קרובים זאל ער זיך ניט מצער זיין צו קראצין זיין לייב. וויל ער זיך אפ שערין טאר ער דיא פיאות ניט אפ שערין, בועט ער איין הויז מוז ער אגאניק מאכן ביי דעם דאך, מאכט ער איין טיר מוז ער מאכן איין מזוזה, מאכט ער זיך איין קלייד מוז ער מאכען דרינען ציצית. עס איז אמשל איין מענש וואס פאלט ארום פון דער שיף אין ים אריין אזו ווארפט אים דר האר פון דר שיף אלאנגן שטריק אונ זאגט צו אים האלט דיך שטארק ביי דם שטריק וועסטו ניצול ווערין פון דעם טוט אזו אויך די נשמה פון דעם מענשן איז ווארען אראפ געווארפן פון אונטער דעם כסא הכבוד אין דער וועלט דרום הט גאט געזאגט האלט שטארק מיינע מצות וועסטו לעבין אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט דאס זאגט דר פסוק (יי חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר) ווייל גאט וויל דעם מענש גירעכט מאכן ער זאל האבן עולם הבא דרום הט ער גרוס גימאכט דיא תורה אונ מצות רש"י שרייבט דרום איז די פרשה פון מקושש אנגעשריבן ביי דער פרשה פון ע"א צו ווייזען דער וואס איז מחלל שבת איז גלייך ווי ער דינט ע"א אונ דרום זאל מען מאכען ציצית אין דיא פיר עקין פון דעם קלייד אקעגין די פיר לשונות וואס גאט האט געזאגט ביי יציאת מצרים (והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי) אונ מען פלעגט פר צייטען נעמן צו די ציצית איין פאדים תכלת וואס זיין פארב איז גלייך וויא דער הימעל אונ אכט פעדים איז אין דיא ציצית אקעגין דיא אכט טאג וואס ישראל האבען געזומט פון דעם ארום גיין פון מצרים ביז זייא האבען שירה געזאגט אויף דעם ים:

### ליקוטי יקרים

יודן געשלאגן (וידבר ה' אל משה לאמר) הט גאט גערייד צו משה אונ הט אים אזו געזאגט רייד צו דיא ישראל אונ זאלסט זיי אזו זאגן אז איר וועט קומן אין לאנד אריין וואס איך וועל אייך דארט ברענגן אונ אז איר וועט עסען פון דם ברוט פון לאנד זאלט איר אפ שיידן חלה פון דם טייג, דר תרגום יונתן שרייבט פון אלע תבואות וואס מען קנעט פון זיי א טייג דארף מען אפ שיידן חלה גאר פון רייז הירז ארבים פאסאלים (בונים) קאקריזם אונ רעטשקי דארף מען ניט:

## הפטרת שלח.

(וישלח יהושע בן נון מן השטים) יהושע האט געשיקט צוויי מענשן זיי זאלען אום זעהן דם גאנצע לאנד כנען אונ אויך די שטאט יריחו דען יריחו איז אזו שטארק געווען ווי דם גאנצע לאנד כנען אונ דיא צוויי מענשן זענען געווען צדיקים ניט ווי די מרגלים וואס משה הט געשיקט וואס זענען געוועזן רשעים אונ זיי זענען געגאנגן קיין יריחו אונ האבן זיך געמאכט טוב אונ שטום כדי מען זאל זיי ניט אום פרעגען פון וואנען זיי זענען אונ דר מדרש זאגט זיי האבן זיך געמאכט

פר טעפר וואס פר קופן טעפ כדי מען זאל זיך ניט שטוסן ווער זיי זענען און אוך האבען זיי דרום פר קופט טעפ ווייל דאס איז אסחורה וואס נאר ווייבר קופן און ווייבר ריידן פיל און זאגן אום אלע סודות אזו וועלען זיי קאנען זיי פרעגן אוב מען פארכט זיך פר ישראל אין דר שטאט יריחו און דיא צוויי מרגלים זענען געקומן אין הויז פון רחב הזונה וואס זיא פר קופט עסן שפייז (ויאמר למלך יריחו) און עס איז ווארען געזאגט צום מלך פון יריחו דאס צוויי מענשען פון ישראל זענען געקומן אין הויז פון רחב אום צו זעהן ווי אזו מען קאן איין נעמען דיא שטאט האט דר מלך צו איר געשיקט זיא זאל ארוס געבען דיא צוויי מענשן (ותקח האשה את שני האנשים ותצפנו) אזו האט רחב גענומען דיא צוויי מענשען און האט זיי פר בארגען און האט געזאגט עס איז יא געקומען צוויי מענשען אין מיין הויז און איך וויים ניט פון וואנען זיי זענען און ווי עס איז געקומן אקעגען נאכט אז מען האט געוואלט דעם טויער פון דער שטאט צו שליסען זענען זיי ארוס געגאנגן דרום יאגט זיי גיך נאך דען איר וועט זיי גרייכען און די שליחים פון דם מלך האבן נאך דיא מענשן נאך געיאגט ביז אין ירדן צו זוכען זיי און דם טויער האט מען צו געשלאסן נאך דם אז דיא שליחים זענען ארוס געגאנגן און דרום שטייט (ותצפנו) זיא האט פר בארגן אים חאטשע זיי זענען געווען צוויי דם איז ווייל פנחס איז געווען אכהן איז ער גלייך וויא אמלאך וואס מען קען אים ניט זעהן דרום האט זיא אים ניט געדארפט פר בארגן נאר כלב האט זיא פר בארגן, נאך אתירוץ איז זיא האט זיי ביידע אין איין ענג לאך פר בארגן וואס אהין האט ניט געקאנט אריין נאר איינר און זיי זענען ביידע אריין גלייך ווי אמענש דרום שטייט (ותצפנו) זיא האט אים באהאלטן און דיא אשה האט אוף געבראכט דיא מענשען אוף דם דאך און האט זיי באהאלטען אין דם פלאקס וואס זיא האט געהאט אוף דם דאך און זיא איז געקומן צו זיי און זאגט איך וויים וואל דם גאט האט אייך געגעבן דאס לאנד און אייער פארכט איז אוף אונז געפאלן עס איז צוגאנגען דיא הערצר פון אלע אומות אין לאנד (כי שמענו את אשר הוביש ה') דען מיר האבן געהערט דם גאט האט געשפאלטן דם ים סוף פר אייך און איר האט פר ווישט צוויי שטארקע מלכים סיחון ועוג דרום איז צוגאנגן אונזר הארץ און עס איז ניט געבליבען קיין אטום אין קיין מענש דען גאט איז מיט אייך ער איז איין גאט אוף דם הימל און אוף דר ערד (ועתה השבעו נא לי) און אצונד שווערט מיר ווייל איך טוא מיט אייך חסד זאלט איר מיט מיר אוך טוען חסד און גיט מיר איין אמתין צייכען דם איר זאלט לאזען לעבען מיין פאטערם הויז געזינד און מיין משפחה האבן! די מענשן געזאגט מיר געבען דיר אצייכן נאר דו זאלסט ניט אום זאגן אונזערע רייד אוך זאלסט דם צייכן ניט זאגען פר דיינע שכנים כדי זיי זאלען אוך ניט מאכן דם צייכן וואס מיר וועלען דיר זאגען (ותורידם בחבל בעד החלון) און זיא האט דיא צוויי מענשן מיט אשטריק אראפ געלאזט דורך אפענסטר פון דר מויער כדי די שכנים זאלען זיי ניט זעהן און זיא האט צו זיי געזאגט גייט צום בארג כדי די וואס יאגען נאך צו זוכן אייך זאלען אייך ניט באגעגינן און פר בארגט אייך דארטן דריי טאג ביז דיא נאך יאגר וועלען זיך אום קערן אהיים האבן דיא צוויי מענשן צו איר געזאגט דו זאלסט אן בינדען ארוטן פאדים אין דם פענסטר

וום

### משלי

(ועתה השבעו נא לי בה' וגו') פר וואס די טובה וואס זיא הט געטאן מיט די מרגלים הט זיא גערופין מיט דם נאמין חסד און די טובה וואס זיא פר לאנגט פון זיי אוך חסד און דם צייכין מיט דם נאמין אמת דר טעם איז עס שטייט (תתן אמת ליעקב חסד לאברהם) ע"פ משל איינר הט געוואלט שענקין אגוטין פריינד אמתנה גדולה נאר ער הט מורא געהאט פר זיין ווייב הט ער אים געגעבין אזעקל מיט זיין החתימה א"ף די סומע געלד כדי ווען דר זמן וועט זיין וועט ער אים מוזען געבין ע"פ בית דין און דם ווייב וועט גאר ניט קענין ריידין, באופן זה בשעת ער הט געשריבן דם שטר ח"ב ווערט ער אן גערופן חסד און ווען ער באצאלט ווערט אן גערופן אמת. אזו אוך די שבועה וואס השי"ת הט געשווארין צו אברהם איז מכונה בשם חסד און דר קיום וואס השי"ת איז מקיים צו יעקב איז מכונה בשם אמת דם הט רחב געזאגט שווערט איר מיר

### יהודה

צו ביי גאט אז דיא שבועה וועט הייסין חסד אזו ווי איך האב אייך געטאן חסד (ונתתם לי אות אמת) דר נאך אז איר וועט מקיים זיין וועט דם הייסין אמת האבין זיי גיענטפערט (ועשינו עמך חסד ואמת ועתה השבעה נא לי בה' וגו') רחב הט געזאגט צו די מרגלים דם איז ביי מיר בלי ספק אז אזעלכע אנשים ישרים ווי איר זענט וועט איר ניט מיר גומל זיין רעה תחת טובה נאר טאמר איז דם גאר ניט גירעכינט ביי אייך אז איך האב געטאן מיט אייך חסד אבער ווען איך וויים געוויס אז ביי אייך איז דם גירעכינט פר אצדקה וחסד בין איך בטוח אז איר וועט מיט מיין בית אבי אוך טאן חסד דעריבר שווערט איר צו מיר ביי גאט אז איך האב געטאן מיט אייך חסד דערנאך בין איך בטוח (ועשיתם גם אתם) אז איר וועט מיט מיין בית אבי אוך טאן חסד ווארום איך בין אייך ניט חושד איר זאלט זיין משלמי רעה תחת טובה:

וואס דו האסט אונז ארויס געלאזט וועלען מיר וויסען אז דאס איז דיין הויז אונ מיר וועלען ניט לאזען קיין בייז טאן צו דיין הויז אונ ווער עס וועט ארוס גיין פון דיין הויז אונ מען וועט אים דער שלאגען וועלען מיר ניט שולדיג זיין (ותשלחם וילכו ותקשור את תקות חוט השני בחלון) אונ זיא האט זיי אוועק געשיקט אונ זיי זענען אוועק געגאנגען אונ זיא הט אן געקניפט ארויטען פאדים אין דם פענסטער אונ זיי זענען געגאנגען צום בארג אונ זענען דארטען געזעסן ביז דיא שליחים האבן זיך אום גיקערט אונ אז דיא מרגלים פון ישראל זענען געקומען אין איר הויז הט זיא דם רויטען פאדים פר אצייכען אן געבונדען צו דיא מרגלים אונ אויך דם קיין מאן זאל שון מער ניט קומען ביי איר ליגען אונ כלב אונ פנחס זענען געקומען צו יהושע אונ האבן אים דר ציילט ווי אזו עס הט זיך מיט זיי געפירט אונ האבן געזאגט גאט הט געגעבן דיא אומות אין אונזער האנד דען עס איז זיי צעגאנגען זייער הארץ פר אונז:

# פרשת קרח.

(ויקח קרח) שלמה המלך זאגט אין משלי (שוחר טוב יבקש רצון ודורש רעה תבואנו) דם איז טייטש דר וואס טוט תפלה אויף זיין חבר עס זאל אים גוט זיין דר טוט דעם ווילען פון גאט דרויף האבען אונזערע חכמים געזאגט ווער עס טוט תפלה אויף זיין חבר אונ ער דארף אויך די זאך האבן ענפערט אים גאט פריר אונ אויך ווען ער איז איין פרנס אין איין דור זאל ער גאט בעטין פר זיין דור אזו ווי די חכמים האבן געזאגט ביי איין רוצח וואס האט אים גערין זיין חבר געהארגית הט ער געמוזט זיצן אין דיא ערי מקלט ביז דער כהן גדול איז געשטארבן אונ דם איז ווייל דר כהן גדול הט קיין תפלה ניט גיטאן עס זאל זיך קיין רציחה ניט טרעפן אין זיין דור דרום טוט דר רוצח תפלה דר כהן גדול זאל באלד שטארבן ער זאל קענין ארוס גיין אונ דוד המלך הט אויך תפלה גיטאן אויף ישראל אזו וויא אין פסוק שטייט (ואני בחלותם לבושי שק) ווען ישראל זענין קראנק טוא איך תפלה אונ קלייד מיך אן אין איין זאק כדי זייא זאלען געזונד זיין אונ עס שטייט ווייטער (ותפלתי על חיקי תשוב) מיין תפלה קערט זיך אים צו מיר דאס גאט ענפערט מיר פריר אויף מיין זאך ווייל איך טוא תפלה אויף איין אנדערן אונ ווען איינער זוכט בייז אויף זיין חבר קומט דאס בייז פריר צו אים דם הט שלמה המלך געזאגט (בוטח בעשרו הוא יפול) ווער עס פאר לאזט זיך אויף זיין עשירות אונ וויל לייטין בייז טאן דער וועט פאלען מיט זיין עשירות אונ עס

קומט

של"ה הקדוש

(ויקח קרח) דר של"ה שרייבט פון דיא מחלוקת פון קרח גיהער מען זיך ארום נעמין אמוסר ווי ווייט עס גרייכט דר עונש פון מחלוקת לאמר זעהן דם עונש פון קרח וואס ער הט אזו שטרענג אונ באלד באקומען אונ עס הט אים ניט געהאלפן אונ ביי געשטאנען דר יחוס פון דיא משפחה וואס האבן פון אים געדארפט ארוס קומען אזעלכע גרויסע צדיקים אונ קרח אליין איז דאך אגרויסער אונ אחשובר מאן געוועזן צווישען דיא ישראל ווען ניט דר חטא פון זיינע מחלוקת ער איז דאך געוועזן איינר פון דיא וואס האבן געטראגן דם ארון פון דיא לוחות, אויך זעהן מיר אז דתן ואבירם אונ זייערע ווייבר אונ קינדר זענען אלע פר לוירען געווארן הגם דם ב"ד של מעלה שטראפט ניט אמענש ביז ער איז אלט צוואנציג יאר אבער דא זענען פר לוירען געווארן אפילו דם קליינע געזינד אזו שווער איז אמחלוקת אין גאטס אויגען אזו האבן אונז געגעבן די חכמים אונזערע צו וויסן, היינט זאל זיך אמענש אפ לערנען דר פון אמוסר אונ זאל זיך האלטען אין דיא מדה פון שלום אונ דר וואס הט שכל זאל זיך לערנען ער זאל זיין פון די תלמידים פון אהרן הכהן ער זאל זיין איין אוהב שלום ער זאל ליב האבן שלום, אזו ווי מיר זעהן דא איין אז אהרן הכהן הט אין דיא מחלוקת גאר קיין טייל גענומען אונ הט גאר ניט גערייד דר פון הגם קרח האט געוואלט עוקר זיין זיין כבוד אין גאנצען פון דעסט וועגין הט ער גאר ניט גערייד אונ וואס גאר אמענש קען זוכן סיבות ער זאל שלום מאכען אונ פר לעשין דם פייער פון מחלוקת זאל ער עס אן ווענדין אונ טאן מיר זעהן דאך בפירוש

אז

קומט אויף אים ביז דורך זיין עשירות אזו ווי אין פסוק שטייט (עושר שמור לבעליו לרעתו) צו צייטן איז דאס עשירות ביא אמענשן פון זיין רעה וועגין דאס׃ ער זאל דורך דם ווערין פר לוירן פון ביידע וועלטן אזו ווי מיר געפינן דאס צוויי עשירים זענין געוועזן אין דר וועלט איינר פון יהודים און איינר פון עמלקים להבדיל קרח איז געוועזן פון יהודים און המן פון עמלקים און ביידע זענין ווארען פאר לוירן פון ביידע וועלטן און צו ביידע איז דם געקומן ווייל זיי האבן געפאלגט זייערע ווייבר דען דאס ווייב פון המן האט אים איין עצה געגעבן צו מאכען איין תליה צו הענגין מרדכי און דער נאך האט מען המן אויף איר געהאנגן און קרח האט אויך געפאלגט זיין ווייב דרום איז ער פר לוירן געווארן דען אז קרח איז געקומן פון דעם משכן הט דם ווייב אים געפרעגט וואס האט משה מיט אייך היינט געלערינט הט קרח געזאגט ער הט אונז געלערינט די פרשה פון ציצית צו נעמן איין פאדים תכלת און זיבן פעדים אנדר וואל און מאכן ציצית אין די קליידר הט דם ווייב צו אים געזאגט איך ווער מאכן איין טלית גאר אין גאנצן פון תכלת און משה שפעט פון אייך איין פאדים זאל גענוג זיין און איין גאנצער טלית פון תכלת זאל ניט גענוג זיין און זיא הט געמאכט איין טלית פון תכלת און קרח האט איין געזאמעלט צווייא הונדרט און פופציג סנהדרין דאס רוב איז געוועזן פון שבט ראובן ווייל זייא זענין געוועזן שכנים מיט קרח און הט זיי אן גיטאן אין טליתים פון תכלת און זייא זענין געקומען צו משה און פרעגין אים די טליתים וואס זענין גאר פון תכלת דארף מען אן מאכן איין פאדים תכלת אדר ניין הט משה געזאגט יא הט קרח מיט זיין חברותה אן געהובן צו לאכן און זאגען ווען דר טלית איז פון איין אנדערע זאך איז גענוג ווען עס איז דרינן אפאדים תכלת און ווען דער גאנצער טלית איז פון תכלת זאל מען אויך איין בעזונדר פאדים דארפן האבן אויך הט קרח מיט זיין חברותה געפרעגט איין הויז וואס איז פיל מיט חומשים דארף עס האבן איין מזוזה אדר ניט האט משה גיענטפערט יא עס דארף האבען איין מזוזה האבן זיי דער פון אויך געלאכט און האבן געזאגט צו איין הויז וואס איז פיל מיט חומשים וואס אין זיי איז דא פיעל מאל די פרשיות פון מזוזה זאל מען נאך איין בעזונדערע מזוזה דארפען און קרח האט געזאגט צו משה דו טראכסט דיר אליין אוס מצות וואס גאט הט זיי גאר ניט געבאטן דר בחיי שרייבט דיא כוונה פון קרח איז געוועזן מיט די צוויי מצות מיט איין טלית פון גאר תכלת און מיט איין הויז וואס איז פיל מיט חומשים וואס זיי זענין גאר הייליג וואס דארף מען מער הייליקייט צו זיי אזו אויך כל ישראל זענין הייליג און האבן גיהערט דיא רייד פון גאט אויף דעם בארג סיני און ווארום דארף מען משה פר איין העכער איבר אונז. און דרום שטייט ויקח קרח כלומר קרח הט גענומן אטלית פון תכלת און האט געבראכט פאר משה און רש"י שרייבט ויקח קרח איז טייטש ער הט זיך גענומן אויף איין זייט צו קריגען׃ אויף משה און צו זיך גענומן צוויי הונדרט און פופציג סנהדרין (בן יצהר בן קהת בן לוי) רש"י שרייבט דרום שטייט ניט בן יעקב ווייל יעקב האט גאט געבעטן זיין נאמן זאל ניט דר מאנט ווערין ביי דם קריג פון קרח און ווייל שבט ראובן איז נאהינט געוועזן ביא דעם גיצעלט פון קרח דרום האט קרח אן גירעט די קינדר פון ראובן צו קריגען אויף משה דאס האבען אונזערע חכמים געזאגט אוי לרשע אוי לשכנו מען זאל זיך היטן צו זיין איין שכן ביי איין רשע דען ווען גאט שטראפט

### של"ה הקדוש

אז משה רבינו עליו השלום ער איז דאך געוועזן דר גרעסטר פון די נביאים און דר צו אמלך אויך און ער איז אליין בעצמו ובכבודו געגאנגן צו דתן ואבירם ריידען מיט זיי נאך דם אז זיי האבן אן אים ווידער געשפעניגט און האבן געזאגט לא נעלה איז ער אליין געגאנגן צו זיי מיט דיא עלצטע פון ישראל דם הט ער אלץ געטאן פון וועגען שלום׃

שטראפט דעם רשע ווערט דער שכן אויך געשלאגן אפילו ער איז פרום דר אבן שועב שרייבט דר מדרש זאגט קרח הט גישפעט געמאכט אונ האט געזאגט צו די קינדר פון ראובן איין אלמנה האט געהאט איין שאף הט די שאף געהאט איין בכור איז געקומן אהרן אונ הט דעם בכור אוועק גענומן אונ אז זי האט די שאף געשורן האט אהרן די וואל אויך גענומן אונ דער נאך הט זיא דיא שאף געקוילט הט אהרן גענומן די פלייצע אונ דיא קין באקן אונ דעם מאגן הט זיא פאר כעס געזאגט עס זאל זיין אין גאנצן הקדש זאגט אהרן אז דו האסט דס מקדיש געוועזן קומט עס אין גאנצן צום כהן אזו הט זי גענומן אלץ מיט אנאנדער אונ גיט עס אוועק צו אהרן אונ נאך אזעלכע גישפעט האט ער געזאגט צו דיא קינדר פון ראובן אונ הט זיי אפ גירעט פון גאט רש"י שרייבט קרח האט דרום געקריגט ווייל מען האט געמאכט אליצפן בן עוזיאל פר איין נשיא איבר דר משפחה פון קהת אונ קרח האט געזאגט קהת האט געהאט פיר זון עמרם, אונ יצהר, אונ חברון, אונ עוזיאל, עמרם איז דר עלצטר איז רעכט וואס זיינע ביידע זון האבן גענומן דאס שררה שאפט אהרן איז אכהן גדול אונ משה איז איין מלך אבר ווער דארף נעמן דאס נשיאות דארף איך נעמן וואס איך בין דער זון פון יצהר דער אנדערער פון עמרם אונ ער איז געגאנגען אונ הט געמאכט דעם זון פון עוזיאל פאר אנשיא וואס עוזיאל איז דר יונגסטר זון דרום הט קרח געקריגט אונ די קינדר פון ראובן האבן דרום געקריגט ווייל זיי האבן געזאגט ער הט אוועק גענומן די בכורה פון ראובן אונ האט זיא געגעבן צו יוסף ווייל יהושע האט געדינט צו משה אונ ער איז געוועזן פון שבט אפרים דער זון פון יוסף! דרום האבן זייא געזאגט משה טוט וואס ער וויל ווייל ער וויל זיין בעדינר יהושע חשוב מאכן דרום הט ער אוועק גענומן די בכורה פון ראובן אונ הט זי געגעבן צו יוסף כדי זיין בעדינר יהושע זאל זיין פון דיא בכורים דען פאר צייטן האבן די בכורים די עבודה גיטאן אין בית המקדש אונ קרח איז אויך איין בכור געוועזן אונ דיא צווייא הונדרט אונ פופציג סנהדרין ווענן אויך בכורים געוועזן דרום האבן אלע מיט אנאנדר געזאגט צו משה דו האסט מבזה געוועזן די בכורים אונ האסט אוועק גענומן פון זיי זאלען דיא עבודה ניט טאן אונ דו טוסט מיט דר עבודה וואס דייר וואל גיפעלט אונ האסט אום געטראכט דס קיינר איז ניט ראוי צו דר עבודה נאר אהרן אונ ווער דיר וואל גיפעלט, רש"י שרייבט אונ אויך דער בחיי אונ דער אבן שועב שרייבן קרח האט גיזעהן אין חלום דאס פון זיינע קינדער ווערט ארוס קומען שמואל הנביא אונ פיר אונ צוואנציג נביאים דרום האט זיך קרח געטראכט אזו איין חשובע משפחה ווערט פון מיר ארוס קומן אונ איך זאל שווייגן אקעגין משה דען ער הט געמיינט דס דער זכות פון זיינע קינדר ווערט אים העלפן אויך חאטשע ער האט גיהערט דאס אלע וועלין פר לוירן ווערין אונ איינר ווערט בלייבן הט ער געמיינט דס ער ווערט בלייבן אבר משה הט געוואוסט דאס ער ווערט אויך פאר לוירן ווערין נאר זיינע קינדר וועלין תשובה טאן אונ וועלין איבר בלייבן אונ פון זיי ווערט שמואל הנביא ארוס קומן אונ דר רמב"ן שרייבט אונ דר אבן שועב ברענגט דעם רמב"ן קרח האט דרום אנגעהובן צו קריגן נאך די מרגלים דען פריער האבן ישראל אלץ גיט געהאט פון משה דס אפילו ביא דעם עגל וואס זיי האבן אגרוסע עבירה גיטאן האט משה געבעטן פאר זיי פערציג טאג אונ פערציג נעכט אונ כל ישראל האבן משה זייער ליב געהאט אונ ווען איינר זאל געוועזן עפיס ריידן אקעגין משה וואלטן כל ישראל אים פאר שטיינט דרום הט קרח געשוויגן אונ האט געלאזט בלייבן אהרן ביי זיין שררה שאפט אונ דיא בכורים האבן אויך דרום געשוויגן וואס מען הט ביי זיי די עבודה אוועק גענומן אונ מען האט זיי געגעבן צו דיא לוים אבר אצונד דס פיל פון ישראל ווענן פר ברענט געווארן ווייל זיי האבן ביז גירעט אויף גאט אונ דיא מרגלים ווענן אויך אים געקומן אונ

כל ישראל האבן געוואלט שטארבן אין דר מדבר דרום האבן זייא געזאגט (להמיתנו במדבר) משה פירט אונז אים אין דר מדבר צו טייטן אונז אונ האט אונז ניט געבראכט אין דעם גוטן לאנד דרום האבן זיי היינט אנגעהובן צו קריגן מיט משה דער רמב"ן שרייבט אלע דיא וואס האבען זיך איין געזאמילט צו קריגן זענין אלע געוועזן בכורים אונ האבן געקריגט וואס ער האט ביי זייא אוועק גענומן די עבודה אונ הט זיא געגעבן צו די כהנים דרום הט משה געזאגט געמט אלע פייער פאנן אונ זייט מקטיר קטורת אזו ווערין מיר זעהן אוב דיא בכורים זענין ראוי צו דר עבודה אדר די כהנים (ויפול על פניו) משה איז געפאלן אויף זיין פנים דען ער האט שון ניט גיקאנט תפלה טאן ווייל דם איז שון די פערדי עבירה דען ביי דעם עגל האט משה תפלה גיטאן אונ ביי דיא מתאוננים וואס האבן גירעט בייז אויף גאט האט אויך משה תפלה גיטאן אונ ביי דיא מרגלים האט אויך משה תפלה גיטאן אבר בייא קרח איז משה שון ווארען דער שראקן ער הט זיך געטראכט דם איז שון דם פערדי מאל טאמר ווערט גאט שון ניט אן נעמן מיין תפלה דר רמב"ן זאגט דרום איז משה אליין געפאלען אויף זיין פנים אונ ניט אהרן ווייל אהרן הט זיך ניט געוואלט מישן אין דעם קריג ער הט זיך געטראכט ווס הארט עס מיך אז זיי ווערין אלע כהנים זיין אז איך ווער אויך אכהן זיין (בוקר ויודע יי וגו') מארגן אין דר פריא ווערט גאט לאזן ווייסן ווער עס זאל זיין אכהן דען משה הט געוואלט דיא זאך אפ לייגן איבער נאכט טאמר ווערין זיי דר ווייל תשובה טאן אונ ווערין חרטה האבען (זאת עשו קחו לכם מחתות) משה זאגט איר זאגט איך האב פאר ביטן די עבודה אויף די לוים כדי צו געבן דאס שררה שאפט צו אהרן הכהן דרום געמט אייך פייער פאנען אונ ברענגט דרויף קטורת דען דר ווס ברענגט קטורת אונ איז ניט ראוי דר צו דער מוז שטארבן אזו ווערין מיר זעהן אוב דיא בכורים זענין ראוי צו דר עבודה אדר די לוים אונ וואס דיא חכמים זאגן סם המות איז געוועזן אין דעם קטורת איז אזו דר פשט ווער עס איז קיין כהן ניט איז עס צו אים סם המות כלומר ער מוז שטארבן דורך דם (המעט מכם) משה זאגט איז דען ווייניג צו אייך דם איר דינט אין משכן אונ זינגט ביי דיא קרבנות אונ עס זענין פיל הונדרט טויזנט ישראל ווס טארן ניט אריין גיין אין משכן אונ איר בגערט נאך די כהונה צו זיין כהנים (ואהרן מה הוא) ווס איז אהרן שולדיג ווס איר קריגט אויף אים (וישלח משה וגו') הט משה געשיקט ריפען צו דתן ואבירם דאס זיי זאלען צו אים קומן דען זייא זענין אוועק געגאנגן אבר קרח איז געוועזן נאהינט בייא אים ווי דיא לוים זענין געוועזן דרום הט ער מיט קרח פריר גירעט דער רמב"ן פרעגט ווארום הט משה ניט געשיקט רופן צו און

בן

## אוהל יעקב

(ויאמר משה אל קרח וגו') הט משה געזאגט צו קרח (המעט מכם כי הבדיל אלהי ישראל אתכם וגו' להקריב אתכם אליו וגו' ובקשתם גם כהנה לכן אתה וכל עדתך הנועדים על ה') עס איז אמשל אשר הט געהאט פיל פעלדר הט ער ארויף געווארפין די ארבייט פון די פעלדר אויף די פויערין זיי זאלין בעארבייטין די פעלדר ביז די תבואה איז אויף געוואקסין אונ זיי האבין די תבואה אפ געשניטן אונ האבין מיט די וועגין געבראכט די תבואה צו דם שר אונ האבין זיך גאר ניט איבר געלאזט פון דר תבואה אונ דר שר הט גאר ניט אכטינג געגעבין אויף די פויערין ביי דר ארבייט ווארום ער הט זיי געגלייבט אז זיי ווערין פר געווים ניט גנבינן אונ דר מנהג פון דם שר איז גיוועזן אז ער הט צו טיילט די פעלדר איטליכן פויער ווערליג זיין כח ווס ער קען בעארבייטין איינים הט ער געגעבין צוויי פעלדר איינים דרייא אונ איינים נאר איינס אמאל איז איין פויער געקומן צו דם שר אונ זאגט אים פר ווס זאל איך ביי דיר זיין ערגר פון די אנדערי פויערין די אנדערי פויערין האסטו איטליכן געגעבין צוויי פעלדר אונ דרייא פעלדר צו בעארבייטין אונ מיר האסטו נאר געגעבין איין פעלד צו בארבייטין אז דר שר הט דר הערט די רייד פון דם פויער הט ער געהייסין מען זאל דם איינע פעלד אויך צו נעמין ביי דם פויער קומט צו לויפין דר פויער אונ זאגט צום שר ניט גענוג דו האסט מיר ניט מוסיף גיוועזן קיין פעלדר אזו ווי איך האב דיך געבעטין האסטו נאך ביי מיר דם איינע פעלד אויך צו גענומן ענטפערט דר שר ווארין פון דיין בקשה ווס דו בעטסט מיך פר שטיי איך אז דו ביסט אגנב דרום ווילסטו מעהר פעלדר זאלסט קענין מעהר גנבינן ווארום ווען דו זאלסט זיין איין ערליכר

מענש

בן פלת וואס ער איז אויך געוועזן אין דעם קריג דער תירוץ איז אז און איז אהיים געגאנגען האט אים זיין ווייב אפ גירעט ער זאל ניט קריגען דרום איז ער אין דער היים געבליבן אונ האט שון ווייטר ניט געקריגט אונ איז לעבן געבליבן מיט זיין הויז געזינד דאס איז גורם דאס גוטע ווייב מיט איר גוטער עצה אונ ער איז אויך ניט געקומען צו די פייער פאנען אונ דתן ואבירם האבען גיענטפערט מיר וועלין ניט אויף גיין צו משה. רש"י שרייבט זייער מול האט זיי אום געליינגט צו בייזען דאס זיי וועלין ניט אויף גיין נאר זיי וועלין אראפ נידערין אין דער ערד (העיני האנשים ההם תנקר לא נעלה) ווען אפילו דו וועסט שיקן דיא מאנען אום שטעכן זייערע אויגען וועלין מיר ניט גיין. אונ דער בחיי שרייבט זיי האבען געזאגט דו ווילסט אונז בלינד מאכן דיא אויגען דען מיר זעהן דם דו האסט אונז אויף געבראכט אין דער מדבר צו טייטן אונז (אל תפן אל מנחתם) האט משה געזאגט צו גאט דו זאלסט דיך ניט קערן צו זייער קטורת וואס דיא צוויי הונדערט אונ פיפציג מאן האבן אחלק אין דיא קרבנות וואס מען ברענגט אלע טאג זאלסטו גאט ניט אן נעמן זייער חלק דאס פייער פון דעם מזבח זאל דאס ניט פאר ברענין (לא חמור אחד מהם נשאתי) משה זאגט איך האב קיין שררה שאפט ניט געוויזען איבער ישראל אפילו איך האב גידארפט איין אייזעל צו רייטען פון זייער טובה וועגין האב איך אויך ביי זיי ניט גענומן נאר איך האב גערייטן אויף מיין אייזל (ויקהל עליהם קרח את כל העדה) קרח האט די גאנצע נאכט גישפעט אונ איז געגאנגען צו אלע שבטים אונ זאגט צו זיי טראכט ניט דאס איך בין נאר אויף מיר אוזן נאר איך רייד פון כל ישראל וועגין דען משה אונ אהרן האבן זיך גאר דם שררה שאפט צו גענומן ביז ער הט כל ישראל איבר גירעט דער בחיי שרייבט ער האט פריער איבר גירעט די בכורים וואס מען הט ביי זיי די עבודה אוועק גענומן אונ מען הט זי געגעבן צו די לוים אונ צו די אנדערע שבטים הט ער געזאגט זעהט וואס משה הט גיטאן דען ראובן איז איין בכור אזו איז ראוי דם זיין נשיא זאל פריר מקריב זיין זיין קרבן ביי חנוכת המזבח אונ משה האט געהייסן צום ערשטן מקריב זיין נחשון דער נשיא פון שבט יהודה וואס ער איז יונגר פון ראובן (הבדלו מתוך וגו') גאט האט געזאגט צו משה אונ צו אהרן שייד אייך אפ פון דער בייזער עדה דען איך וועל פר דארבן כל ישראל איז משה אונ אהרן געפאלען אויף זייער פנים אונ משה הט געזאגט רבונו של עולם דו גאט ווייסט וואל ווער עס הט די עבירה גיטאן דעם דאזיגן טייט דרום הט ער

**אוהל יעקב**

מענש אונ זאלסט נאר מיינין באמת מיר צו ארבייטין געטרייא נאך ווס דארפסטו בעטין מעהר פעלדר צו בעארבייטין עס וואלט גיוועזן גענוג פר דיר דם איינע פעלד אבי דו טוסט מיין רצון נאר מן הסתם מיינסטו פון דיינט וועגין דו זאלסט האבין מעהר צו גבגיגן אונ מיינסט ניט מיין טובה דרום האב איך געהייסין דם איינע פעלד איך צו גענמין ביי דיר. דר נמשל איז אזו גאט הט איין געטיילט די עבודה פון דם משכן צו די בני לוי הט ער געגעבין איין עבודה אז די יודן האבין געצוגין אין דר מדבר פון איין ארט צום אנדערין זאלין די בני לוי צו נעמין דם משכן אונ טראגין דם משכן אונ צו נויף שטעלין אונ אהרן מיט זיינע קינדר הט גאט אפ געטיילט די כהונה אבר אצונד אז קרח וואס ער איז פון די בני לוי הט געקריגט אויף דר כהונה אונ הט געוואלט צו נעמין די כהונה אויך ער זאל זיין אכהן הט משה געזאגט צו קרח (המעט מכם) דם ביסיל כבוד וואס גאט הט אייך צו געטיילט דארף מען ביי אייך אויך צו נעמין ווארין ווען אייער כונה זאל נאר זיין איר זאלט טאן אנחת רוח פר גאט הט איר זיך די עבודת ווס גאט הט אייך צו געטיילט (כי הבדיל ה' אלהי ישראל אתכם להקריב אתכם אליו לעבוד את עבודת וגו') ווארין דר גאט פון ישראל הט אייך אפ געשייד פון דר עדה פון ישראל צו מאכין גינעהנין אייך צו זיך צו דינען די דינסט פון דם משכן פון גאט מיילא הט איר זיך מיט עפים צו צו טאן אנחת רוח צו גאט (ובקשתם גם כהונה) ווילט איר נאך האבין די כהונה איר זאלט זיין כהנים אויך (לכן) דרום אזו (אתה וכל עדתך הנועדים) דו מיט דיין גאנצר עדה ווס זיי האבין זיך איין געזאמילט מיט דיר צו קריגען (על ה') איז פר געוויס דר קריג אויף גאט אי. מיינט די כהונה נאר פון אייער הנאה וועגין אונ איר מיינט ניט צו טאן אנחת רוח צו גאט, פונקט ווי דר שר הט געזאגט צום פויער ווס הט פר לאנגט נאך [illegible]

עֶר גֶעזָאגְט (אֵל אֱלֹהֵי הָרוּחוֹת) כְּלוֹמַר דוּ וֵייסְט דָאךְ אַלֶע מַחְשָׁבוֹת אוּנ אַלֶע דֵעוֹת פוּן דִי מֶענְשֶׁן אוּנ וֵייסְט וֶוער עֶס טוּט בֵּייז הָאט נָאט גֶעזָאגְט צוּ מֹשֶׁה זָאג כָּל יִשְׂרָאֵל זֵיי זָאלֶען זִיךְ אָפּ טָאן (פוּן דֶעם גִיצֶעלְט פוּן קֹרַח דָתָן וַאֲבִירָם דֶר בְּחַיֵּי פְרֶעגְט וָוארוּם הָאט נָאט גֶעהֵייסֶן זֵיי זָאלֶען זִיךְ אָפּ שֵׁיידֶן פוּן קֹרַח הָט עֶר דֶען זֵיי נִיט גִיקֶענְט מַצִיל זַיין חָאטְשֶׁע זֵייא וֶועלִין שְׁטֵיין (בֵּיי זֵיי דֶער תֵּירוּץ אִיז דֶער אַוִיר וָוס קֹרַח מִיט זַיין הוֹז גֶעזִינְד זֶענִין דְרִינֶען גֶעשְׁטָארְבֶּן הָט גִישַׁאט צוּ דִי לַייט וָוס זֶענִין דֶר בַּיי גֶעוֶוען אַזוֹ וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דֶעם וַייבּ פוּן לוֹט דָם זִיא הָט גֶעזֶעהֶן דָם פַייעֶר פוּן סְדוֹם אַזוֹ אִיז זִי גֶעשְׁטָארְבֶּן פוּן דֶעם אַוִיר אוּנ בֵּייזֶע וִוינְטֶן נָאךְ אַתֵּירוּץ אִיז וֶוען דֶר מַלְאָךְ הַמָּוֶת הָט רְשׁוּת צוּ טֵייטֶען אַזוֹ טֵייט עֶר וֶועמֶן עֶר בֶּעגֶעגְנֶט אוֹךְ הָט עֶר דָם גִיטָאן לְכָבוֹד דִי צַדִּיקִים דָם זֵיי זָאלֶען נִיט זַיין בַּיי דֶר מַכָּה הָט מֹשֶׁה גֶעזָאגְט צוּ כָּל יִשְׂרָאֵל שֵׁייד אַייךְ אָפּ פוּן קֹרַח אוּנ פוּן זַיין חַבְרוּתָא אוּנ נֶעמְט גָאר גִיט פוּן זֵייעֶר גוּטְס דֶען דֶער וָוס וֶועט עֶפִּיס נֶעמֶן וֶועט עֶר וֶוערִין אַיין גִיטָאן מִיט זֵיי אִין דֶעם גְרִיבּ אוּנ אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶער הָט פוּן לַאנְג אַנָאדִיל גֶעלִיגֶן פוּן דֶעם הוֹז גֶעזִינְד פוּן קֹרַח הָט זִיךְ דִי נָאדִיל גֶעקַאטְשִׁיט בִּיז אִין דֶעם גְרִיבּ פוּן קֹרַח אוּנ כָּל יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן זִיךְ אָפּ גֶעשֵׁייד פוּן דֶעם גִיצֶעלְט פוּן קֹרַח אוּנ דָתָן וַאֲבִירָם הָאט מֹשֶׁה גֶעזָאגְט וֶוען דִי לַייט וֶועלִין אוֹף זֵייעֶר בֶּעט שְׁטַארְבֶּן וִוי אַלֶע לַייט אַזוֹ וֶועט מֶען נִיט וִויסֶען אוֹב זֵיי זֶענִין גִירֶעכְט אוּנ אוֹב נִיט דְרוּם מוּז נָאט

נַייעֶ צֵייכֶען בֶּעוַויזֶן צוּ קֹרַח דָם מֶען זָאל וִויסֶן אַז עֶר אִיז נִיט גִירֶעכְט אוּנ דְרוּם זָאגְט מֹשֶׁה וֶוען עֶס אִיז וָוארֶן בֶּעשַׁאפֶן אַמוֹל צוּ דֶער עֶרְד פוּן שֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית אִיז גוּט אוּנ אוֹבּ נִיט זָאל נָאט הַיינְט בֶּעשַׁאפֶן אַמוֹל צוּ דֶער עֶרְד אוּנ זִי זָאל אַיין שְׁלִינְגֶען קֹרַח מִיט זַיין עֵדָה אַזוֹ בַּאלְד הָט זִיךְ דִי עֶרְד צוּ שְׁפַּאלְטֶן אוּנ הָאט אַיין גֶעשְׁלִינְגֶן קֹרַח אוּנ זַיין עֵדָה מִיט זֵייעֶרֶע הַייזֶר אוּנ זֵייעֶר גוּטְס אוּנ דִי עֶרְד הָט אוֹף זֵיי בֶּעדֶעקְט. רַשִׁ"י אוּנ דֶר בְּחַיֵּי שְׁרַייבֶּן דָם בֵּית דִין פוּן דֶעם הִימֶל שְׁטְרָאפְט נִיט בִּיז עֶר אִיז אַלְט צְוָואנְצִיג יָאר אָבֶּר בַּיי דֶם קְרִיג פוּן קֹרַח הָאט נָאט גֶעשְׁטְרָאפְט אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶר (אִין דִיא וִוינֶען זֵיי זֶענִין אוֹךְ אַיין גֶעזִינְקֶן גֶעוָוארֶן, דֶר בְּחַיֵּי שְׁרַייבְּט פוּן וֶועגִין דֶעם רמב"ן וָוארוּם זָאגְט דִי תּוֹרָה צוּם עֶרְשְׁטֶן (וַתִּבָּקַע הָאָרֶץ) דִיא עֶרְד אִיז וָוארֶען צוּ שְׁפַּאלְטֶן אוּנ דֶער נָאךְ זָאגְט דִי תּוֹרָה (וַתִּפְתַּח הָאָרֶץ וגו') דִי עֶרְד הָט גִיעֶפִינְט אִיר מוֹל דֶר תֵּירוּץ אִיז צוּ וַוייזֶען דָם צוּ שְׁפַּאלְטֶן פוּן דֶר עֶרְד וָוס בַּייא קֹרַח אִיז נִיט גֶעוֶוען אַזוֹ וִויא אַנְדֶערֶע שְׁפַּאלְטֶן דֶען עֶס טְרֶעפְט זִיךְ צוּ צֵייטֶן דָם דִי עֶרְד וֶוערְט צוּ שְׁפַּאלְטֶן פוּן וֶועגִין אַגְרוֹסֶן שְׁטָארֶם וִוינְד אוּנ עֶס וֶוערְט דוּרְךְ דֶעם אַגְרוֹבֶר גְרִיבּ אִין דֶער עֶרְד אוּנ דֶער גְרִיבּ בְּלַייבְּט אָפֶען אָבֶּר דֶר גְרִיבּ פוּן קֹרַח אִיז גֶעוֶוען אַנְם דָם עֶס הָט זִיךְ גִיעֶפִינְט אַגְרוֹסֶר גְרִיבּ אוּנ הָאט אַיין גֶעשְׁלִינְגֶן פִיל לַייט אוּנ גִיצֶעלְטֶן אוּנ דֶר נָאךְ הָט עֶר זִיךְ צוּ גֶעמַאכְט אַזוֹ וִוי מֶען מַאכְט צוּ אַמוֹל אוּנ עֶס אִיז נִיט גֶעוֶוען צוּ דֶער קֶענִין וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרִיבּ

ליקוטי יקרים

(וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה בְּזֹאת תֵּדְעוּן) הָט מֹשֶׁה גֶעזָאגְט מִיט דֶעם וֶועט אִיר וִויסֶען אַז גָאט הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט צוּ טָאן דִיא אַלֶע זַאכֶען וָוס אִיךְ הָאבּ מַיין בְּרוּדֶר אַהֲרֹן גֶעמַאכְט פַר אַכֹּהֵן אוּנ הָאבּ דָם נִיט אוּם גֶעטְרַאכְט אוּם מַיין הָאָרֶץ. דֶר אַלְשִׁיךְ הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט וִוי אִיז דָם רַחֲמָנוּת פוּן מֹשֶׁה אַהִין גֶעקוּמֶן וָוס עֶר הָט וִויפִיל מָאל גֶעבֶּעטִין צוּ גָאט ב"ה פַר דִי יִשְׂרָאֵל אוּנ אַצוּנְד נִיט גֶענוּג עֶר הָט נִיט גֶעבֶּעטִין נָאר אַדְּרַבָּה עֶר אִיז זֵיי נָאךְ אַשׂוֹנֵא גֶעוָוארֶן אִיבֶּר דֶם זָאגְט דֶר פָּסוּק אֵיידֶר דָם מִשְׁפָּט

וֶועט אִין זֵיי גֶעשֶׁעהֶן הָט עֶר זֵיי נָאךְ אַמָאל אַיין הַתְרָאָה גֶעטָאן אוּנ הָט זִיךְ מִתְנַצֵּל גֶעוֶוען פַר דֶר גַאנְצֶר עֵדָה דָם אִיז גְלַייךְ צוּ אַקְרֶענְק וָוס מַאכְט זִיךְ אִין דִי הֶענְד אָדֶר אִין דִי פִים אַזוֹ וִוי אַגִישְׁוִויר אִיז דִיא טֶבַע פוּן דֶעם גִישְׁוִויר אַז עֶס זָאל זִיךְ צֶעשְׁפְּרֵייטֶן בִּיז דֶם הָאָרֶץ אוּנ דֶעמִילְט מוּז דֶר מֶענְשׁ שְׁטַארְבֶּן אַז דָם זֶעהְט אָבֶּר אַגְרוֹסֶר דָאקְטֶער הֵייסְט עֶר בַּאלְד דִי הַאנְד אָדֶר דֶם פוּם אָפּ שְׁנַיידֶן אֵיידֶר דָם גִישְׁוִויר צֶעשְׁפְּרֵייט זִיךְ אִיבֶּר דֶם גַאנְצֶן גוּף אוּנ דֶר דָאקְטֶר הֵייסְט נִיט מִיט דֶם אוּם דֶר

גְ'רִיבּ. דֶר בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דִי קִינְדֶער פוּן קֹרַח זֶענִין נִיט וָוארֶען גֶעטֵייט דֶען זֵיי זֶענִין אוֹיךְ אִין דֶעם גְרִיבּ אַרַיין גֶעפַאלֶען נָאר גָאט הָט גֶעמַאכְט אַהוֹיכֶען בַּארְג אִין דֶעם גְרִיבּ זֶענִין דְרוֹיף גֶעבְּלִיבֶּען דִיא קִינְדֶער פוּן קֹרַח אוּנ זֶענִין נִיט אַרָאפּ גֶעפַאלֶען אִין גֵיהִנָם דָאס זָאגְט דֶר פָּסוּק אִין פַּרְשַׁת פִּנְחָס (וּבְנֵי קֹרַח לֹא מֵתוּ) דִיא קִינְדֶער פוּן קֹרַח זֶענִין נִיט גֶעשְׁטָארְבֶּען אוֹיךְ שְׁרַייבְּט דֶער בְּחַיֵי קֹרַח אִיז וָוארֶען פַר בְּרֶענְט אִין דֶעם פַייֶער מִיט דִי צְוַויי הוּנְדֶערְט אוּנ פִיפְצִיג מַאן וָוס הָאבֶּען מַקְטִיר גֶעוֶועֶן קְטוֹרֶת הָאט זֵיי אַפַייֶער פַר בְּרֶענְט אוּנ קֹרַח אוֹיךְ צְווִישֶׁען זֵייא אַזוֹ הָאט גָאט אִים גֶעטֵייט מִיט צְוַוייא מִיתוֹת צוּם עֶרְשְׁטֶען אִיז עֶר וָוארֶען פַר בְּרֶענְט אוּנ דֶר נָאךְ אִיז עֶר וָוארֶען אַיין גֶעזִינְקֶען אִין דֶעם גְרִיבּ פוּן דֶעם גֵיהִנָם אוּנ זֵיי זֶענִין גֶעקוּמֶען אִין דֶעם טִיפֶען גְרִיבּ פוּן דֶעם גֵיהִנָם וָוס הֵייסְט שְׁאוֹל וָואס דָארְטֶען אִיז הַאלְבּ פַייֶער אוּנ הַאלְבּ הָאגֶעל אוּנ שְׁנֵיי אַזוֹ שְׁפְּרִינְגֶען דִיא רְשָׁעִים פוּן דֶעם פַייֶער אִין הָאגֶעל אוּנ פוּן דֶעם הָאגֶעל אִין פַייֶער אוּנ זֶענִין זֵייֶער מִיד אוּנ הָאבֶּען אֵייבִּיג קֵיין רוּהַ נִיט אוּנ דִיא פַּרְשָׁה לֶערִינְט אוּנְז דָס דֶר וָוס קְרִיגְט אַקֶעגִין דֶר תּוֹרָה דֶער הָט קֵיין חֵלֶק נִיט לְעוֹלָם הַבָּא דְרוּם זָאגְט דֶר פָּסוּק (וַיֹּאבְדוּ מִתּוֹךְ הַקָּהָל) זֵיי זֶענִין וָוארֶען פַר לוֹירֶען פוּן קָהָל יִשְׂרָאֵל דָאס זֵייא הָאבֶּען נִיט קֵיין חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא (נִמְנוּ לְקוֹלָם) דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דָס קֹרַח מִיט זַיין חַבְרוּתָא הָאבֶּען זֵייֶער גֶעשְׁרִיגֶען בְּשַׁעַת אַז זֵיי זֶענִין אַיין גֶעזִינְקֶען גֶעוָוארֶען דְרוּם זֶענִין כָּל יִשְׂרָאֵל אַנְטְלָאפֶען גֶעוָוארֶען זֵיי הָאבֶּען

זִיךְ זֵייֶער גֶעפָארְכְטֶען פַר דֶעם גֶעשְׁרֵיי פוּן קֹרַח מִיט זַיין עֵדָה זֵיי הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען מֹשֶׁה אִיז אֱמֶת אוּנ דִי תּוֹרָה אִיז אֱמֶת אַזוֹ ווִי דִי גְּמָרָא זָאגְט רַבָּה בַּר בַּר חָנָה זָאגְט אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין דֶר מִדְבָּר הָט צוּ מִיר גֶעזָאגְט אַסוֹחֵר קוּם אִיךְ וֶועל דִיר ווַייזֶען דָס אָרְט ווִי קֹרַח אִיז וָוארֶען אַיין גֶעזִינְקֶען אִין דֶר עֶרְד הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען אַשְׁפִּיז אוּנ הָאבּ אוֹיף דֶר שְׁפִּיז וָואל גֶעלֵייגְט אוּנ הָאבּ אִין דֶעם שְׁפַּאלְט אַרַיין גִיטָאן אַז אִיךְ הָאבּ אַרוֹיס גֶענוּמֶען אִיז גֶעוֶועֶן דִיא וָואל פַאר בְּרֶענְט פוּן דֶעם רוֹיךְ הָאט דֶער סוֹחֵר גֶעזָאגְט הֶער וָוס זֵיי זָאגֶען הָאבּ אִיךְ גִיהֶערְט דָאס זֵייא זָאגֶען גָאט אִיז אֱמֶת אוּנ מֹשֶׁה אִיז אֱמֶת דִי תּוֹרָה אִיז אֱמֶת אוּנ מִיר זֶענִין לִיגְנֶער אַזוֹ שְׁרַייעֶן אַלֶע רְשָׁעִים אִין גֵיהִנָם וֶוען מֶען בְּרֶענְט זֵייא גָאט אִיז גִירֶעכְט דֶען עֶר בַּצָאלְט אַלְץ מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה אוּנ ווַייל קֹרַח הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט הוֹיךְ הַאלְטֶען הָאט גָאט אִים נִידְרִיג גֶעמַאכְט אוּנ עֶר אִיז אִין דֶער עֶרְד וָוארֶען אַיין גֶעזִינְקֶען אוּנ דִי צְוַויי הוּנְדֶערְט אוּנ פִיפְצִיג מַאן וָואס הָאבֶּען גֶעבְּרַאכְט פַייֶער מִיט קְטוֹרֶת אוּנ זֵיי זֶענִין נִיט רָאוּי גֶעוֶועֶן דֶר צוּ דְרוּם זֶענִין אַלֶע וָוארֶען פַאר בְּרֶענְט אִין פַייֶער פוּן דַאגֶען זָאל זִיךְ אִיטְלִיכֶער מֶענְשׁ אָפּ לֶערְנִין צוּ זַיין גֶעוָוארִינְט נִיט צוּ קְרִיגֶען זִיךְ מִיט לַייטֶען. (פַּחִים צִפּוּי לַמִּזְבֵּחַ) גָאט הָאט גֶעבָּאטֶען צוּ מַאכֶען פוּן דִיא פַייֶער פַאנֶען אַבְּלֶעךְ צוּם מִזְבֵּחַ כְּדֵי מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען דָס דִי מֶענְשֶׁען הָאבֶּען גֶעוָואלְט קְרִיגֶען אוֹיף גָאט דְרוּם זֶענִין זֵיי פַר בְּרֶענְט גֶעוָוארֶען (כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְיָ בְּיַד מֹשֶׁה לוֹ) עֶס זָאל צוּ קֵיין מֶענְשֶׁען נִיט גִישֶׁעהֶען



ליקוטי יקרים

בַּארְמִיג אַדְרַבָּה דָס אִיז פַר גְרוֹס רַחֲמָנוּת וָוס עֶר הָט אוֹיף דֶם מֶענְשׁ עֶר זָאל נִיט שְׁטַארְבֶּען, אַזוֹ אִיז דָא אוֹיךְ גֶעוֶועֶן בַּיי דֶם קְרִיג פוּן קֹרַח וָוארוּם עֶר אִיז גֶעוָוארֶען אַיין אַפִּיקוֹרֶס אוּנ הָט גֶעלֵייקֶנְט אִין דֶר נְבוּאָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה אוּנ הָט גֶעזָאגְט אַז דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז נִיט פוּן הִימֶל גֶעגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען נָאר מֹשֶׁה הָט זִיא אוֹיס גִיקְלֶערְט פוּן הַארְץ אוּנ דִי קְרַאנְקְהֵייט פוּן דֶם אַפִּיקוֹרְסִית הָט זִיךְ אָן גֶעהוֹיבֶּען צֶעשְׁפְּרֵייטֶען צְווִישֶׁען דִיא יִשְׂרָאֵל וָוארוּם עֶס הָאבֶּען זִיךְ צוּ אִים בַּאהֶעפְט צְוַויי הוּנְדֶערְט

אוּנ פִיפְצִיג מַאן אוּנ זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מֹשֶׁה אוּנ הָאבֶּען אִים גִיפְרֶעגְט אַטַלִית וָוס אִיז אוֹיס תְּכֵלֶת צוּ עֶר אִיז חַיָּיב בְּצִיצִית אוּנ אַהוֹיז וָוס עֶס אִיז פוּל מִיט סְפָרִים צוּ עֶס בַּדַארְף הָאבֶּען אַמְזוּזָה אוּנ קֹרַח הָט זִיךְ נָאךְ מִיט דֶם נִיט גֶעלָאזְט בַּגְנִיגֶען אוּנ אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען צְווִישֶׁען דֶר גַאנְצֶער עֵדָה אוּנ הָט זֵיי גֶעוָואלְט מִיט זַיינֶע שְׁטוּתִים אִיבֶּער רֵיידֶען אַז זֵיי זָאלֶען אַלֶע צוּ שְׁטֵיין צוּ אִים אוּנ זָאלֶען קְרִיגֶן אוֹיף מֹשֶׁה אוּנ אַהֲרֹן, נִמְצָא וֶוען דֶם חוֹלַאַת פוּן דֶם קְרִיג זָאל זִיךְ חָלִילָה גֶעוֶועֶן צוּ שְׁפְּרֵייטֶען צְווִישֶׁען

אַזוֹ וִוי צוּ קֹרַח מִיט זַיין עֵדָה דָאס זַיי זֶענִין אַיין גֶעזִינְקֶן גֶעוָוארֶן נַייעֶרְט אַזוֹ וִוי גָאט הָט גִירֶעט אוֹיף דֶר הַאנְד פוּן מֹשֶׁה דָס זִיא אִיז מְצוֹרַע גֶעוָוארֶן ווייל עֶר הָאט גִירֶעט בֵּיין אוֹיף יִשְׂרָאֵל אַזוֹ אוֹיךְ וֶועט אִיטְלִיכֶען אוֹם גֵיין וֶוער עֶס וֶועט קְרִיגֶען אוֹיף דֶער כְּהוּנָּה (אַתֶּם הֲמִתֶּם אֶת עַם יְיָ) דִי יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן נָאךְ אַמָאל בֵּיין גִירֶעט אוֹיף מֹשֶׁה אוּנ אַהֲרֹן אוּנ זָאגֶן אִיר הָט גֶעטֵייט דָס פָאלְק פוּן גָאט פֶרְבְּרֶענְט דֶר רמב״ן אוּנ דֶר בְּחַיֵי דִי יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן גֶעזֶעהֶן דָס אַפַייֶער הָט זַיי פַר בְּרֶענְט אוּנ זַייא זֶענִין פַארֶען אַיין גֶעזִינְקֶן אוּנ וָואס הָאבֶּן זַיי נָאךְ בֵּיין גִירֶעט דֶר תֵּירוּץ אִיז דִי יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן גֶעזֶעהֶן דָם אַהֲרֹן אִיז רָאוּי צוּ זַיין אַכֹּהֵן ווייל גָאט הָט זַיין קָרְבָּן אָן גֶענוּמֶן נָאר זַיי הָאבֶּן גֶעוָואלְט דִיא בְּכוֹרִים זָאלֶען הִיטֶן אִין מִשְׁכָּן אוּנ זִינְגֶען גְלַייךְ וִוי דִי לְוִיִּם אוּנ דָס הָאבֶּן זַיי גֶעמֵיינְט (אַתֶּם הֲמִתֶּם אֶת עַם יְיָ) כְּלוֹמַר וָוארוּם הָט אִיר מְבַזֶּה גֶעוֶועזְן דִיא בְּכוֹרִים אוּנ הָט גֶענוּמֶן דִיא לְוִיִּם אוֹיף זַייעֶר אָרְט עֶס וָואלְט בֶּעסֶער גֶעוֶועזְן דָאס כָּל יִשְׂרָאֵל זָאלֶען הָאבֶּען אַחֵלֶק אִין דֶער דִינְסְט פוּן גָאט דֶען אִין אִיטְלִיכֶן שֵׁבֶט אִיז דָא בְּכוֹרִים אַזוֹ וֶועט זַיין אַכָּבוֹד צוּ כָּל יִשְׂרָאֵל אוּנ נִיט צוּ שֵׁבֶט לֵוִי אַלֵיין (כִּי יָצָא הַקֶּצֶף מִלִּפְנֵי יְיָ) אַזוֹ הָט זִיךְ בַּאלְד אָנְגֶעהוֹבֶּן אַמַגֵּפָה אוּנ עֶס זֶענִין גֶעשְׁטָארְבֶּן פִיל פוּן יִשְׂרָאֵל דֶר בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט אַמַלְאָךְ אִיז דָא וָואס הֵייסְט קֶצֶף דֶען אַז מֹשֶׁה אִיז אַרָאפּ גֶעגַאנְגֶן פוּן דֶעם הִימֶל אַז דִי יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן דָס עֵגֶל גֶעמַאכְט הָאבֶּן אִים בֶּעגֶעגְנְט פִינְף בֵּייזֶע מַלְאָכִים אַף אוּנ חֵמָה אוּנ קֶצֶף אוּנ הַשְׁמֵד אוּנ חָרוֹן אַזוֹ הָט מֹשֶׁה תְּפִלָּה גִיטָאן אוּנ הָאט דֶער מָאנְט אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב זֶענִין אַוֶועק גֶעלָאפֶן דְרַייא בֵּייזֶע מַלְאָכִים

אוּנ עֶס אִיז אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּן אַף אוּנ חֵמָה הָט מֹשֶׁה גֶעזָאגְט צוּ גָאט בֶּעשְׁטֵיי דוּא אַקֶעגֶין אַף אַזוֹ וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֵייט (קוּמָה יְיָ בְּאַפֶּךָ) אוּנ אִיךְ וֶועל בֶּעשְׁטֵיין אַקֶעגֶין חֵמָה אוּנ דָא בַּיי דֶר מַגֵּפָה אִיז גֶעקוּמֶען דֶר בֵּייזֶער מַלְאָךְ וָוס הָט גֶעהֵייסֶן קֶצֶף אוּנ הָט גֶעטֵייט פִיל פוּן יִשְׂרָאֵל (וַיַּעֲמוֹד בֵּין הַמֵּתִים וּבֵין הַחַיִּים) אַהֲרֹן הָט גֶענוּמֶן אַפַייֶער פַאן מִיט קְטוֹרֶת אוּנ אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער עֵדָה אוּנ הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט צְוִוישֶׁן דִי לֶעבֶּעדִיגֶע אוּנ צְוִוישֶׁן דִיא טוֹטֶע אוּנ דְרוּם זָאגְט עֶר נָאךְ אַמָאל (וּבֵין) דֶען עֶס וָואלְט גֶענוּג גֶעוֶועזֶן עֶס זָאל שְׁטֵיין (בֵּין הַמֵּתִים וְהַחַיִּים) צְוִוישֶׁען דִיא לֶעבֶּעדִיגֶע אוּנ דִיא טוֹטֶע נָאר דֶער פָּסוּק ווייזְט אוּנְז דָס לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְשֶׁן זֶענִין גֶעוֶועזֶן פָאר אַהֲרֹן אוּנ אוּנְטֶער אַהֲרֹן אוּנ עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין מִיטֶן צְוִוישֶׁן זַיי אוּנ אוֹיךְ טוֹטֶע זֶענִין גֶעוֶועזֶן פַר אַהֲרֹן אוּנ אוּנְטֶער אַהֲרֹן אוּנ עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין מִיטֶען צְוִוישֶׁען זַיי אוּנ מֶען הָט גֶעזֶעהֶן וִוי בַּאלְד אַהֲרֹן הָט גֶעבְּרַאכְט דִי קְטוֹרֶת הָט דִי מַגֵּפָה בַּאלְד אוֹיף גִיהֶערְט דֶען פְרִייער הָאט דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת גֶעטֵייט פִיל פוּן יִשְׂרָאֵל אוּנ הָאט דִיא טוֹטֶע אוֹיף אַהוֹפֶן גֶעלֵייגְט דִי לֶעבֶּעדִיגֶע זֶענִין בֶּעזוּנְדֶער גֶעבְּלִיבֶּן אָבֶּער וִוי בַּאלְד אַהֲרֹן אִיז גֶעקוּמֶען מִיט דִיא קְטוֹרֶת זֶענִין דִיא טוֹטֶע גֶעבְּלִיבֶּן לִיגֶען צְוִוישֶׁן דִי לֶעבֶּעדִיגֶע דֶען דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת הָט זִיךְ שׁוֹן נִיט גִיקֶענְט רִירֶען אֲפִילוּ צוּ לֵייגֶען דִיא טוֹטֶע אוֹיף זַייעֶר הוֹפֶען דִיא חֲכָמִים זָאגֶען אַהֲרֹן הָט גֶעפַּאנְגֶען דֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת דָאס עֶר הָט גֶעטֵייט פִיל לֵייט הָאט אִים אַהֲרֹן אָן גֶענוּמֶען בַּיי דִיא הֶענְד אוּנ הָט אִים מִיט גֶעוואַלְד אוֹיף גֶעהַאלְטֶען אוּנ הָאט אִים גֶעזָאגְט מֹשֶׁה הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט אִיךְ זָאל דִיךְ אוֹיף הַאלְטֶען הָט דֶר מַלְאַךְ הַמָּוֶת גֵיעֶנְפֶערְט

ליקוטי יקרים

אַלֶע יוּדֶן וָואלְטֶן דִי יוּדֶן חָלִילָה גֶעוֶועזְן אַלֶע פַר לוֹרֶען גֶעגַאנְגֶען אוּנ דִי וֶועלְט וָואלְט גֶעוֶועזְן אוּנְטֶער גֶעגַאנְגֶען אִיבֶּער דָם הָט מֹשֶׁה גֶעמוּזְט זַיין דֶר גֶעטְרַייעֶר דָאקְטֶער אוּנ זָאל זֶעהֶן אַז דָם גִישְׁוִויר זָאל נִיט קוּמֶען צוּם הַארְץ כְּלוֹמַר עֶר הָט קֹרַח פַר זֶעהֶן דָם זַיין אַפִּיקוֹרְסוּת זָאל נִיט גֵיין ווייטֶער אוּנ עֶס אִיז נִיט פַר הַאנְדֶען קֵיין גְרֶעסֶער רַחֲמָנוּת פוּן דֶם וָוארוּם דוּרךְ דֶם הָט עֶר דֶר הַאלְטֶען אַלֶע יוּדֶן זָאלֶען חָלִילָה נִיט אַפִּיקוֹרְסִים וֶוערֶען אוּנ דָם הָט מֹשֶׁה גֶעזָאגְט אִין דֶם פָּסוּק צוּ דִי יִשְׂרָאֵל עֶס זָאל אַייךְ נִיט קָשֶׁה זַיין וָוס אִיךְ וויל דָא דִיא דָאזִיגֶע פַר שְׁנַיידֶען וָוארוּם דוּרךְ זַייעֶר פַר שְׁנַיידֶען וֶועט אִיר בְּלַייבֶּען לֶעבֶּען:

גיענפערט איך בין אשליח פון גאט אונ דו ביסט אשליח פון משה האט אהרן אים גיענפערט טוט דען משה איין זאך אן גאטס דעה אוב דו ווילסט מיר ניט גלובן קום אין משכן דארטן איז דא גאט אונ משה וועלין מיר פרעגין זענין זייא גיגאנגען אונ האבען גיפרעגט רש"י שרייבט דרום הט מען דיא מגפה אוף געהאלטן מיט קטורת ווייל די ישראל האבן בייז גירעט אוף דיא קטורת זיי האבן געזאגט די קטורת זענין סם המות דען דורך זיי איז וואָרן געטייט נדב ואביהוא אונ די צוויי הונדרט אונ פופציג מאן דרום האט משה געהייסען אצונד ביי דער מגפה נעמען קטורת צו ווייזען דס קטורת האלט אוף איין מגפה ניט עס טייט נאר דר מענש טייט זיך אליין ווען ער איז ניט ראוי צו מקטיר זיין קטורת אונ איז דאך מקטיר דר ווערט געטייט אונ דיא ישראל האבן נאך בייז גירעט האטשע זיי האבן דריי שטראפינג געזעהן דאס אמאל פון זיי זענין פר ברענט געווארן אמאל זענין אין דר ערד איין געזונקן געווארן אמאל זענין אין דר מגפה געשטארבן האבן זיי דאך בייז גירעט דרום האט גאט געהייסן מאכן איין צייכן (מטה מטה לבית אב) מען זאל נעמען פון איטליכען שבט אשטעקין אונ מען זאל דיא שטעקין לייגן אין משכן פר דעם ארון אונ וועלכר שטעקין עס וועט בליען אונ עס וועט אוף אים אוף וואקסן פירות איבר נאכט דאס איז אסימן דס גאט בגערט אין דעם שבט צו זיין דינסט אין משכן דען קרח איז ווארען איין געזינקן ווס ער איז איין בכור געוועזן אונ דיא צוויי הונדרט אונ פופציג מענשן וואס זענין פר ברענט געווארן זענין אויך בכורים געוועזן אזו הט דס געוויזן דס די בכורים זענין ניט ראוי צו דינגען אין משכן נאר אהרן איז ראוי דען ער איז געשטאנען מיט זיין פייער פאן צווישן דיא צווייא הונדרט אונ פופציג מאן אונ איז לעבן געבליבן פון זיי אלע אונ פון דעסט וועגין האבען דאך דיא ישראל בייז גירעט ווארום מען הט פר ביטן די בכורים אוף דיא לוים אונ דורך דעם איז אוף זייא געקומן איין מגפה אונ עס זענין געשטארבן

פערצעהן טויזנט מיט זיבן הונדרט מאן חוץ די ווס זענין געשטארבן מיט קרח אונ נאך דעם אלימן האבן דאך די ישראל בייז גירעט דרום האט גאט געוויזען אסימן מיט דעם שטעקין אונ גאט הט געהייסן אוף איטליכן שטעקין אנשרייבן דעם נאמן פון זיין שבט אונ אוף דעם שטעקין פון שבט לוי דעם נאמן פון אהרן דען האטשע זיי זענין צוויי משפחות כהנים אונ לוים איז עס גערעכנט פר איין שבט אונ גאט האט געהייסן דעם שטעקין פון אהרן לייגן אין מיטן די שטעקין כדי מען זאל ניט זאגען ווייל דער שטעקין איז גילעגן נאהינט ביי דעם ארון דרום הט ער געבליהט. דער רמב"ן שרייבט אמייל זאגען מען האט דיא נעמן פון דיא שבטים אנגעשריבן אוף די שטעקין ראובן שמעון לוי אונ אמייל זאגען מען הט די נעמן פון די נשיאים אנגעשריבן אוף די שטעקין אונ אז עס איז געקומן צו מארגן פון דעם אנדערן טאג הט משה ארוס גענומן די שטעקין פון פאר גאט האט מען געזעהן דאס אוף דעם שטעקין פון אהרן הט אוף געוואקסן מאנדלן צו ווייזען אזו וויא מאנדלן וואקסן גיך אזו וועט גאט גיך שטראפן די ווס וועלין קריגן אוף דער כהונה (ויראו ויקחו איש מטהו) הט איטליכר דער קענט זיין שטעקין ווייל זיין נאמן איז דרויף געשטאנן אונ איטליכר הט זיך אפ גענומן זיין שטעקין אונ גאט הט געבאטען מען זאל דעם שטעקין פון אהרן לייגן אין אהל מועד צו אסימן צו די בייזע לייט זיי זאלען ניט קריגן אוף דער כהונה אונ דיא ישראל האבען געזאגט מיר זענין ווארען פר נאגן מיט דעם פייער פון דיא פייער פאנן אונ מיר זענין וואָרן פר לוירן מיט דעם שפאלטן פון דער ערד אונ מיר זענין ווארען פר לוירן אין דער מגפה דאס פערצעהן טויזנט זיבען הונדרט מאן זענין געשטארבן אונ נאך מער וועלין מיר שטארבן דען דר ווס גייט נאהינט אין משכן דר מוז שטארבן אונ וויא קענין מיר זיך היטן מיר מוזען דאך קומן אין משכן תפלה טאן אונ קרבנות ברענגען אונ ווען אייגער גייט צו נאהינטר מיט איין טריט ווי מען דארף אזו

מוז ער שטארבן הט גאט געענטפערט אהרן
אונ זיינע קינדר זאלען היטן דם די ישראל
זאלען ניט נאהינט גיין אין משכן אונ זאלען
ניט אן רירען אין ארון אונ אין שולחן אונ
אנדערע כלי קודש אהרן זאל לערנין צו
שבט לוי זייא זאלען ניט אן רירן אין כלי
קודש אונ די לוים זאלען לערנין צו ישראל
זייא זאלען ניט קומען צו זייער ארבייט צו
היטן אין משכן (לכם מתנה) גאט זאגט איך
האב געגעבן דיא לוים צו דיא כהנים פאר
אמתנה זיי זאלען היטן דם משכן כדי דאס
קיינער פון ישראל זאל ניט קומען צו דינן
אין משכן אונ האטשע שמואל הנביא איז
אלוי געוועזן אונ האט אריין אקרבן מקריב
געוועזן דאס איז נאר איין מאל געוועזן ווייל
עס איז גאנץ נייטיג געוועזן (עבודת מתנה)
איך האב אייך געגעבן די לוים צו אדינסט
פון כבוד אונ ניט צו ארבייטן מיט זיי אזו
וויא בעל מלאכות וואס ארבייטן ושווערע
ארבייט אונ מיאוסע (ואני הנה נתתי לך את
משמרת תרומותי) רש"י שרייבט די תורה
הט נישטעלט נאך דעם קריג פון קרח מען
זאל געבן תרומות אונ מעשרות עס איז
אמשל איין הער הט געגעבן אפעלד צו זיין
ליב האבר אונ הט קיין שטר ניט געשריבן
אונ ניט געחתמית אז דם פעלד זאל קערין
צו אים אזו זענין געקומען לייט אונ האבען
דרויף געקריגט אונ זאגען דם פעלד איז ניט
דיין אזו הט דער הער געשריבן איין שטר
אונ הט זיך געחתמית אונ זאגט היינט לאז
ווער קריגען דרויף אזו אויך די ישראל האבן
געקריגט אויף דער כהונה דרום האט גאט
געזאגט איך וועל דיא זאך שטארק מאכען
דאס דיא כהונה זאל בלייבן צו אהרן מיט
זיינע קינדר אונ האט געבאטן מען זאל זייא
געבן תרומה ומעשרות אונ פיר אונ צוואנציג
מתנות כהונה. אין דער פרשה איז געוויזען
וויא קריג מאכט בייזע זאכן דען דיא לייט
זענין וואָרען געשטראפט פון דעם הימל אונ
פון דר ערד דען דם פייער וואס הט זיי פר
ברענט איז געקומן פון דעם הימל אונ דער
נאך הט זיי די ערד איין געשלינגן אונ דרום
זאל מען זיך היטן פון צו קריגן ומיט לייטן
דר תולדות יצחק שרייבט פיל ניסים זענין
גישעהן בייא דעם שטעקין פון אהרן דאס
ערשטע איז דאס צוויי בליהינג איז געוועזן
אויף דעם שטעקין איין בליהינג איז אפ
געפאלען אונ עס הט מאנדלן דרויף געוואקסן
אונ דם אנדערע בליהינג איז געבליבן אייביג
אויף דעם שטעקין אונ מען הט געזעהן דעם
שטעקין מיט זיין בליהינג אין משכן אונ אין
מקדש נאך איין נס איז געוועזן דאס צווייא
מאנדלן זענין אויף דעם שטעקין געוועזן אייגר
אויף דר רעכטר זייט אונ איינר אויף דער
לינקר זייט דר מאנדל פון דר רעכטר זייט
איז געוועזן זיס אונ דר מאנדל פון דר לינקר
זייט איז געוועזן ביטר אונ ווען ישראל האבן
עבירות גיטאן האט דער מאנדל פון דער
רעכטר זייט זיין פארב פאר לוירן אונ איז
געווארן בלייך אונ דאר אונ דר מאנדל פון
דער לינקר זייט איז געווארען שיין אין זיין
פארב אונ איז געוועזן פייכט אונ ווען ישראל
זענין פרום געוועזן איז דער מאנדל פון דער
רעכטר זייט שיין געוועזן אין זיין פארב אונ
דער מאנדל פון דער לינקר זייט איז פאר
דארט אונ בלייך געוועזן אזו האט מען אין
דעם שטעקין גיקענט דר קענין ווען ישראל
זענין בייז אדר פרום:

## הפטרת קרח.

(ויאמר שמואל אל העם) שמואל הט געזאגט צום
פאלק לאמר גיין קיין גלגל אונ מיר וועלען
דארטען באנייען די מלוכה פון שאול דען עס
איז געוועזן פיל פון ישראל וואס האבן שאול מבזה
געוועזן אונ האבן געזאגט וואס וועט ער אונז העלפן
אבר אצונד אז ער הט זיי געהאלפן פון מלך נחש
האבן אים כל ישראל אויף גענומן צו ארעכטן
מלך אונ האבן געבראכט קרבנות צו גאט אונ
זענען זייער פריילך געוועזן הט שמואל צו זיי
געזאגט איך האב געטאן אייער ווילען אונ האב
אייך געגעבן אמלך אונ היינט וועט דר מלך גיין
פר אייך דען איך בין אלט, די חכמים זאגן שמואל
איז נאר אלט געוועזן צוויי אונ פופציג יאר אז ער
איז געשטארבן נאר גאט הט אים גרא געמאכט

מען זאל מיינען ער איז זייער אלט כדי מען זאל ניט זאגן אזא צדיק שמואל זאל אזו יונג שטארבן, ער הט געמוזט טאן עבירות אונ אין אמת הט שמואל תפלה געטאן ער זאל שטארבן אונ ניט זעהן ווי שאול וועט שטארבן ביי זיין לעבין דרום הט אים גאט גריין גרא געמאכט (הנני ענו בי נגד יי) שמואל זאגט איך האב אייך געדינט פון מיין יוגענד אן ביז אהער היינט זאגט פר גאט אונ פר שאול המלך ביי וועמין האב איך גענומען איין אוקס אדער איין איזיל ביי וועמין האב איך גענזילת אדער ביי וועמין האב איך גענומען מיט זיין גוטען ווילען דס איך זאל אים בעטין ער זאל מיר עפים שענקין אדר פון וועמין האב איך שוחד גענומען. אונ מיינע אוגין פר הולען פון אים אונ זאל אים ניט רעכט משפטין זאגט מיר אצונד וועל איך אייך אום קערין (ויאמרו לא עשקתנו) האבן זיי געזאגט דו האסט אונז ניט באנזילת אונ אונז ניט געבעטין מיר זאלען דיר עפים שענקין; אונ האסט פון קיינים פון אונז קיין זאך גענומען, הט שמואל געזאגט גאט זאל זיין איין עדות אונ שאול המלך זאל אוך זיין איין עדות אז איך האב אייך קיין אום רעכט געטאן (ויאמר שמואל) הט שמואל געזאגט צום פאלק גאט וואס ער הט באשאפן משה אונ אהרן אונ הט אייך אויף געבראכט פון מצרים דורך זיי דער זאל אויף מיר עדות זאגען אונ וויל שמואל הט געוואלט שטראפען די ישראל דרום הט ער פריער געזאגט אוב איר וועט וועלין צו מיר זאגען איך האב אייך באנזילת אונ ווי זאל איך אייך שטראפין עס איז ניט רעכט דר וואס הט בייזע מעשים אין זיך זאל אנדערע לייט שטראפין דרום היינט אז איר זאגט איך האב ביי אייך ניט גענומען מעג איך אייך שטראפין, קומט אהער מיר וועלין דר ציילען די טובות וואס גאט הט געטאן מיט אייך אונ מיט אייערע עלטערין צום ערשטין הט יעקב גענידערט קיין מצרים אונ די מצרים האבן געארבייט מיט די ישראל האבן אייערע עלטערין געשריגען צו גאט הט גאט געשיקט משה אונ אהרן אונ זיי האבן אום געצוגן די ישראל פון מצרים אונ גאט הט זיי באזעצט אין דעם היילינגען לאנד האבן זיי פר געסען אין גאט הט ער זיי איבר גיענפערט אין דר האנד פון פלשתים אונ אין דר האנד פון מואב (ויזעקו אל יי) אונ זיי האבן געשריגן צו גאט אונ געזאגט מיר האבן געזינדיגט אונ היינט בעטין מיר דיך לייז אונז אום וועלין מיר דיך דינען הט גאט געשיקט גדעון אונ שמשון הגבור אונ יפתח אונ שמואל אונ האבן אייך מציל געווען פון די בייזע אומות

דיא חכמים לערנין פון דאנען אפ אז יעדען ראש הקהל אין זיין דור אדר ארב אדר אביין זאל מען חשוב האלטן מען זאל ניט זאגן ער איז ניט גלייך צו יענים וואס איז פריער געוועזן אונ מען דארף אים ניט חשובר האלטען דם מאר מען אוך ניט דען מיר זעהן דא אין פסוק דס ער רעכינט משה אונ אהרן אונ שמואל וואס זענען זייער פרום געוועזן אונ זענען וואָרען גיזעצט איבר ישראל אונ גלייך צו זיי גדעון אונ שמשון אונ יפתח וואס זענען אוך וואָרען גיזעצט איבער ישראל חאטשע זיי זענען ניט גלייך געוועזן צו משה אונ אהרן אונ שמואל פון דעסט וועגען רעכינט זיי דר פסוק צו זאמען צו ווייזען מען זאל איטליכן רב אין זיין דור אזו ערליך האלטן אזו ווי דם גרוסן רב וואס איז געוועזן אין יענים דור. דיא חכמים לערנין פון דיזען אך דס דיא נביאים ריידען מיט זייער מול דיא נבואה אונ ווייסען ניט וואס זיי זאגען אזו ווי שמואל הט אליין גערייד אונ זאגט משה אונ אהרן אונ שמואל אונ ער וואלט געדארפט זאגען משה אונ אהרן אונ איך נאר ער הט ניט געוואוסט וואס ער רייד דען דיא שכינה הט פון זיין מול גערייד חאטשע ער איז געוועזן אהאר איבר אלע נביאים דאך הט ער ניט געוואוסט וואס ער רייד (ותראו) אונ איר הט געזעהן דם דר מלך פון עמון קומט אויף אייך הט איר צו מיר געזאגט איך זאל אייך מאכען א מלך הט אייך גאט געגעבן א מלך דם איז שאול וואס ער איז אצונד פר אייך (אם תיראו) אוב איר וועט אייך פארכטין פאר גאט אונ וועט האלטין זיינע מצות אזו וועט איר מיט אייער מלך אקיום האבין פר גאט (ואם לא תשמעו) אונ אוב איר וועט ניט צו הערין אין קול פון גאט אונ איר וועט ווידר שפעניגען אקעגן זיינע רייד אזו וועט גאטס שלאק זיין אין אייך אזוי ווי אין אייערי עלטערין. הט שמואל תפלה געטאן איז גנאנגין א גרויסר רעגין מיט דינרין אונ בליצין אזו האבין זיך דיא ישראל זייער גפארכטין פאר גאט אונ פאר שמואל (ויאמרו כל העם אל שמואל) אונ דאס גאנצי פאלק האבן גזאגט צו שמואל בעט גאט מיר זאלן ניט שטארבן וייל מיר האבן ביינ גרעט פאר גאט (ויאמר שמואל אל העם אל תיראו) האט שמואל גזאגט צו דעם פאלק פארכט אייך ניט נייארט זייט ווייטר פרום אונ דינט גאט מיט דעם גאנצן הארצן אונ גייט ניט נאך נאך דער ע"א וואס קאן ניט העלפין אונ קאן ניט מציל זיין (כי לא יטוש יי את עמו) דען גאט וועט ניט פר לאזין זיין פאלק פון וועגן זיין גרויסין נאמן כדי מען זאל ניט זאגין ער קען זייא ניט העלפין

דרום

דְרוּם וֶועט עֶר זַייא הֶעלְפִין כְּדֵי זַיין נָאמִין זָאל נִיט פַאר שְׁוֶועכְט וֶוערִין דֶער יַלְקוּט פְרֶעגְט אוּף אֵיין אוֹרְט שְׁטֵייט (בַּעֲבוּר שְׁמוֹ הַגָּדוֹל) גָאט טוּט אוּנְז נִיט פַאר לָאזִין פוּן וֶועגִין זַיין גְרוֹסְן נָאמֶן אוּנ אוּף אַנְדֶער אוֹרְט שְׁטֵייט (כִּי לֹא יִטּוֹשׁ יְיָ אֶת עַמּוֹ) גָאט טוּט אוּנְז נִיט פַר לָאזִין ווייל מִיר זֶענִין זַיין פָאלְק אוּנ זַיין אַרְבּ דֶר תֵּירוּץ אִיז אִין חוּץ לָאָרֶץ טוּט גָאט אוּנְז נִיט פַר לָאזִין ווייל מִיר זֶענִין זַיין פָאלְק אוּנ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל טוּט אוּנְז גָאט נִיט פַאר לָאזִין פוּן וֶועגִין זַיין גְרוֹסִין נָאמִין אַזוֹ זָאלִין מִיר זוֹכֶה זַיין דָאס גָאט זָאל אוּנְז נִיט פַאר לָאזִין פוּן וֶועגִין זַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶן אָמֵן:

## משלי יהודה

(כִּי לֹא יִטּוֹשׁ יְיָ אֶת עַמּוֹ וגו׳) דֶר מִדְרָשׁ זָאגְט פַר וָוס שְׁטֵייט אַמָאל (כִּי לֹא יִטּוֹשׁ וגו׳ בַּעֲבוּר שְׁמוֹ הַגָּדוֹל) אוּנ אַמָאל שְׁטֵייט (כִּי לֹא יִטּוֹשׁ וגו׳ וְנַחֲלָתוֹ לֹא יַעֲזֹב) זָאגְט ר׳ אֵיבוּ אַז דִי יִשְׂרָאֵל זֶענִין זַכָּאִין אִיז בַּעֲבוּר עַמּוֹ וְנַחֲלָתוֹ אַז זֵיי זֶענִין נִיט זַכָּאִין אִיז בַּעֲבוּר שְׁמוֹ הַגָּדוֹל אוּנ דִיא רַבָּנָן זָאגִין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז בַּעֲבוּר נַחֲלָתוֹ אוּנ אִין חוּץ לָאָרֶץ אִיז בַּעֲבוּר שְׁמוֹ הַגָּדוֹל דֶר עִנְיָן אִיז מִיר יוּדֶן זֶענִין בַּיי הַשֵּׁי״ת וִוי אַקִינְד בַּיי אַפָאטֶער אַז דָם קִינְד פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר זֶעצְט עֶר אִים גֶעבִּין זִיךְ אוּנ פְרֵייד זִיךְ מִיט אִים אוּנ דֶר לַאנְגְט אִים אַלֵיין מִיט זַיין הַאנְד צוּ עֶסִין גֶענוּג מִיט גְרוֹס אַהֲבָה אָבֶער חָלִילָה פַר קֶערְט בְּרֶענְגְט עֶר דֶם פָאטֶער אִין כַּעַס אַריין אוּנ חָאצְבִּי דֶר פָאטֶער הָט אוּף אִים רַחֲמָנוּת אוּנ גִיט אִים צוּ עֶסִין אָבֶר נִיט מִיט זַיין אֵייגִינֶע הַאנְד נָאר עֶר וַוארְפְט אַנִידֶר אַמָאל פַאלְט עֶס אַרָאפּ אוּנ עֶס וֶוערְט אֵיין גֶערִיכְט מִיט בְּלָאטֶע ווייל דָם פָאטֶער פַר דְרִיסְט הָט עֶר נִיט קֵיין הֲנָאָה פוּן זַיין עֶסִין אַזוֹ אִיז אַז מִיר זֶענִין גִיוֶועזְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָט הַשֵּׁי״ת אוּנְז גֶעגֶעבִּין דִי בְּרָכָה מִיַּד לְיַד בְּעַיִן יָפָה אוּנ הָט זִיךְ גֶעפְרֵייט מִיט זַיינֶע קִינְדֶר אָבֶר אַצוּנְד אוּנְטֶער טִירְקִן חָאצְבִּי עֶר גִיט אוּנְז פַּרְנָסָה אָבֶער זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּנ בִּיטֶר מִיט גְרוֹס עַצְבוּת דוּרְךְ ווייטֶע סִיבּוֹת וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין (יְחֶזְקֵאל י״ב) לַחְמָם בִּדְאָגָה יֹאכֵלוּ דָס אִין אֵיין עֵדוּת אַז נִיט מֵחֲמַת לִיבְּשַׁאפְט גִיט עֶר אוּנְז נָאר מֵחֲמַת זַיין גְרוֹס חֶמֶד ווייל הַשֵּׁי״ת הָט גֶעשְׁווֹארִין צוּ דִי אָבוֹת דֶערִיבֶּר אִיז אַגְרוֹיסֶר חִילוּק צוּ עֶר גִיט אוּנְז פַּרְנָסָה אוּנְז צוּ לִיבּ אָדֶר לְמַעַן שְׁמוֹ הַגָּדוֹל, דֶערִיבֶּר שְׁטֵייט אִין פָּרָשַׁת עֵקֶב (וַאֲהֵבְךָ וּבֵרַכְךָ וגו׳ שְׁגַר אֲלָפֶיךָ וגו׳ וּבִבְהֶמְתֶּךָ) עַל פִּי מָשָׁל אַז עֶס קוּמְט צוּ אֵיינִים אַגַאסְט וָוס עֶר אִיז אַגִיטֶער פְרַיינְד אוּנ עֶר פְרֵייט זִיךְ זֵייעֶר מִיט אִים גִיט עֶר אִים כָּל טוּב צוּ דֶר זֶעט אוּנ אִיז זִיךְ מְשַׂמֵּחַ מִיט אִים אוּנ אִיז אִים מְקָרֵב אֲפִילוּ זַיינֶע מְשָׁרְתִים אוּנ דֶם בַּעַל עֲגָלָה אוּנ גִיט דֶם פֶערְד אוּךְ צוּ עֶסִין אָבֶר אַז עֶס קוּמְט צוּ אִים אֵיין אִישׁ רָע וּבְלִיַּעַל חָאצְבִּי עֶר גִיט אִים אוּךְ עֶסִין מִכָּל טוּב אָבֶער נָאר ווייל עֶר מוּז אוּנ אוּף זַיינֶע מְשָׁרְתִים גִיט עֶר גָאר נִיט אַכְטוּנְג, דָס זָאגְט דֶר פָּסוּק וַאֲהֵבְךָ אַז עֶר וֶועט דִיךְ לִיבּ הָאבִּין וּבֵרַכְךָ וֶועט עֶר דִיךְ בֶּענְטְשִׁין אֲפִילוּ שְׁגַר אֲלָפֶיךָ דַיינֶע בְּהֵמוֹת וֶועלִין אוּךְ גִיבֶּענְטְשְׁט וֶוערִין צוּ לִיבּ דִיר:

# פרשת חקת.

(זֹאת חוּקַּת הַתּוֹרָה) דִיא תּוֹרָה הָט דְרוּם אָנְגֶעשְׁרִיבֶּן דָס וָוארְט חוּקַּת דָס אִיז טַייטְשׁ דִיא פָּרָה אֲדוּמָּה אִיז אֵיין גִיזֶעץ אוּנ אֵיין גֶעבָּאט פוּן גָאט אָן אֵיין טַעַם אוּנ אַטֵייל חֲכָמִים זָאגֶען גָאט הָאט גֶעבָּאטֶן צוּ מַאכֶן דִי פָּרָה אֲדוּמָּה זִי זָאל זַיין אַכַּפָּרָה אוּף דֶם עֵגֶל וָוס יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן גִימַאכְט אִין דֶר מִדְבָּר עֶס אִיז אַמָשָׁל אֵיין קִינְד פוּן דֶער שִׁפְחָה הָט אֵיין גִירֶעכְט דֶעם פַּאלֶעץ פוּן דֶעם הַאר זָאגְט דֶר הַאר לָאז קוּמֶן דִי מוּטֶער אוּנ זָאל רֵיין מַאכֶן דֶעם פַּאלֶעץ אַזוֹ אוּךְ זָאל קוּמֶן דִיא קִיה אוּנ זָאל זַיין אֵיין כַּפָּרָה אוּף דֶעם קָאלְבּ וָוס יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן גֶעמַאכְט אוּנ אַזוֹ וִויא יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן זֵייעֶרֶע אוֹעֶר רִינְגֶען אוּנ נָאז בַּאנְדֶען פוּן גָאלְד גֶעגֶעבֶּן (צוּם עֵגֶל אַזוֹ זָאלֶען זַייא אַלֶע גֶעלְד גֶעבֶּען צוּ קוֹפֶען אֵיין פָּרָה אֲדוּמָּה אוּנ דִי פָּרָה אִיז גֶעוֶועזֶן רוֹט צוּ מְכַפֵּר זַיין אוּף דֶעם עֵגֶל וָואס אִיז וָוארֶען גֶעמַאכְט פוּן גָאלְד וָוס אִיז רוֹט אוּנ זַיא אִיז גֶעוֶועזֶן אָן אֵיין מוּם ווייל דִיא יִשְׂרָאֵל זֶענִין פריר

### של״ה הקדוש

אִין דֶעם עִנְיָן פוּן פָּרָה אֲדוּמָּה וָוס זִיא אִיז מְטַהֵר טְמֵאִים וּמְטַמֵּא טְהוֹרִים קֶען מֶען דֶר פוּן אַרוֹיס נֶעמִין אַמוּסָר סַיי אִין עִנְיָן פוּן לִימוּד סַיי אִין עִנְיָן פוּן מַעֲשֶׂה. אִין עִנְיָן פוּן לִימוּד אִיז אַזוֹ וָוארִין דֶר מֶענְשׁ דַארְף קְלֶערִין מִיט זַיין הַשָּׂגָה אוּנ מִיט זַיין שֵׂכֶל וִוי ווייט זַיין מֶעגְלִיכְקֵייט דֶער מִיט אִיז עֶר מְטַהֵר זַיין חוֹמֶר אִין לַייטֶערְט אִים וֶוערְט דָאס גרופן

### אוהל יעקב

(זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה יְיָ לֵאמֹר) עֶס אִיז אַמָשָׁל אַגְרוֹיסֶער אָרִימַאן אוּנ אֵיין גְרָאבֶּער מֶענְשׁ נִיט קֵיין מְיוּחָס הָט אִים פְּלוּצְלוּנְג גָאט גֶעהָאלְפֶן עֶר אִיז גֶעוָוארֶען אֵיין עוֹשֶׁר אוּן הָט גֶעהַאט אַטָאכְטֶער הָט עֶר זִיךְ מִיט אִיר גֶעוָואלְט מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט דֶעם רַבְּס זוּן הָט עֶר גֶעשִׁיקְט רוּפֶען אַשַׁדְכָן אוּנ זָאגְט צוּ אִים אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבִּין שַׁדְכָנוּת גֶעלְד וִוי פִיל דוּ וֶועסְט אַלֵיין וֶועלִין אַבִּי דוּא זָאלְסְט גֵיין צוּ דֶעם רַב אוּנ זָאלְסְט מִיט אִים שְׁמִיסֶען ווענין

פריר גאנץ געוועזן אן איין מום אונ אז זייא האבן דם עגל געמאכט האבן זיי געקריגן איין מום אין זייער נשמה אונ דורך דער פרה וועלין זיי ווידר זיין גאנץ אן אמום אונ דרום הט אלעזר עוסק געוועזן אין דר פרה אדומה ניט אהרן ווייל ישראל האבען זיך איין געזאמעלט אויף אהרן צו מאכען דאס עגל אונ ווייל ער האט געמאכט דאס עגל דרום הט ער ניט גענדארפט מאכן די פרה אדומה. אונ מען הט דיא פרה פאר ברענט אונ מען האט גענומן צו דער פרה אדומה איין בוים פון טענין האלץ אונ איין רוטען פאדים אונ ווערמיל זייד אונ איין קרייטר אזוב די דריי זענין געוועזן אקעגין די דריי טויזנט מאן וואס זענין געפאלן פון ישראל איבר דעם עגל אונ דר טענין בום איז דר העכסטר פון אלע ביימר אונ אזוב איז דם נידריגסטע פון אלע ביימר צו ווייזען דער וואס הט עבירות גיטאן וואס דם קומט ווייל ער הט זיך הוך געהאלטן זאל ער זיך נידריג האלטען אזו וועט אים גאט מוחל זיין אונ דם אש פון דר פרה אדומה הט מען אייביג געהאלטן אזו ווי דיא עבירה פון דעם עגל איז ניט ווארען פר געבן ביז אייביג דען גאט

### של"ה הקדוש

גרופן מטהר את הטמא אבר אז ער וויל גיין אין טיפע זאכן וואס פון אים איז פר הולין איז גלייך ווי איינר קוקט אין דר זון ווען זיא שיינט שטארק ווערט אים דיא אויגען טונקיל ווערט עס גרופן מטמא את הטהורים. אונ אין ענין פון מעשה קען מען זאגן אזו נאך דעם ווי דער רמב"ם שרייבט אין שמונה פרקים אקעגן מדות פון מענשן וויא ער זאל זיך פירן אז ער זאל תמיד גיין אין מיטל וועג. היינו איין פזרן טוג ניט צו זיין אונ איין קמצן איז אויך איין שלעכטי מדה אונ אזו אויך אין אלע מדות זאל ער אום דער ווילען אן צו נעמין דעם דרך הממוצע. נאר ווען אז ער האט שון אפ געקערט פון דעם מיטלסטען וועג אונ ער דארף תשובה טאן זאל ער זיך ביינגן אין דער אנדערער זייט וויא ער איז פריר געוועזן צו גוואנט זאל ער אן נעמען דעם היפך ביז וואנען ער וועט געוואנט ווערן וועט ער זיך נאך דעם קענען שטעלען אויף דעם מיטל פונקט. נמצא דער וואס איז גאנץ אין די מדות אונ ער וויל זיך נעמן צו
גיין

בעצאלט אויף דר עבירה אין אלע דורות, אונ אזו וויא דאס עגל האט ישראל מטמא געוועזן ווייל עס איז איין ע"א געוועזן אזו הט די פרה מטמא געוועזן ווער עס הט אין איר עוסק געוועזן אונ אזו ווי מען הט פר ברענט דם עגל אונ מען הט דם אש פר שפרייט אויף וואסר אזו הט מען ביי דר פרה אויך גיטאן צו ריינגן די לייט אונ אויף דר פרה אדומה הט שלמה המלך געזאגט איך האב געמיינט איך בין גאנץ קליג אבר די חכמה פון דר פרה אדומה קאן איך ניט פר שטיין חאטשע דר פסוק זאגט דם אז שלמה איז קליגר געוועזן פון דיא בני קדם וואס זייער חכמה איז מיט די מזלות אין הימל אונ טוען חכמות מיט דיא פייגל וום פליהן אונטער דעם הימל אונ אויך איז שלמה קליגר געוועזן פון דיא מצרים דען אז שלמה המלך האט געוואלט בוען דאס בית המקדש האט ער געשיקט צום מלך מצרים ער זאל אים שיקען בעלי מלאכות צו מוערן דאס בית המקדש ווייל דארטען איז דא גוטע בעלי מלאכות מוערער הט דר מלך מצרים איין געזאמעלט זיינע שטערן זעהר זייא זאלען זעהן וועלכער מענש ער וועט דאס יאר שטארבן

### אוהל יעקב

נעגין זיין זון ער זאל זיך מיט מיר משדך זיין איז דער שדכן געגאנגן צו דעם רב אונ האט מיט אים געשמועסט וועגין דעם שידוך חאטשע דיא זאך איז דעם רב ניט געוועזן צום הארצען וואררום ער האט קיין מאל מיט דעם גראבן מענש ניט גירעט קיין צוויי ווערטער נאר דר שדכן מיט זיינע גלאטע רייד האט ער דעם רב איבער גירעט אונ זיי האבן זיך ביידע משדך געוועזן אז עס איז געקומן נאך דער חתונה זעהט דער מענש אז דער רב רעט מיט אים ניט קיין שום ווארט הט ער זיך זייער פאר וואונדערט וויא האט זיך דאס געטראפן אזעליכם אז צוויי מחותנים זאלען זיין אזו וויא פרעמד איינער פון דעם אנדערען אז איינער זאל מיט דעם אנדערען ניט וועלין ריידן איז דער רב פון די רייד געוואר געווארן האט דער רב באפולען צום מחותן אז ער האט אטעות ער מיינט אז דער שידוך מיט מיר איז גלייך פון ביידע צדדים אונ אז דער שידוך איז גלייך האט ער רעכט וואס ער פר וואונדערט זיך וואס איך רייד מיט אים ניט אבר אין אמת איז זיך ניט אזו עס איז נאר דער היפך וום איך רעט ניט מיט אים איז רעכט ווארען ווס האב איך מיט אזו א פראסטן מענשן איך זאל מיט אים ריידען חאטשע איך האב מיך מיט אים משדך געוועזן אפשר איז אים דם קשה וואס איך האב מיך מיט
אים

שטארבן דיא האט ער געשיקט צו שלמה המלך אונ ווי באלד שלמה האט זייא דער זעהן האט ער געזאגט דיא אלע זענין טוטע לייט דען ער האט דער קענט דס זיי וועלין דס יאר שטארבן אזו האט ער זיי געמאכט תכריכין אונ האט זיי אפ געשיקט צום מלך מצרים אונ האט אים געהייסן זאגען האסטו דען ניט געהאט תכריכין צו בעגראבן זייא ווס דו האסט זיי געשיקט צו מיר אונ אוך שלמה איז קליגר געווען פון אדם הראשון ווס ער איז קליגר געווען פון דיא מלאכים דען אז גאט האט געוואלט בעשאפען דעם מענשן האט ער זיך בעראטן מיט די מלאכים האבן די מלאכים צו אים געזאגט נאך ווס זאלסטו בעשאפן דעם מענשן ער זאל זינדיגן פר דיר האט גאט געזאגט ער וועט זיין קליגר פון אייך אזו האט גאט איין געזאמילט אלע חיות אונ בהמות אונ עופות אונ פרעגט די מלאכים ווי אזו מען זאל זייא אנאמען געבן האבן זיי ניט געוואוסט! ווס צו ענפערן אונ אז גאט האט בעשאפן דעם מענשן האט ער אים גיפרעגט ווי אזו מען זאל זיי רופן האט ער איטליכן אנאמען געגעבן וואס זאיז גאט געפעלן האט גאט אים גיפרעגט ווי זאל מע דיך רופן זאגט ער אדם ווייל איך בין וואָרן בעשאפן פון דר ערד האט אים גאט גיפרעגט ווי אזו איז מיין נאמן זאגט ער (אדני) ווייל דו ביסט דער האר פון אלע וועלטן אונ שלמה המלך איז געווען קליגר פון אברהם אונ פון משה רבינו אונ אוך פון יוסף הצדיק דען דענסטמאל אז מען האט געוואלט יוסף צו אשליט מאכען אזו האט מען געשריבן זיבציג בריף אוף אלע זיבציג לשונות אונ יוסף האט זיי גיקענט לייגען אונ האט זיי פר שטאנען אונ לשון הקודש האט יוסף גיקענט נאך מער פון די מצרים דען זיי האבן קיין לשון הקודש ניט גיקענט אונ דיא מצרים זענין ניט גערן געווען דם יוסף זאל אשליט ווערין דרום האבן זייא אים געפריבט מיט דיא בריף נאר גאט האט געשיקט גבריאל האט ער אים אום גילערינט אלע זיבציג לשונות אונ שלמה המלך איז קליגר געווען פון זיי אלע אונ האט דאך ניט גיקענט פאר שטיין דעם טעם פון דר פרה אדומה (הנוגע במת וגו' הוא יתחטא בו) פון דאגן לערנין מיר אפ ווען איינר האט מלוה געווען אמת

זאל

### אוהל יעקב

אים משדך געווען דאס איז אזו אקשיא וואס עס איז אוף דעם קיין ענטפר ניט דא דער במשל איז גאט האט זיך משדך געווען מיט דעם מענשן וואס איז אקליינע בריה אונ האט דעם מענשן געגעבן איין טייערע תורה אונ אז דער מענש לערינט די תורה אונ געפינט אין דער תורה אזעלכע זאכען וואס איז פאר הולען דיא טעמים פון זייא פאר וויגדערט זיך דר מענש אוף דעם פר וואס גאט האט גיט באשייד זיינע רייד אקאראט מען זאל זייא פר שטיין אוף דעם ענפערט גאט אז דער מענש האט אטעות ער מיינט דער שידוך וואס גאט האט זיך משדך געווען מיט אים איז גלייך פון ביידע צדדים דרום איז דעם מענשן קשה פר וואס גאט האט אים ניט געגעבן צו פר שטיין די תורה אבער דר אמת איז ניט אזו עס איז גאר דר היפך צו גאט איז אכבוד ער זאל זיינע זאכען פאר בארגן אונ ווס ער האט זיך משדך געווען מיט דעם מענשן אונ האט אים געגעבן דיא תורה דאס איז איין פאר בארגינע זאך דארף מען ניט פרעגין אוף דעם דאס זאגט דער פסוק (זאת חקת התורה אשר צוה יי' לאמר) די תורה ווס גאט האט געגעבן דעם מענשן איז אחוק מען האט ניט קיין רשות נאך צו קלערין דעם טעם דער פון פר ווס גאט האט זיך משדך געווען מיט דעם מענש אונ האט אים געגעבן דיא תורה:

### של"ה הקדוש

גיין אונ בייגן זיך נאר אין איין זייט ווערט דאס אן גרופן מטמא הטהור אבער אז ער איז איין בעל תשובה וואס דאמאלס דארף ער זיך נעמן נאר אין דער אנדערער זייט פון די מדה פון פריר ביז וואנען ער וועט איין געוואונט ווערן אפ צו שטיין פון זיין פריערדיגען מנהג מעג ער אזו טאן אין דאס ווערט אן גרופן מטהר את הטמאים אז ער איז פריר געווען אטמא מעג ער זיך אין די מדות יא פירן צו טאן פריר אצייט דעם היפך פון פריר אונ ער איז זיך דאך דער מיט מטהר:

(הוא יתחטא בו ביום השלישי וביום השביעי יטהר) אין דעם פסוק קען מען זאגען ארמז ווען אוך הייגטיגע צייטען איז די אפר פרה ניט פאר האנדען פון דעסט וועגען קען זיך דער מענש מטהר זיין אז ער וועט דבוק זיין אין התמדת התורה אונ ער וועט לערנין אליין אונ מיט אנדערע אוף דיא דעה לשמור ולעשות ולקיים ווארום דיא חכמים ז"ל האבען געזאגט יומו של הקב"ה אלף שנים דיא כוונה זייערע איז אז דיא שבעת ימי בראשית ווייזט דס אוף זעקס טויזענט

יאר

זאל ער זיינע הענט וואשן אויך ווייזט דער פסוק דם דיא מתים וועלין אויף שטיין צו תחית המתים אונ גאט וועט שפרענגן ריין וואסר אויף ישראל צו ריינגן זיי אונ דרום רייכן מיר אום גראז אויף דעם בית הקברות צו ווייזן אזו ווי דם גראז ווערט פר נאכט פר דארט אונ אין דער פריה וואקסט עס ווידר פון דער ערד אזו וועלין דיא מתים אויף שטיין צו תחית המתים (אדם כי ימות באהל) ר' יוחנן זאגט איין מענש זאל זיך ניט פר מיידן פון דר תורה אפילו בשעת מיתה. (ותמת שם מרים) מרים איז אויך געשטארבן דורך דעם קישן פון גאט נאר דר פסוק שטעלט עס ניט ווייל זי איז איין אשה געוועזן ר' ינאי זאגט דרום שטייט די מיתה פון מרים נאהינט ביי דר פרשה פון פרה אדומה צו ווייזן דאס דיא מיתה פון צדיקים איז מכפר אויף ישראל אזו ווי די פרה אדומה (ולא היה וגו') פערציג יאר האבן ישראל געהאט וואסר פון וועגן דעם זכות פון מרים אונ אז זיא איז געשטארבן האבן ישראל קיין וואסר ניט געהאט דען די פרימע ווייבר זענין גיגלעכן צו אקוואל ברינע אזו וויא איין קוואל וואס מער מען שעפט פון איר מער ווערט אין איר וואסר אזו אויך די ווייבר וואס מער זיי געבן צדקה אונ טאן גמילות חסדים מיט זייער געלד מער האבן זיי פיל געלד אונ מיר געפינען דם צו אונזערע עלטערן הט זיך בעוויזן זייער זיווג ביי דר ברינע. יצחק הט געשיקט אליעזר איז אים רבקה אקעגין געקומען ביי דער ברינע. יעקב איז אים רחל אקעגין געקומן ביי דער ברינע. משה הט צפורה ביי קומן ביי דער ברינע דען די ווייבר האבן ווייניג מצות נאר צדקה צו געבן דרום זענין זייא דר מיט גיגלעכן צו אברינע אונ ווי באלד דיא ברינע הט זיך אפ גיטאן האבן זיך כל ישראל איין גענאמילט אויף משה אונ אהרן אונ זייא האבן געטרוערט אויף מרים האט גאט צו זיי געזאגט ווייל איר זענט אבלים זאלען כל ישראל שטארבן פאר דארשט שטיי אויף נעם דעם שטעקין אונ גיב וואסר צו ישראל (קח את המטה) נעם דעם שטעקין דער שטעקין איז געוועזן אין דער האנד פון יעקב דם ער האט געזאגט מיט מיין שטעקין בין איך איבער געפארן דעם ירדן אונ דער שטעקין איז געוועזן אין דער האנד פון יהודה דאס תמר האט צו אים געזאגט גיב מיר דעם שטעקין פר אמשכון אונ דער שטעקין איז געוועזן אין דער האנד פון משה ער הט מיט אים גיטאן אלע צייכן אין מצרים אונ דר שטעקין איז געוועזן אין דר האנד פון אהרן דם ער הט אים געמאכט פר אשלאנג פר פרעה אונ דר שטעקין איז געוועזן אין דר האנד פון דוד המלך ער הט מיט אים געהרגית גלית הפלשתי אונ דער שטעקין איז געוועזן אין דער האנד פון אלע מלכים ביז דאס בית המקדש איז חרוב געווארן אונ דר שטעקין וועט זיין אין דער האנד פון משיח (אנחנו ובעירנו) וואל צו די צדיקים וואס זייערע בהמות זענין אויף זיי געליבט גלייך וויא זייער גוף דען זיי האבן געזאגט לאזען מיר ניט שטארבען! פאר דארשט מיר אונ אונזערע בהמות אונ אויך אזו געפינן מיר ביי יעקב דאס ער האט געזאגט צו יוסף גייא זעה דעם שלום פון

דיינע

## של"ה הקדוש

יאר וואס די וועלט וועט שטיין אונ דער זיבעטער טויזנט וועט זיין חרוב דאס ווייזט אויף דעם עולם שכולו שבת נמצא אז איטליכר טאג פון שבעת ימי בראשית ווייזט אויף איין טויזנט יאר וואס די וועלט שטייט אונ די תורה איז געגעבן געווארען אין אלף השלישי דאס איז אקעגן דעם יום שלישי פון שבעת ימי בראשית. הייסט דם אזו דער וואס ריינגט זיך מיט דעם לימוד פון דער תורה וואס זי איז געגעבן געווארן אין יום שלישי פון שבעת ימי בראשית אונ איז עוסק אין מצות דערמילט וועט ער דעם יום השביעי זיין ריין דאס הייסט עס וועט נגמר ווערין זיין טהרה אין עולם הבא וואס ער הייסט דער יום השבת אבער ח"ו אז ער וועט זיך ניט ריינגען דעם יום השלישי וועט ער דעם יום השביעי ניט ווערן ריין ווארום דער וואס האט ניט אן געגרייט אים ערב שבת האט ניט וואס צו עסין אים שבת:

דיינע ברודר אונ דעם שלום פון די שאף (והשקית את העדה ואת בעירם) גאט זאגט צו משה דו זאלסט אום ציהן וואסער פון דעם שטיין צו אן טרינקען דיא עדה אונ זייערע בהמות פון דאנען לערנין מיר אפ דס גאט הט חס אויף דעם געלד פון ישראל דען ער גלייבט דיא בהמות צו זייא מיט וואסער געבן (אל פני הסלע) משה הט איין גזאמילט כל ישראל פר דעם שטיין אין דעם איז געוועזן איין גרויסר נס אז דס ארט פון דעם שטיין וואס איז גאר קליין געוועזן זענין ארום אים געשטאנען כל ישראל אונ עס איז געוועזן צווישן ישראל פיל רשעים וואס האבן געזאגט צו משה דו ביסט געוועזן אפאפטעק פערציג יאר אין דער מדבר דרום ווייסטו דאס דער שטיין הט אין זיך וואסער אונ דרום שלאגסטו אים צו געבן וואסער אבר עס איז ניט קיין נס אזו האט גאט אויף זיי גיצערינט אונ הט אום געצוגן פיל וואסער. פון דעם שטיין אונ האט דער טרענקט פיל רשעים אזו ווי ביי דעם מבול (ודברתם אל הסלע) איר זאלט ריידן צום שטיין ער זאל געבן וואסער נאר זייא האבן אים ניט דר קענט דען ווי באלד די ברינגע האט זיך אפ גיטאן איז דער שטיין אוועק געגאנגען אונ הט זיך בעזעצט צווישן אנדערע שטיינר אונ זיי האבן ניט געוואוסט וועלכר ער איז אזו האבען דיא ישראל געזאגט צו משה ווען גאט האט אונז געהייסען וואסער געבן אזו גיב אונז וואסער פון וועם פאר איין שטיין עס איז הט משה אין זיי אנגעשריגן אונ הט צו זיי געזאגט איר ווידר שפעניגר קען איך דען אייך געבן וואסער פון אזו איין שטיין וואס גאט האט ניט געבאטן (ויך את הסלע וגו') אונ משה האט געשלאגן דעם שטיין מיט זיין שטעקין צוויי מאל דען פון דעם ערשטן קלאפ איז נאר געגאנגן וואסער טראפן ווייז ווייל ער הט ניט געפינן דעם רעכטן שטיין אזו הט משה גירעט צו איין אנדערן שטיין ער זאל וואסער געבן דען ער הט געמיינט דאס איז דער שטיין אונ דער שטיין האט קיין וואסער ניט גגעבן האט משה געמיינט מען מוז אים שלאגן אזו ווי ביי דעם ערשטן מאל אונ הט אים אנגעהובן צו שלאגן אזו האט גאט צו געשיקט דעם רעכטן שטיין אונ ווייל משה איז געשאפט געווארן ניט צו שלאגן דעם שטיין דרום הט דער שטיין ניט געוואלט געבן קיין וואסער דורך דעם שלאגן נאר אז משה האט אים געשלאגן דאס אנדערע מאל האט ער פון כבוד משה וועגין שון געגעבן גענוג וואסער אונ משה האט אום געצוגען וואסער פון אין מיטן שטיין דרום הט ער זיי געוויזען דאס עס איז איין נס עס גייט וואסער פון אין מיטן שטיין אונ דם וואסער הט גרינען פיל טייכן ווייט אונ ברייט דען עס איז ניט מעגליך געוועזן כל ישראל מיט זייערע בהמות זאל טרינקן פון דעם שטיין אליין אונ גאט הט געהייסען משה זאל אליין כל ישראל מיט זיין האנד אן טרינקן כדי צו ווייזען דם גרויסע נס נאר דיא ישראל זענין זייער דארשטיג געוועזן אונ האבן געאיילט אליין צו טרינקן (יען לא האמנתם וגו') גאט זאגט צו משה אונ אהרן ווייל איר הט אין מיר ניט געגלייבט צו היילגען מיך אקעגין ישראל דרום וועט איר ניט קומן קיין ארץ ישראל אונ חאטשע משה הט גירעט אקעגין גאט אז די ישראל האבן געוואלט פלייש הט משה געזאגט צו גאט ווען אפילו דו וועסט זייא אלע שאף אונ אלע ריינדר קולען וועט דען זייא גענוג זיין אונ דאס איז אגרויסע עבירה צו זאגען גאט קען ניט גענוג פלייש געבן מער ווי דם ער הט ניט גירעט צום שטיין נאר ער הט אים געשלאגן אונ וואורום הט גאט דריבר ניט געשטראפט צו משה ער זאל שטארבן אין דער מדבר דם איז ווייל די עבירה פון דעם שטיין איז געוועזן פאר כל ישראל איז דאס געוועזן אחילול השם אונ אויף אלע עבירות איז גאט מוחל נאר אויף דר עבירה פון חילול השם איז גאט ניט מוחל אונ דם איז געוועזן דער חילול השם דען ווען ער וואלט גירעט צום שטיין ער זאל געבן וואסער אונ ער וואלט געגעבן וואלטען כל ישראל געזאגט ווען אשטיין וואס רעט ניט אונ הערט ניט טוט דען ווילען פון גאט מכל שכן מיר וואס מיר ריידן אונ הערן אונ מיר דארפן

גאט זאל אונז געבן עסין דארפן מיר בודאי
טאן דעם ווילען פון גאט אזו וואלט עס
געווען איין קידוש השם אונ די חכמים זאגן
די עבירה פון משה איז געווען וואס ער האט
גיצערנט אקעגין ישראל אונ האט זיי גערופן
ווידר שפעניגר דען די מדה פון צערנן איז
די ערגסטע מדה פון אלע מדות אונ אז די
ישראל האבן געזעהן דאס משה איז ברוגז
ביי דעם וואסר האבן זיי געמיינט דס גאט
האט צו משה אוך מיט רוגז גיענפערט צו
געבן וואסר גלייך וויא עס איז שווער ביא
גאט צו געבן וואסר דען ווען מען וויל עפיס
פון איינעם האבן אונ ער הט עס ניט צערינט
ער ווס מען בגערט עס פון אים דרום איז
גאט אוך משה ברוגז געוועזן אונ הט געשווארן
ער זאל ניט קומען קיין ארץ ישראל אונ
חאטשע משה הט גרוסע תפלות גיטאן הט
דאס אים ניט געהאלפען ווייל גאט האט
געשווארן אונ אטייל חכמים זאגן זייער
עבירה איז געוועזן וואס זייא האבען געזאגט
(נוציא לכם מים) מיר וועלין אייך אום ציהן
וואסר אזו האבן ישראל געמיינט דם משה
אונ אהרן ציהן אום וואסר פון דעם שטיין
מיט זייער חכמה אונ עס איז ניט קיין נס
דרום איז גאט אוף זייא ברוגז געוועזן ווייל
זיי האבן זיך הוך געהאלטן אונ דיא גדולה
אן געהאנגען אן זיך אונ משה האט גיבעטן
גאט ער זאל אנשרייבן ווס פר איין עבירה
ער הט גיטאן כדי מען זאל ניט זאגן ער
איז דרום געשטארבן אין דר מדבר גלייך
וויא אלע ישראל ווייל ער האט אזו איין
עבירה גיטאן ווי כל ישראל דרום שטייט
ווייל איר האט ניט געגלויבט אין מיר צו
הייליגן מיך פר כל ישראל וועט איר ניט
קומן קיין ארץ ישראל אונ גאט הט געזאגט
צו משה זעקס הונדרט טויזנט מאן האסטו
אוס געצוגן פון מצרים אונ זייא זענין אלע
געשטארבן אין דער מדבר נאר זייערע
קינדר וועלין קומן קיין ארץ ישראל דרום
מוזט דו שטארבן אין דר מדבר אונ זאלסט
ביי זיי ליגען כדי דו זאלסט זיי ברענגן אין
דיא טעג פון משיח קיין ארץ ישראל אזו
זאגט ר' חמא בן חנינא גאט הט געזאגט דם
פאלק וועסטו ניט ברענגן קיין ארץ ישראל
אבר איר וועט ברענגן כל ישראל אין דיא
טעג פון משיח קיין ארץ ישראל (המה וגו')
דאס איז דאס וואסר ווס משה איז ווארען
דורך אים געשלאגן דען די שטערין וועהר
פון פרעה האבן געזאגט צו פרעה עס וועט
געבארן ווערין אהעלפר צו ישראל אונ ער
וועט געשלאגן ווערין דורך וואסר דרום הט
פרעה געהייסן אלע זכרים פון ישראל
ווארפען אין טייך אריין כדי מען זאל דעם
העלפר אוך אין טייך אריין ווארפן אבר
זיי האבן ניט געוואוסט אז דאס וואסר איז
געמיינט די עבירה פון דעם שטיין (ויקדש
בם) ווייל משה אונ אהרן זענין געשטארבן
איז גאט ווארען געהייליגט דורך דעם דען
די רשעים האבן געזאגט ווען גאט טוט דין
אונ משפט אין די צדיקים מכל שכן דאס
ער וועט אונז שטראפען. (וישלח משה
מלאכים) משה הט געשיקט שליחים צום
מלך אדום צו זאגען אים ער זאל לאזען די
ישראל דורך גיין דורך זיין לאנד אונ חאטשע
משה איז געשטראפט געווארן דורך ישראל
וואלט ראוי געוועזן ער זאל זייא ניט בעדינגן
מיט שליחים שיקן פון זייערט וועגן פון
דעסט וועגין הט ער דאך געשיקט שליחים
צום מלך אדום אונ אזו האט משה צו אים
געזאגט דו ביסט דאך אונזער ברודער פון
יצחק מיר האבען געזאלט ביידע זיין אין
גלות מצרים דען אוף אונז ביידע הט גאט
געזאגט צו אברהם דיינע קינדר וועלין זיין
גרים אין אפרעמד לאנד אונ דרום הט זיך
דיין פאטר אפ געשייד פון יעקב דען ער
הט ניט גיוואלט ליידן קיין גלות אונ צו אונז
הט מען שלעכטס גיטאן אין מצרים (וישמע
קולנו) אונ גאט הט צו גיהערט אונזר קול
דען אונזר פאטר יצחק הט גיבענשט אונזר
פאטר יעקב מיט (הקול קול יעקב) דאס
ווען מיר וועלין שרייען אין אונזער תפלה
אונ תורה דורך דעם וועט אונז גאט אום
לייזען פון דיא צרות (נעברה נא בארצך)
מיר וועלין איבר פארען דיין לאנד אונ פר
זאג עס אונז ניט דען ווייל דו האסט אונז
ניט געהאלפן ליידן דאס גלות דרום העלף

אוּנ דיינְט מִיט דֶר קְלֵיינֶר זַאךְ (לֹא נַעֲבֹר בְּשָׂדֶה וּבְכֶרֶם) מִיר וֶועלִין נִיט אִיבֶּר פָּארֶן אִיבֶּר אֶפֶּעלְד אוּנ נִיט אַיין גָּארְטְן (וְלֹא נִשְׁתֶּה מֵי בְאֵר) אוּנ מִיר וֶועלִין נִיט טְרִינְקְן דָאס וַואסֶער פוּן אוּנְזֶערֶע בְּרוּנֶע כְּלוֹמַר הָאטְשֶׁע מִיר הָאבְּן מָן צוּ עֶסְן אוּנ אוּנְזֶער בְּרוּנֶע צוּ טְרִינְקֶען פוּן דֶעסְט וֶועגְן וֶועלִין מִיר דֶר פוּן נִיט עֶסְן אוּנ טְרִינְקְן נָאר מִיר וֶועלִין פוּן אַייךְ פַּר גֶעלְד קוֹפֶען וַואסֶר אוּנ בְּרוֹט צוּ גֶעבְן אַייךְ גֶעלְד צוּ לֵייזְן פוּן דָאנֶען לֶערְנִין מִיר אַז וֶוען אֵמֶענְשׁ קוּמְט אוֹף אַהַארְבֶּערִיג הָאטְשֶׁע עֶר הָט מִיט זִיךְ צוּ עֶסְן אוּנ צוּ טְרִינְקְן זָאל עֶר דָאךְ פוּן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת קוֹפֶען צוּ גֶעבְן אִים גֶעלְד צוּ לֵייזְן אוּנ אוּנְזֶערֶע בְּהֵמוֹת וֶועלִין מִיר דִיא מֵיילֶר פַר שְׁלִיסְן זֵיי זָאלְן אַייֶער גְרָאז נִיט עֶסְן אוּנ הָאטְשֶׁע מִיר הָאבְּן רְשׁוּת צוּ טֵייטְן אַלֶע אוּמּוֹת אָבֶּר אַייךְ וֶועלִין מִיר גָר נִיט טָאן מִיר וֶועלִין זִיךְ נִיט נֵייגְן אוֹף דֶר רֶעכְטֶר זַייט אָדֶר אוֹף דֶער לִינְקֶר זַייט נָאר מִיט גְלַייכְן וֶועג וֶועלִין מִיר גֵיין הָאט אֱדוֹם גֶיעֶנְטְפֶערְט אִיר בַּארִימְט אַייךְ מִיט דֶעם קוֹל פוּן דֶר תּוֹרָה אוּנ תְּפִלָּה וָוס אַייֶער פָאטֶר יִצְחָק הָאט אַייךְ גִיבֶּענְשְׁט אִיךְ וֶועל אוֹף אַייךְ אוֹךְ קוּמֶן מִיט מַיין בְּרָכָה וָואס יִצְחָק הָט מִיךְ גִיבֶּענְשְׁט (וְעַל חַרְבְּךָ תִחְיֶה) אִיךְ זָאל מִיךְ וֶוערִין מִיט דֶער שְׁוֶוערְד דְרוּם קוּמְט נִיט אִין מַיין לַאנְד. (עַל אֲשֶׁר מְרִיתֶם אֶת פִּי) גָאט זָאגְט צוּ מֹשֶׁה אַהֲרֹן זָאל שְׁטַארְבְּן פוּן וֶועגְן דֶער עֲבֵירָה פוּן דֶעם שְׁטֵיין אוֹף אַיין קְלֵיינֶע עֲבֵירָה וֶוערִין דִיא צַדִּיקִים גֶעשְׁטְרָאפְט דֶען וֶוען דֶער צַדִּיק שְׁטַארְבְּט וֶועהְט עֶר דִיא שְׁכִינָה אוּנ אוֹךְ אָדָם הָרִאשׁוֹן אַזוֹ קְרִיגְט עֶר זִיךְ מִיט אָדָם הָרִאשׁוֹן אוּנ זָאגְט צוּ אִים דוּ הָאסְט גוֹרֵם גֶעוֶועזְן דָאס מִיר מוּזְן שְׁטַארְבְּן עֶנְטְפֶערְט אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיךְ הָאבּ נָאר אַיין עֲבֵירָה גִיטָאן אוּנ אִיר הָט פִיל עֲבֵירוֹת גִיטָאן דְרוּם וֶוערִין דִיא צַדִּיקִים גֶעשְׁטְרָאפְט פוּן וֶועגְן קְלֵיינֶע עֲבֵירוֹת כְּדֵי אָדָם הָרִאשׁוֹן זָאל זֵיי קֶענֶין עֶנְטְפֶערְן אִיר הָט פִיל עֲבֵירוֹת גִיטָאן (וַיִּסְעוּ כָּל הָעֵדָה) אַלֶע וָוס הָאבְּן נִיט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ קוּמֶן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועגְן אוּם

גֶעשְׁטָארְבְּן אוּנ אַלֶע צַדִּיקִים וֶועגְן אִיבֶּר גֶעבְּלִיבְּן וָוס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ קוּמֶן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל (הוֹר הָהָר) עֶס וֶוערִין גֶעוֶועזְן צְוֵויי הוֹכֶע בֶּערְג אֵיינֶער אוֹף דֶעם אַנְדֶערְן אוּנ הָאטְשֶׁע דֶער וָואלְקְן אִיז גֶעגַאנְגֶן פַאר יִשְׂרָאֵל אִין דֶר מִדְבָּר אוּנ הָט אוּם גֶעוּרִיסְן אַלֶע בֶּערְג אוּנ הָט דִי עֶרְד גְלַייךְ גֶעמַאכְט וֶועגְן דָאךְ דְרַייא בֶּערְג אִיבֶּר גֶעבְּלִיבְּן דֶער בַּארְג סִינַי צוּ גֶעבְּן אוֹף אִים דִי תּוֹרָה אוּנ הַר נְבוֹ צוּ זַיין אַיין קֶבֶר צוּ מֹשֶׁה אוּנ הוֹר הָהָר פוּן וֶועגְן אַהֲרֹן עֶר זָאל דָארְטְן בֶּעגְרָאבְּן וֶוערִין (יֵאָסֵף אַהֲרֹן) אַהֲרֹן זָאל שְׁטַארְבְּן דָאס לֶערְנְט אוּנְז דָס גָאט לָאזְט דֶעם צַדִּיק וִויסְן וֶועלְכְן טָאג עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן כְּדֵי עֶר זָאל זַיינֶע קִינְדֶער צַוָּואָה לָאזְן (קַח אֶת אַהֲרֹן) גָאט זָאגְט צוּ מֹשֶׁה נֶעם אַיין אַהֲרֹן מִיט גוּטֶע רֵייד אוּנ זָאג אִים וואל צוּ דִיר וָואס דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ גֶעבְן דַיין כָּבוֹד אוּנ שְׂרָרָה צוּ דַיין זוּן אֶלְעָזָר וָוס אִיךְ הָאבּ דָאס נִיט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן אוּנ זָאלְסְט אוּם טָאן צוּ אַהֲרֹן דִי בִּגְדֵי כְּהוּנָּה אוּנ זָאלְסְט זֵיי אָן טָאן צוּ זַיין זוּן אֶלְעָזָר רַב הוּנָא זָאגְט מֹשֶׁה אִיז אוֹף גֶעשְׁטַאנְגֶן גַאנְץ פְרִיהֶע אוּנ רוּפְט צוּ אַהֲרֹן זָאגְט אַהֲרֹן וָוס בִּיסְטוּ אַזוֹ פְרִיהֶע גֶעקוּמֶן עֶנְטְפֶערְט מֹשֶׁה אִיךְ הָאבּ בַּיי נַאכְט גִילֶערְינְט סֵפֶר בְּרֵאשִׁית אִיז מִיר דְרִינֶען פִיל קָשֶׁה אַזוֹ הָאבְּן זֵיי מִיט אַנַאנְדֶר גִילֶערְינְט זָאגְט מֹשֶׁה וֶועה וָוס אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז גִישֶׁעהְן דָם עֶר הָאט גֶעמוּזְט שְׁטַארְבְּן עֶנְטְפֶערְט אַהֲרֹן וֶועה וִוי עֶר הָט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ דְרַייצֶען חוּפּוֹת פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת אִין גַּן עֵדֶן אוּנ דֶער נָאךְ שְׁטֵייט דָם גָאט הָאט גֶעזָאגְט צוּ אָדָם דוּ בִּיסְט פוּן דֶר עֶרְד אוּנ וֶועסְט דִיךְ אִים קֶערִין צוּ דֶער עֶרְד זָאגְט מֹשֶׁה אִיךְ הָאבּ גִיוֶועלְטִיגְט אִין אַלֶע מַלְאָכִים אוֹף דֶעם הִימֶעל אוּנ דוּ הָאסְט גִיוֶועלְטִיגְט אִין מַלְאָכִים אוֹף דֶר עֶרְד אוּנ הָאסְט דֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת אוֹף גֶעהַאלְטְן דָם עֶר הָט נִיט גִיקָאנְט טֵייטְן דִיא יִשְׂרָאֵל אוּנ מִיר מוּזְן דָאךְ שְׁטַארְבְּן מִיר הָאבְּן נִיט לַאנְג צוּ לֶעבְּן הָט אַהֲרֹן פַר שְׁטַאנֶען אוּנ זָאגְט צוּ מֹשֶׁה דוּ הָאסְט דָאס אָנְגֶעהוֹבְּן פוּן מַיינֶעט וֶועגְן זָאגְט מֹשֶׁה יָא עֶנְטְפֶערְט אַהֲרֹן מַיין הָאַרְץ

אִיז

איז אין מיר דר שלאגן זאגט משה ווילסטו
שטארבן זאגט אהרן יא ווען גאטס ווילען
איז אזו זאגט משה לאמיר ארויף גיין אויף
דעם בארג אזו איז משה אונ אהרן אונ
אלעזר ארויף געגאנגן אויף דעם בארג אונ
כל ישראל האבן ניט געוואוסט נאך וואס
דען זיי האבען געמיינט זיי האבען עפים צו
ריידן מיט דער שכינה אבער ווען זיי זאלען
געוועזן וויסען וואלטן זייא אים ניט געלאזט
שטארבן דען זייא וואלטן פאר אים גרוס
תפלה גיטאן אונ ווי באלד זיי זענין געקומן
אויף דעם בארג הט זיך גיעפינט אהייל אונ
דארטן איז געוועזן איין בעט זאגט משה צו
אהרן דא איז מרים געשטארבן אונ איך
מיט דיר האבן זיך מיט איר מתעסק געוועזן
צו בעגראבן זיא אונ מיר האבען איר גרוס
כבוד אן גיטאן אונ אז דו וועסט שטארבן
וועל איך מיט אלעזר עוסק זיין מיט דיר
אבר אז איך וועל שטארבן ווער וועט זיך
מיט מיר מתעסק זיין האט גאט גיענפערט
איך אליין וועל מיך מיט דיר מתעסק זיין
אונ ווי זיי זענין פון דר הייל ארום געגאנגן
איז די הייל ווארען פר שלאסען דען גאט
הט זיי געהייסען ארום גיין אונ כל ישראל
האבן געזעהן דאס משה אונ אלעזר זענין
אליין געקומן פון דעם בארג אונ אהרן איז
ניט דא מיט זיי האבן אטייל געזאגט משה
הט אים געהארגית ווייל ער וויל די כהונה
האבן אונ אטייל האבן געזאגט אלעזר הט
אים געהארגית כדי ער זאל זיין אכהן גדול
אונ אטייל האבען געזאגט ער איז אליין
געשטארבן אזו ווייא אלע מענשן אזו האבן
זיך איין געזאמילט כל ישראל צו משה אונ
זאגען זייא האסטו אהין גיטאן אהרן זאגט
משה ער איז געשטארבן האבן כל ישראל
געזאגט ווייא קאן דאס זיין דאס דער מלאך
המות זאל אים עפים טאן דען ער הט אים
אויף געהאלטן ער זאל ניט טייטן די ישראל
מיט דר מגפה דרום וועסטו אים ניט ברענגן
צו אונז וועלין מיר דיך מיט אלעזר פאר
שטיינן אזו האט משה תפלה גיטאן האבן
דיא מלאכים גענומן דעם ארון פון אהרן
אונ האבן אים געטראגן אין דעם הימל אונ
האבן געלויבט אונ געזונגן ביי דעם ארון אזו
האבען כל ישראל געזעהן דאס אהרן איז
געשטארבן אונ אטייל חכמים זאגען גאט
הט דיא הייל גיעפינט זענין אריין געגאנגען
כל ישראל אונ האבן געזעהן דס אהרן איז
געשטארבן (ויבכו את אהרן שלשים יום
כל בית ישראל) גאר דאס הויז געזינד פון
ישראל האבען געוויינט אויף אהרן הכהן
דרייסיג טעג אבר ביי משה האבן נאר די
מאנן געוויינט אונ ניט קיין ווייבר ווייל אהרן
הט שלום געמאכט צווישן מאנן אונ ווייבר
אונ צווישן אמענש אונ זיין חבר דרום האבן
כל ישראל אויף אים געוויינט; אונ אז אהרן
איז געקומן אין דער הייל האט ער געזעהן
איין שיין בעט איז אן געבריייט אונ איין
ליכט ברענט זייער שיין זאגט משה צו
אהרן גיי ארויף אויף דעם בעט איז ער ארויף
געגאנגן אויף דעם בעט שטרעק אוס דיינע
הענד האט ער אוס גישטרעקט דיא הענד
שליס צו דיין מויל האט ער צו געשלאסען
זיין מויל שליס צו דיינע אויגען האט ער צו
געשלאסן דיינע אויגן, אזו באלד האט משה
געגלייסט ער זאל אויך אזוי שטארבן אונ עס
איז געוועזן אגרוס נס ביי דיא קליידר דען
משה הט אים אוס גיטאן דאס העמדל ווס
עס איז ביי דעם גוף איי ער הט אים אוס
גיטאן דיא אייבערשטע קליידר אונ דם קאן
קיין מענש ניט טאן אונ דאס איז געוועזן
לכבוד אלעזר כדי ער זאל דיא קליידער
כסדר אן טאן. (וישמע הכנעני) דער כנעני
הט גיהערט דס אהרן איז געשטארבן אונ
דר כנעני איז געוועזן עמלק אונ ער הט זיך
פאר שטעלט צו ריידן דאס לשון פון דיא
כנענים מען זאל אים ניט דער קענין כדי
ווען די ישראל וועלין גאט בעטן מען זאל
זיי געבן דיא כנענים אין זייער האנד וועלין
זיי ניט זיין אין כלל דען זייא זענין עמלקים
אבער דיא ישראל זענין קליגר געוועזן זייא
האבן גיהערט זיי ריידן מיט דעם לשון פון
כנעני אונ די קליידר גייען זיי ווי עמלקים
אזו האבן זייא ניט געוואוסט ווער זייא זענין
האבן זייא סתם גיבעטן גאט גיב אונז דאס
פאלק אין אונזר האנד אונ ווייל עמלק הט

זיך פר שטעלט צו ריידן איין אנדר לשון
דרום פאר שטעלין מיר זיך אים פורים
ווייל המן איז אויך געוועזן פון די קינדר פון
עמלק אונ מיר ווייזען דם דאס פר שטעלין
דאס אים ניט געהאלפן און וויא באלד זיי
האבען גיהערט דאס אהרן איז געשטארבן
אונ דר וואלקן הט זיך אפ גיטאן פון ישראל
דען פריהר איז געוועזן אוואלקען ארום דיא
ישראל דאס קיין שום אומה האט זיי ניט
גיקענט טאן דען דיא וואלקען זענין געוועזן
גלייך ווי מויערן אבר ווי אהרן איז געשטארבן
אונ די וואלקן האבן זיך אפ גיטאן אזו האבן
די עמלקים זיך געטראכט די ישראל האבן
געמוזט זינדיגן דרום זענין זיי געקומען מלחמה
האלטען מיט ישראל אבר גאט האט דיא
ישראל געהאלפן דר נאך האבן די ישראל
געקריגט אויף משה אונ האבען געזאגט (כי
אין לחם ואין מים) זיי האבן ניט קיין ברוט
אונ קיין וואסר אונ האטשע זיי האבן געהאט
מן צו עסן אונ דיא ברונע דאך האבן זייא
געזאגט מיר זענין ניט גלייך צו אנדערע
אומות וואס האבן גענוג ברוט אויף פיל טעג
אונ מיר האבן ניט מער וויא אויף איין טאג
מן אונ דעם אנדערען טאג ניט אזו נאט
ווידר מן פון דעם הימל אבר מיר זעהן פר
זיך ניט גענוג ברוט אונ אפילו וואסר זארגן
מיר זיך אויך דם מיר זאלען ניט גענוג האבן
רבי עקיבא זאגט ווען אסותר הט געבראכט
פירות פון ארץ ישראל צו פאר קופען צו
ישראל זענין די ישראל געשטארבן פון די
פירות דען גאט הט געזאגט עס זאל קיינר
פון ישראל ניט פר זיכן דאס גוטקייט פון
ארץ ישראל ווייל זיי האבן בייז גירעט אויף
ארץ ישראל נאר דיא יונגע קינדר האבן זוכה
געוועזן צו קומן קיין ארץ ישראל רבי זאגט

גאט האט גיצערינט אויף ישראל אונ האט
געזאגט איך האב זייא געגעבן אגרינג עסין
דם זיי האבן ניט גערארפט קיין צורך האבן
דען דר מן איז ווארן פר דייעט אין זייער
בויך אונ איז צו גאנגען אין אלע אברים אונ
זיי האבן גירעט בייז אויף דעם מן אונ האבן
געזאגט וויא איז מעגליך אמענש זאל עסין
אונ זאל קיין אום גאנג ניט האבן דער סוף
וועט זיין דאס אונזערע גידערים וועלין
געשוואלן ווערין פון דעם מן אבר גאט הט
זייא געוויזן דם זייא זענין גלייך צו מלאכים
וואס האבען קיין אום גאנג ניט אונ ווארום
הט גאט זייא ניט געגעבן מן מיט איינמאל
אויף פיל טעג דם הט גאט גיטאן צו געוויינן
די ישראל זיי זאלען זיך פאר זעבערין אויף
גאט דען גאט וויל מען זאל זיך אויף אים
פאר לאזען אלע צייט אונ ער שפייזט
איטליכן מיט חסד אונ דאס געלד העלפט
ניט דעם מענשן (וישלח יי בעם את הנחשים)
אונ גאט הט געשיקט אויף ישראל שלאנגן
צו טייטן זייא אונ דרום הט גאט אויף זייא
געשיקט דיא שלאנגן ווייל זיי האבן גירעט
בייז אויף דעם מן אונ די שלאנג הט גירעט
בייז אויף גאט דרום זאל קומן דיא שלאנג
אונ זאל בצאלן צו ישראל זייער שכר וואס
זייא האבען בייז גירעט נאך איין טעם איז
ווייל דיא שלאנג איז ווארן פר שאלטן דם
אלץ וואס זיא עסט פילט זיא דרינן נאר
איין טעם פון ערד אבר דיא ישראל האבן
נאר גינעסן דעם מן אונ האבן געפילט אין
אים וואס פר איין טעם זיי האבן געוואלט
אונ האבן דאך בייז גירעט אויף אים דרום
זאל קומן דיא שלאנג אונ זאל בעצאלן צו
ישראל נאך איין פשט איז אין דער מדבר
איז געוועזן גרויסע שלאנגן אזו גרוס וויא
באלקן

### של"ה הקדוש

(ויעש משה נחש נחושת) דר צרור המור שרייבט
אין פרשת בא אין דעם ענין פון משקוף
מיט דיא מזוזות וואס מען הט גישפרענגט אויף זיי
שרייבט ער אז השם יתברך איז חס אויף דעם
כבוד פון צדיקים מער וויא אויף זיין כבוד דריבר
הט הש"י געהייסן שפרענגן אויף די מזוזות פריר
וואס דם ווייזט אויף משה אונ אהרן אונ אויף דעם
משקוף צום לעצטן וואס דם ווייזט אויף הש"י אבר
משה רבינו האט ניט אזו געהייסן נאר ער האט
געזאגט אז מען זאל שפרענגן אויף דעם משקוף
פריר וואס ווייזט אקעגן הש"י אונ דר נאך אויף די
מזוזות וואס ווייזט אקעגן זיי אזו איז דא אויך אזו
געוועזן די ישראל האבן גירעט אויף הש"י אונ אויף
משה רבינו דריבער איז געשיקט געווארען אויף

באלקן און עס איז איין סכנה געוועזן צו גיין ביי זיי נאר גאט הט געשיקט דעם וואלקן און ער הט פר ברענט דיא שלאנגן און אז דיא ישראל האבן עבירות גיטאן און האבן בייז גירעט אויף דעם מן אזו הט גאט דיא שלאנגן ווידער לעבעדיג געמאכט און זייא האבען פר ברענט דיא ישראל מיט זייער גיפט און דרום שטייט הנחשים השרפים דיא ברענדיגע שלאנגן וואס זייא פר ברענן מיט זייער גיפט און עס איז אויך טייטש די שלאנגן וואס זענין וואָרן פר ברענט (והיה כל הנשוך) ווער עס הט געביסן אפילו איין ענדים אדר איין חיה רעה אדר אבייזער הינט איז אלץ געוועזן איין סכנה אזו זענין די ישראל געקומען צו משה און האבן געזאגט מיר האבן געזינדיגט אקעגין גאט און אקעגין דיר טו תפלה צו גאט ער זאל אפ טאן די שלאנגן פון אונז און באלד הט משה תפלה גיטאן פון דאנן זאל מען אפ לערנין אמענש זאל ניט הארט זיין צו איבר גיבעטן ווערין דם חאטשע מען הט אויף אים בייז גירעט זאל ער דאך באלד מוחל זיין ווי מען בעט אים מחילה און ווען ער איז ניט מוחל הייסט ער איין אים דר בארמיגר מענש און גאט איז אים זיינע עבירות אויך ניט מוחל אזו ווי מיר געפינען ביי משה דאס חאטשע די ישראל האבען פיל בייז גירעט אויף אים דאך וויא באלד דיא ישראל האבען אים גיבעטן ער זאל זיי מוחל זיין האט ער זיי באלד מוחל געוועזן און האט פאר זיי גאט גיבעטן און דער מענש זאל ניט טראכטען ווען ער הט עבירות גיטאן דאס גאט וועט אים ניט מוחל זיין דען גאט איז פיל מיט חסד און איז מוחל צו דיא וואס בעטן אים

(עשה לך שרף) גאט זאגט צו משה מאך דיר איין שלאנג און טוא אים אויף איין הויכי שטאנג און אז די ישראל וועלין דרויף זעהן וועלין זיי געהיילט ווערין און אזו זאגט גאט צו משה וואס זיי האבן אקעגין מיר גירעט בין איך זייא מוחל אבר וואס זייא האבען אקעגין דיר גירעט זייא זיי ניט מוחל דען עס איז פאר מיר אגרויסע עבירה ווער עס רעט עפיס אויף איין תלמיד חכם אדר אויף איין נביא און דיא שלאנג איז איין גרויסר גם געוועזן דען ווען איינעם הט אביס גיטאן איין הינט וואס איז משוגע אזו דאכט זיך אים אלע צייט דם דער הינט איז פאר אים ווייל ער הט אים אלץ אין זיין מחשבה און ווען דר מענש לאזט זיין השתנה אין איין גלאז זעהט ער אין דער השתנה פיל הינט און ווען מען זאייט איבער דיא השתנה געפינט מען אין איר גאר ניט און דאס קומט אלץ ווייל דר מענש וואס איז געביסן געווארן דר האט אלץ אין זיין מחשבה איין משוגענים הינט און אזו זאגען די חכמים אין דר גמרא ווען איינר ווערט געביסן פון איין הינט וואס איז משוגע דר זאל איין גאנץ יאר אין איין גלאז קיין וואסר ניט טרינקן ווארום ער וועט זעהן אין דעם גלאז קליינע הינט און וועט דר פון שטארבן מען דארף אים ניט דר מאנן קיין הינט דען ווען ער הערט דם ווארט הינט איז אים איין סכנה אבער ביי דער שלאנג חאטשע זיי זענין ווארן געביסן פון איין שלאנג האט גאט דאך זיי געהייסן זעהן אויף דר שלאנג און זיי וועלין געהיילט ווערין און אטייל חכמים זאגען מען האט דרום דיא שלאנג אין דער הייך גישטעלט כדי איטליכר פון ישראל זאל אויף הייבן זיינע

של"ה הקדוש

זיי נחשים דם ווייזט אקעגין וואס זיי האבן גירעט אויף השי"ת און עס שטייט נחשים השרפים שרפים איז אקעגין משה וואס ער איז גיגלעבן צו אמלאך און איין שרף דרום אז זייא האבן תשובה גיטאן הט השי"ת געזאגט עשה לך שרף דאס הייסט פון דיין כבוד וועגין מאך אשרף. כביכול השי"ת האט געזאגט מיין כבוד לייג איך אוועק אן אזייט און איך בין חס אויף דיין כבוד מער וויא אויף מיין כבוד אבר משה רבינו האט ניט געוואלט אזו און ער האט חס געוועזן אויף דעם כבוד פון השם יתברך און ניט אויף זיין כבוד דריבר שטייט ויעש משה נחש נחשת ער הט געמאכט איין נחש ניט קיין שרף פון גאטס כבוד וועגין. דער פון דארף מען זעהן וויא מען דארף נוהג כבוד זיין אין תלמידי חכמים און צדיקים;

דיינע אויגן אקעגין דעם הימל צו גאט און זאל תפלה טאן אזו וועט ער געהיילט ווערן אבער ניט די שלאנג היילט נאר גאט היילט און אויך ניט דיא שלאנג איז ממית נאר די עבירה איז ממית. (על כן יאמר בספר מלחמות ה') גאט זאגט ווען איר וועט לערנען מיין תורה און מצות וועל איך פאר אייך מלחמה האלטן און איר וועט אלע מלחמות געווינען (את והב בסופה) גרויסע ניסים זענען געווען ביי דעם ים און עס איז אויך געשעהן גרויסע ניסים אין דעם טאל פון ארנון דאס עס איז געווען צוויא גרויסע בערג און אין מיטן איז געווען אוועג וואס די ישראל האבן געדארפט דורך אים גיין קיין ארץ ישראל אזו האבן זיך אין דעם טאל איין געזאמלט פיל אומות און האבן זיך בעהאלטן אין די היילן פון דיא בערג דען אין איין בארג איז געווען ביא דער זייט היילען און ביא דעם אנדערען בארג אקעגין איז געווען ארויס געוואקסען שטיינער און דיא אומות האבען געזאגט ווען די ישראל וועלין גיין אין דעם טאל וועלין מיר זיי טייטן און: ווי די ישראל זענין צום בארג געקומן הט גאט געהייסען דיא בערג זאלען זיך צו אנאנדער באהעפטן און דיא שטיינער זאלען אריין גיין אין דיא היילען און זאלען דער קוועטשן די אומות וואס זענין דארטען פאר בארגן אזו באלד האבען זיך דיא בערג צו אנאנדער באהעפט און האבן דער קוועטשט אלע אומות וואס זענין דארטן געווען בעהאלטן און די ישראל האבן גאר גיט דר קאנט דען עס איז געווען צוויא בערג און אצונד איז דער וועג גלייך געווען אן א טאל און די ברונע פון ישראל הט אראפ גענידערט אין דעם טאל און דיא ישראל זענין געגאנגען אויף דיא בערג און האבן ניט געוואוסט פון די ניסים הט גאט געזאגט איך וועל מיינע קינדער לאזען וויסן דם נס און הט געהייסן די ברונע זאל ארויס ברענגן פון דעם טאל פיל ביינער און קעפ און הענט און פים און גלידער אזו האבן די ישראל געזעהן דיא גרויסע ניסים וויא דיא באר שטייט אין מיטען טאל און לייכט ווי דיא לבנה און ציהט ארויס גלידער פון דעם טאל און דאס בלוט שיסט ארויס פון דעם בארג אזו האבן דיא ישראל שירה געזאגט און דרום איז משה ניט דר מאנט ביי דר שירה ווייל ער הט איין עבירה גיטאן ביי דער ברונע און איז דריבער געשטראפט געווארן דרום איז זיין נאמן ניט דר מאנט ביי דר שירה פון דר ברונע און ווייל משה איז ניט דר מאנט אין דר שירה דרום הט גאט זיין נאמן אויך ניט געהייסן דער מאנן ביא דער שירה עס איז א משל א מלך איז ווארען גיבעטן אויף א סעודה צו אשר האט דר מלך געזאגט אוב מיין גוטר פריינד איז אויף דר סעודה אזו וועל איך גיין און אוב ער איז ניט דא וועל איך אויך ניט גיין (באר חפרוה שרים) דיא ברונע האבען דארען געגראבן דען איטליכר נשיא הט געגראבן מיט איין שטעקין עס זאל גיין וואסער פון דר ברונע צו זיין שבט און איטליכם שבט האט געהאט אבאזונדערן טייך און פון איין שבט צום אנדערן האט מען זיך געמוזט שיפן מיט איין שיף דען דם וואסר פון דר ברונע הט ארום גערינגלט איטליכן שבט בעזונדר און ביי דעם וואסר זענין געוואקסן שיינע קרייטר און ביימר אזו ווי אין פסוק שטייט (בנאות דשא ירביצני וגו') גאט הט מיך געמאכט רוען אין איין וואנונג פון גראז בייא רינענדיגע וואסר האט ער מיך גיטאן פירן און ווארום האבן ישראל געזאגט שירה אויף דעם בארג און ניט אויף דעם מן דאס איז ווייל ישראל האבן פיל ביין גירעט אויף דעם מן אזו הט גאט געזאגט איך בגער ניט אייער זינגען און לובען אויף דעם מן ווייל איר האט אויף אים ביין גירעט אבר אויף דעם וואסר האבן זיי אלץ גוטס גירעט און די ברונע איז געגאנגן מיט ישראל ביז זייא זענין געקומן צום ים פון טבריה אזו איז די ברונע אריין אין מיטן ים און אטייל חכמים זאגען דיא ברונע הט אברהם געגראבן און ער האט געזאגט צו אבימלך גיב מיר אפ די ברונע וואס דיינע קנעכט האבן ביי מיר געגזלט האט אבימלך גיענטפערט איך ווייס פון נישט צו זאגען זאגט אברהם שטעל די שאף אקעגין דער ברונע און איך וועל

שטעלין שאף אקעגין דער ברונע אקעגין וועלכע שאף דם וואסר וועט אוף גיין צו דעם וועט זיין דיא ברונע איז דאס וואסר אוף געגאנגן אקעגין דיא שאף פון אברהם אונ ער האט די ברונע בעהאלטן צו זיינע קינדר אונ זיינע קינדר האבען אוך ברונען גענראבן ביז אהער (וממתנה נחליאל) דר וואס לערינט תורה דער טוט ירשנין גאט כלומר גאט איז זיין ירושה אונ דיא תורה זאגט צו גאט עם שטייט געשריבן דר ווס לערינט תורה דער וועט האבען עושר אונ כבוד אונ מיינע קינדער לערנין תורה אונ זענין עניים ענטפערט גאט זייא זענין דרום עניים כדי זייא זאלען נייטר תורה לערנין אונ זיי וועלין אוף דר וועלט ניט נעמן קיין שכר פר זייער תורה נאר אוף יענר וועלט וועלין זיי גרוס כבוד האבן (ומבמות הגיא) אונ ווער עם האלט זיך הוך מאכט אים גאט נידריג אונ ווער עם טוט תשובה מאכט אים גאט ווידער הוך אונ חשוב אזו ווי אין פסוק שטייט (כל גיא ינשא) דער ווס איז געווען נידריג וויא אמאל וועט ווערין דער הובן. (וישלח ישראל מלאכים אל סיחון) אונ די ישראל האבען געשיקט שליחים צו סיחון ער זאל זיי לאזען גיין דורך זיין לאנד קום זעה ווס פר אגרוסע מצוה איז שלום דען אלע מצות איז מען ניט מחויב צו זיכען נאר אז עס קומט צו די הענד אמצוה זאל מען זיא טאן אבר בייא שלום שטייט אין פסוק (בקש שלום ורדפהו) זיך אונ יאג נאך שלום צו מאכן אזו האבן דיא ישראל אצונד אוך גיטאן דם חאטשע גאט הט זיי געהייסן טייטן דיא זיבען אומות פון לאנד כנען דאך האבן ישראל צו זיי פריר געשיקט אוב זייא ווילען שלום מאכן אונ סיחון איז געווען אשטארקר מלך אונ זיין שטאט איז אוך שטארק געוועןער הט זייער פילופאלק געהאט אונ דרום האט ער געהייסען סיחון דם איז טייטש ריידען דען נאר דיא וועלט הט גירעט פון זיין שטארקייט אונ ער הט געהאט אזון ווס איז אזו שטארק געוועןנ ווי ער אונ דרום הט סיחון ניט געוואלט לאזען דיא ישראל איבער פארן דורך זיין לאנד ווייל אלע אומות האבן אים מס געגעבן ער זאל ניט לאזען ישראל גיין קיין ארץ ישראל דרום האט סיחון געזאגט צו ישראל מיין גאנץ היטן איז איר זאלט ניט קומן קיין ארץ ישראל. אונ ווי קען איך אייך לאזען דורך

מיין

ליקוטי יקרים

(וישלח ישראל מלאכים אל סיחון מלך האמורי) האבען דיא ישראל געשיקט שליחים צו סיחון דער מלך פון אמורי אונ האבען אים אזו געזאגט לאז מיך איבער פארן דורך דיין לאנד מיר וועלען ניט טרעטען איבער דיינע פעלדער אונ איבער דיינע וויינגערטנער מיר וועלען נאר גיין מיט דעם גלייכען שטראז ביז מיר וועלען דיין לאנד דורך גיין האט סיחון ניט געלאזט דיא ישראל זאלען דורך גיין דורך זיין לאנד אונ הט פר זאמעלט זיין גאנץ פאלק אונ איז געגאנגען אקעגען די ישראל אין דער מדבר ארייין אונ איז געקומען קיין יהצה אונ האט מיט זייא מלחמה געהאלטען האבען אים די ישראל געשלאגן מיט דער שווערד אונ האבען געארבט זיין לאנד אונ האבען זיך דארט באזעצט אין חשבון מיט אלע דערפער וואן חשבון איז געווען דיא הויפט שטאט פון סיחון אין דעם לאנד אמורי (ויפנו ויעלו דרך הבשן) אונ די יודען האבען זיך געקערט אונ זענען געגאנגן אוף דעם וועג פון דעם לאנד בשן איז עוג דער מלך פון בשן ארוס געגאנגען אקעגן די ישראל ער מיט זיין גאנצען פאלק ביז קיין אדרעי מלחמה צו האלטען הט גאט געזאגט צו משה זאלסט דיך ניט פארכטען פר אים וואריין משה האט זיך פאר עוג זייער געפארכטן אזו ווי דער תרגום יונתן שרייבט ווי משה האט דער זעהן עוג מלך הבשן האט ער געזאגט דאס איז דער עוג הרשע וואס האט זיך געריצט מיט אברהם אונ מיט שרה אונ האט צו זייא אזו געזאגט איר זענט גלייך צוא שיינע ביימער וואס שטייען ביי איין טייך וואסער נאר עס וואקסט אוף זייא קיין פירות ניט. האט איהם גאט ב"ה געלאזט לעבין פיל יאר ביז ער האט געזעהן קינדער אונ קינדרס קינדער פון אברהם אונ דער נאך איז ער ערשט געפאלען אין זייערע הענד אונ גאט האט געזאגט צו משה פארכט דיך נישט פר עוג ווארען איך וועל אים איבער ענטפערן אין דיין האנד אונ דו זאלסט צו אים טאן אזו ווי דוא האסט געטאן צו סיחון דער מלך פון אמורי וואס הט גערועט אין

חשבון

מיין לאנד אונ דרום האט ער איין געזאמילט זיין פאלק פון אלע שטעט אונ זענין ארום געגאנגן אקעגין ישראל אונ זענין וואורן דר שלאגען אלע מיט אנאנדער אונ די ישראל זענין געקומן אין זייערע שטעט גאר אן מיה אונ עוג מלך הבשן איז אויך ארום געגאנגן מיט זיין פאלק אקעגין ישראל האט גאט געזאגט צו משה (אל תירא אותו) דו זאלסט דיך פר אים ניט פארכטן דען די מדה פון צדיקים איז דס זיי פארכטן זיך אלץ חאטשע גאט זאגט זיי צו מציל צו זיין זיי דאך האבן זיי מורא טאמער האבן זיי איין עבירה גיטאן. אונ גאט האט געזאגט פארכט דיך ניט פר עוג חאטשע ער איז זייער שטארק איך וועל אים געבן אין דיין האנד אונ דער עוג איז געוועזן אין דיא טעג פון אברהם אונ אז מען האט געפאנגן זיין ברודערס זון לוט האט עוג דאס געזאגט צו אברהם (אונ זיין כונה איז געוועזן אברהם זאל אום קומן אין דר מלחמה אונ ער וועט נעמן שרה פר אווייב אונ פון דעסט וועגין האט ער דאך מציל געוועזן לוט מיט זיין הויז געזינד דרום האט ער זוכה געוועזן אזו לאנג צו לעבן אונ דער נאך איז ער געפאלען אין די הענד פון די קינדר פון אברהם ווייל ער האט געוואלט אברהם זאל געהרגית ווערין דען גאט בעצאלט איטליכן זיין שכר דרום האט משה געזאגט איך פארכט מיך פאר אים דען איך בין אלט הונדרט אונ צוואנציג יאר אונ ער איז אלט פינף הונדרט יאר אונ ווען ער זאל קיין זכות ניט האבן וואלט ער אזו לאנג ניט גילעבט האט גאט צו אים געזאגט פארכט דיך ניט פר אים (ויכו אותו ואת בניו) אונ די ישראל האבן אים דר שלאגן מיט זיינע קינדר וואס זענין אויך אזו שטארק געוועזן ווי ער רבי יוחנן זאגט משה האט זיך געפארכטן פר עוג מער ווי פר סיחון חאטשע זיי זענין געוועזן ברודר ווייל משה האט זיך געטראכט טאמער וועט אים ביי שטיין דער זכות פון אברהם אונ אזו האט עוג געזאגט דיא מחנה פון ישראל איז גרוס דריי מייל איך וועל אום רייסן איין בארג וואס איז גרוס דרייא מייל אונ וועל אויף זיי ווארפן וועל איך זיי אלע אין איין מאל דער שלאגן אזו האט ער אום געריסן אבארג פון דריי מייל אונ האט אים גענומן אויף זיין קאפ האט גאט געבראכט ווערים אונ מייז אונ זיי האבן אין דעם בארג אום גיגעסן איין לאך איז דר בארג אויף זיין האלז אראפ געפאלען נוא קען מען זעהן ווי גאט העלפט די צדיקים וואס אפילו אזעלכע שטארקע וויא סיחון אונ עוג האבן זיך ניט געקאנט העלפן דאס זאגט דער פסוק (לא בגבורת הסוס יחפץ לא בשוקי האיש ירצה רוצה יי' את יראיו את המיחלים לחסדו) גאט בגערט ניט דיא וואס האבן שטארקע פערד אונ ניט די וואס האבן שטארקע פיס נאר ער בגערט דיא וואס פארכטן זיך פר אים אונ האפן צו זיין גענאד:

ליקוטי יקרים

חשבון. ווי עוג האט דער זעהן דיא גאנצע מחנה פון די יודען וואס זענען געוועזן דרייא מייל האט ער זיך אזו געטראכט וואס וועל איך דא גיין מלחמה האלטען מיט די יודען טאמער וועלען זיי מיר טאן אזו ווי זיי האבן צו סיחון געטאן איז ער גגאנגען אונ האט אוים געריסען איין בארג פון דריי מייל אונ האט אים גענומען אויף זיין קאפ ער זאל אים אויף דיא ישראל ארויף ווארפען זאלען אלע אויף איין מאל דערקוועטשט ווערען. האט גאט ברוך הוא באלד אויף אים געשיקט זאלכע ווערים אונ מארשקים דאס זייא האבען געמאכט איין לאך אין דעם בארג איבער זיין קאפ איז אים דר בארג ארויף געפאלען אויף זיין אקסעל אונ עס זענען אין אים אוים געוואקסען גרויסע ציין האט ער דעם בארג נישט געקאנט אראפ נעמען פון זיך איז משה געגאנגען אונ האט גענומען איין האק וואס זיא איז געוועזן לאנג צעהן איילען אונ האט נאך אונטער געשפרונגען אויף צעהן איילען אונ האט אים געשלאגען אין זיין קנעכיל איז ער געפאלען אונ איז טוט געבליבען לעבען דער מחנה דערנאך האבען זיי געארבט זיין לאנד אונ די ישראל האבן פון דארט געצויגען אונ האבען גערועט אין ערבות מואב פון יענער זייט ירדן לעבען ירחו:

(וְיִפְתָּח הַגִּלְעָדִי הָיָה גִּבּוֹר חַיִל) אוּנ יִפְתָּח דֶער זוּן
פוּן גִלְעָד אִיז גֶעוֶועזֶען אֵיין שְׁטַארְקֶער חַיִלְם
מַאן עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען אַזוּן פוּן אַקְּייבְשׁ וַוייבּ פוּן
גִלְעָד דְרוּם רוּפְט אִים דֶער פָּסוּק (בֶּן אִשָּׁה זוֹנָה)
וַוייל זִי אִיז קֵיין רֶעכְט וַוייבּ נִיט גֶעוֶועזֶען אוּנ אֵיין
טֵייל חֲכָמִים זָאגֶען זוֹנָה אִיז טַייטְשׁ שְׁפַּייזְעֶרִין
כְּלוֹמַר זִי הָאט גֶעהַאלְטֶען אֵיין הַארְבֶּרִיג הוֹיז וָואס
אוֹרְחִים שְׁטֵייעֶן אַיין דְרִינֶען אוּנ דִי רֶעכְטֶע קִינְדֶער
פוּן גִלְעָד הָאבֶּן יִפְתָּח אַוֶּועק גֶטְרִיבֶּן פוּן גִלְעָדְס
הוֹיז אוּנ הָאבֶּען אִים גֶעזָאגְט דוּ וֶועסְט מִיט אוּנְז
נִיט יַרְשֶׁענֶען בַּיי אוּנְזֶער פָּאטֶער אִיז יִפְתָּח פוּן זֵיי
אַוֶּועק גֶענַאנְגֶען אוּנ הָאט זִיךְ בַּזֶעצְט אִין לַאנְד
טוֹב אוּנ עֶס הָאבֶּען זִיךְ אַיין גֶזַאמֶעלְט צוּ יִפְתָּח
פִיל שְׁלֶעכְטִי מֶענְשֶׁען לֵיידִיג גֵייֶער אוּנ אַיילֶענְדִיגִי
(וַיְהִי כַּאֲשֶׁר נִלְחֲמוּ בְּנֵי עַמּוֹן) אוּנ אַז דִי בְּנֵי עַמּוֹן
זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִלְחָמָה הַאלְטֶען מִיט דִי יִשְׂרָאֵל
זֶענֶען גֶגַאנְגֶען דִי זְקֵנִים פוּן דֶער שְׁטָאט גִלְעָד צוּ
יִפְתָּח אוּנ הָאבֶּן צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט גֵייא מִיט אוּנְז
אוּנ דוּ וֶועסְט זַיין צוּ אַהַאר אִיבֶּער אוּנְז אוּנ מִיר
וֶועלֶען מִלְחָמָה הַאלְטֶען מִיט דִי בְּנֵי עַמּוֹן הָאט
יִפְתָּח צוּ זֵיי גֶעזָאגְט אִיר הָט מִיךְ דָאךְ פַיינְט אוּנ
הָאט מִיךְ פַר טְרִיבֶּען פוּן מַיין פָּאטֶערְס הוֹיז אוּנ
הַיינְט אַז עֶס אִיז אַייךְ עֶנְג קוּמְט אִיר צוּ מִיר
הָאבֶּן זֵיי אִים זֵייעֶר גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל גֵיין מִלְחָמָה
הַאלְטֶען מִיט עַמּוֹן אוּנ עֶר וֶועט זַיין אַהַאר אִיבֶּער
זֵיי הָאט יִפְתָּח זֵיי גֶפְרֶעגְט וֶוען אִיךְ וֶועל עַמּוֹן דֶר
שְׁלָאגֶען וֶועל אִיךְ גֶעוִוים זַיין אַהַאר אִיבֶּער אַייךְ
הָאבֶּען דִי זְקֵנִים גֶעזָאגְט צוּ יִפְתָּח גָאט זָאל זַיין
אַיין עֵדוּת צְווִישֶׁען אוּנְז אַז דָאס וָואס דוּ וֶועסְט
בֵּיידֶען וֶועלֶען מִיר טָאן (וַיֵּלֶךְ יִפְתָּח עִם זִקְנֵי גִלְעָד)
אִיז יִפְתָּח גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי זְקֵנִים פוּן גִלְעָד אוּנ
זֵיי הָאבֶּען אִים גֶמַאכְט צוּ אַהַאר אִיבֶּער זִיךְ אוּנ
יִפְתָּח הָאט גֶרֶעט זַיינֶע רֵייד פַר גָאט אִין מִצְפָּה
דֶען דָארְטֶען זֶענֶען יִשְׂרָאֵל גֶעוֶועזֶען אַיין גֶעזַאמֶעלְט
אוּנ וִוי יִשְׂרָאֵל זַאמְלֶען זִיךְ אַיין דָארְטֶען רוּעט דִי
שְׁכִינָה אוּנ דָאס הוֹיז פוּן יִפְתָּח אִיז גֶעוֶועזֶען אִין דֶער
שְׁטָאט מִצְפָּה (וַיִּשְׁלַח יִפְתָּח מַלְאָכִים) הָאט יִפְתָּח
גֶשִׁיקְט שְׁלִיחִים צוּם מֶלֶךְ פוּן עַמּוֹן אוּנ הָאט צוּ
אִים גֶעזָאגְט וָוארוּם ווילְסְטוּ מִלְחָמָה הַאלְטֶען אוּף
מַיין לַאנְד עֶנְטְפֶערְט דֶער מֶלֶךְ פוּן עַמּוֹן דֶען דִיא
יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען אַוֶּועק גֶענוּמֶען מַיין לַאנְד אַז זֵייא
זֶענֶען אַרוֹס גֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם דְרוּם גִיבּ עֶס
מִיר אָפּ בְּשָׁלוֹם הָט יִפְתָּח וִוידֶער גֶעשִׁיקְט צוּ אִים
צוּ זָאגֶען דִי יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן דַיין לַאנְד נִיט אַוֶּועק
גֶנוּמֶען דֶען זֵיי הָאבֶּן אָפּ גֶעקֶערְט פוּן אֱדוֹם אוּנ
פוּן מוֹאָב אוּנ פוּן דִי בְּנֵי עַמּוֹן אוּנ הָאבֶּן זֵיי נִיט
אָן גֶערִירְט אוּנ דֶער נָאךְ זֶענֶען דִי יִשְׂרָאֵל גֶקוּמֶען
צוּ סִיחוֹן מֶלֶךְ הָאֱמוֹרִי הָט זֵיי סִיחוֹן נִיט גֶעלָאזְט
דוּרְךְ גֵיין דוּרְךְ זַיין לַאנְד אוּנ הָט אַיין גֶעזַאמֶעלְט
גָאר זַיין פָאלְק אִין דֶער שְׁטָאט יַהַץ אוּנ דִי יִשְׂרָאֵל
הָאבֶּן זֵיי אַלִי דֶר שְׁלָאגֶן אוּנ הָאבֶּן צוּ גֶנוּמֶען וָוס
עֶר הָט גֶהַאט (וְעַתָּה יְיָ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל) אוּנ אַצוּנְד
גָאט אוּנְזֶער גָאט הָאט אוּנְז גֶעמַאכְט יַרְשֶׁענֶען דָם
לַאנְד אֱמוֹרִי אוּנ דוּ ווילְסְט עֶס צוּ גֶעמֶען דוּ יַרְשֶׁעסְט
דָם וָואס דַיין אָפּגָאט כְּמוֹשׁ הָאט דִיךְ גֶעמַאכְט
יַרְשֶׁענֶען אוּנ דָם וָואס גָאט אוּנְזֶער גָאט הָאט אוּנְז
גֶעמַאכְט יַרְשֶׁענֶען דָאס וֶועלֶען מִיר יַרְשֶׁענֶען (כְּשֶׁבֶת
יִשְׂרָאֵל בְּחֶשְׁבּוֹן) אַז יִשְׂרָאֵל זֶענֶען גֶעזֶעסֶען אִין
חֶשְׁבּוֹן אוּנ אִין אִירֶע דֶערְפֶער אוּנ אִין עֲרוֹעֵר אוּנ
אִין אִירֶע דֶערְפֶער אוּנ אִין אַלֶע שְׁטֶעט וָוס בַּיי
דֶעם טָאל אַרְנוֹן דְרַיי הוּנְדֶערְט יָאר וָואס יְהוֹשֻׁעַ
הָאט זֵיי אַיין גֶענוּמֶען וָוארוּם הָאסְטוּ דֶענְסְט מָאל
נִיט אָפּ גֶענוּמֶען שְׁטֶעט פוּן יִשְׂרָאֵל אוּנ וָואס הָאבּ
אִיךְ דִיר אַצוּנְדֶערְט בֵּייז גֶטָאן וָוס דוּ בִּיסְט גֶקוּמֶען
צוּ מִלְחָמָה הַאלְטֶען מִיט מִיר גָאט זָאל מִשְׁפְּטִין
צְווִישֶׁען מִיר אוּנ צְווִישֶׁען דִיר אוּנ דֶער מֶלֶךְ עַמּוֹן
הָט נִיט גֶוָואלְט אָפּ לָאזֶען פוּן יִשְׂרָאֵל (וַתְּהִי עַל
יִפְתָּח רוּחַ יְיָ) אִיז גֶוֶועזֶען אוּף יִפְתָּח אֵיין רוּחַ גְבוּרָה
פוּן גָאט דָאס עֶר הָאט אַשְׁטַארְק הַארְץ בַּקוּמֶען צוּ
גֵיין אוּף עַמּוֹן (וַיִּדּוֹר יִפְתָּח נֶדֶר לַיְיָ) אוּנ יִפְתָּח
הָאט אַנֶדֶר גֶעטָאן צוּ גָאט אוּנ הָאט גֶעזָאגְט אַז
גָאט וֶועט מִיר הֶעלְפֶען צוּ דֶער שְׁלָאגֶען דִי בְּנֵי
עַמּוֹן

## משלי יהודה

(הֲלֹא אַתֶּם שְׂנֵאתֶם אוֹתִי וגו׳) דִיא זִקְנֵי גִלְעָד הָאבֶּען
גֶעזָאגְט צוּ יִפְתָּח (לְכָה וְהָיִיתָ לָּנוּ לְקָצִין וְנִלָּחֲמָה
וגו׳) וַוייזְט אוּס פוּן זֵייעֶרֶע רֵייד אַז זֵייא מַאכֶען אִים פַאר
אַרֹאשׁ וְקָצִין כְּדֵי עֶר זָאל פִירֶען דִי מִלְחָמָה אָבֶּר דֶער נָאךְ
וֶועלִין זֵיי אִים אָפּ וַוארְפֶן דְרִיבֶּר זָאגְט יִפְתָּח (הֲלֹא אַתֶּם
שְׂנֵאתֶם אוֹתִי וגו׳ וּמַדּוּעַ בָּאתֶם אֵלַי) דָם אִיז נִיט מֵאַהֲבָה
נָאר וַוייל עֶס אִיז אַייךְ שְׁלֶעכְט אָבֶּער אַז אִיךְ וֶועל מְנַצֵּחַ
זַיין דִיא מִלְחָמָה וֶועט אִיר מִיךְ וַוייטֶער פַיינְט הָאבֶּען אוּנ
אַוֶּועק טְרַייבֶּען אַזוֹ וִויא פְרִיעֶר הָאבֶּן דִיא זִקְנֵי גִלְעָד
גֶיעֶנְטְפֶערְט (לָכֵן עַתָּה שַׁבְנוּ אֵלֶיךָ) אֱמֶת אִיז טַאקִי דְרִיבֶּר
זֶענִין מִיר גֶעקוּמֶען צוּרִיק צוּ דִיר וַוייל דִיא נוֹיט הָאט אוּנְז
גֶעבְּרַאכְט דֶער צוּ אָבֶּער בְּדִיעֲבַד (וְהָלַכְתָּ עִמָּנוּ וְנִלְחַמְתָּ
וגו׳) אַז דוּ וֶועסְט גֵיין מִיט אוּנְז אוּנ וֶועסְט מִלְחָמָה
הַאלְטֶען מִיט דִיא בְּנֵי עַמּוֹן וֶועסְטוּ שׁוֹן בַּייא אוּנְז זַיין
שְׁטֶענְדִיג אַרֹאשׁ וְקָצִין אוּנ יִפְתָּח הָאט נִיט פַאר שְׁטַאנֶען
וָואס זֵיי מֵיינֶען הָאט עֶר זֵיי אִיבֶּר גִיפְרֶעגְט (אִם מְשִׁיבִים
וגו׳ וְנָתַן יְיָ וגו׳ אֶהְיֶה לָכֶם) וֶועל אִיךְ דֶער נָאךְ אוֹיךְ זַיין
בַּיי אַייךְ אַרֹאשׁ וְקָצִין הָאבֶּן זֵייא אִים גִיעֶנְטְפֶערְט (יְיָ יִהְיֶה
שׁוֹמֵעַ בֵּינוֹתֵינוּ) הַשֵּׁי״ת זָאל זַיין אַיין עֵדוּת צְווִישֶׁן אוּנְז
אַז אַזוֹ וִויא דוּ זָאגְסְט וֶועלִין מִיר טָאן וכו׳:

עמון אזו דר ים ועט צום ערשטן ארוס גיין פון
מיין הויז אז איך ועל מיך אום קערין בשלום דם
ועל איך פאר אקרבן ברענגן צוא גאט (ויעבור
יפתח את בני עמון) אונ יפתח איז איבר געפארן
דעם ירדן צו גיין צו די בני עמון אונ גאט האט
עמון געגעבן אין דר האנד פון יפתח אונ ער הט
זיי דער שלאגען אונ די וואס זענן איבר געבליבן
זענן ווארען אונטער טעניג פאר ישראל אונ אז
יפתח איז אהיים געקומען איז זיין טאכטער אים
אקעגן געגאנגען מיט פוקן אונ טאנצען אונ זי הט
נאך קיין מאן ניט געהאט אזו הט יפתח צו ריסען
זיינע קליידר וואס זיין טאכטער איז אים אקעגען
געגאנגען אונ זאגט צו איר מיין טאכטר דו האסט
מיך בעטריבט דען איך האב אנגדר געטאן ווער עס
וועט מיר צום ערשטען אקעגן קומן פון מיין הויז
דעם זאל איך אום ברענגן פאר אקרבן צו גאט
זאגט די טאכטער צו אים לאז מיך גיין אויף דיא
בערג אונ לאז מיך דארטן וויינען אונ קלאגן צוויי
חדשים אויף מיינע בתולים איך אונ מיינע מיידן
האט זי דר פאטר אוועק געשיקט אויף צוויי חדשים
אונ זי הט געוויינט אונ געקלאגט אויף אירע בתולים
וואס זי וועט אזו פר לארן ווערען אונ אז זי איז
ווידר אהיים געקומן הט דר פאטר געהאלטען זיין
נדר אונ אטייל חכמים זאגען ער הט זי ניט אויף
געבראכט פר אקרבן נאר זי הט געוויינט ווס זי הט
געמוזט פר זוצען אונ האט ניט געטארט קיין מאן
נעמן ווייל זי איז געווען הייליג אונ חאטשי יפתח
האט געזאגט ווער עס וועט צום ערשטען ארוס
גיין זאל זיין פר אקרבן הט ער אזו געמיינט ווער
עס וועט ארוס גיין דאס ווס איז ראוי פר אקרבן
זאל עס זיין פאר אקרבן אונ אוב עס וועט ארוס
גיין דם ווס איז ניט ראוי פר אקרבן זאל עס זיין
הייליג דרום הט זיין טאכטר געמוזט פר זוצן אונ
הט ניט געטארט קיין מאן נעמן ווייל זי איז געווען
הייליג. דר מדרש רבתי שרייבט פנחס איז דאך
געווען וואס ער האט אים געקענט מתיר נדר זיין
ווארום האט ער אים ניט מתיר נדר געוועען. דער
תירוץ איז יפתח האט זיך הוך געהאלטען אונ הט
ניט געוואלט גיין צו פנחס אונ פנחס הט זיך הוך
געהאלטן אונ האט ניט געוואלט גיין צו יפתח אונ
דורך דעם איז ווארען פר לארען די טאכטר פון
יפתח אונ דר פר הט זיי גאט געשטראפט דם פון
יפתח איז אפ געפאלען דאס פלייש פון זיין לייב
שטיקער וויים אונ פון פנחס האט זיך די נבואה
אפ געטאן די גמרא זאגט אין בבא קמא אויף דעם
פסוק (ויתלקטו אל יפתח אנשים רקים) עס האבן
זיך צו יפתח איין געזאמעלט לידיגע מענשען
אזעלכע מענשן ווי ער איז געוועען דען ער איז ניט
פרום געוועען האבען זיך צו אים איין געזאמעלט
אויך ניט קיין פרימע מענשען אבער צו אצדיק
באהעפטען זיך צדיקים:

# פרשת בלק.

(וירא בלק) אונ אז בלק דר מלך פון מואב
האט גיזעהן דאס די צוויי שטארקע
מלכים סיחון אונ עוג האבן ניט גיקענט
בשטיין אקעגין ישראל אזו הט ער זיך זייער
געפארכטן פאר ישראל אונ דרום שטייט
(בלק בן צפור) אונ ניט בלק מלך מואב
ווייל אז ער הט גיזעהן דם די צוויי שטארקע
מלכים האבן ניט גיקענט בשטיין דרום הט
זיך אים גידאכט דם ער איז שון קיין מלך
ניט אונ ער הט געזאגט די צוויי שטארקע
מלכים וואס מיר האבן זיי מס געגעבן זיי
זאלן אונז היטן פאר ישראל האבן זיי ניט
גיקאנט בשטיין פר ישראל מכל שכן מיר
וועלין בוודאי ניט קענין בשטיין (ויאמר
מואב אל זקני מדין) אונ מואב הט געזאגט
צו דיא עלצטי פון מדין דען אז זייא האבן
גיזעהן

### ליקוטי יקרים

(וירא בלק את כל אשר עשה ישראל לאמורי)
אונ בלק הט געזעהן ווס די ישראל האבן
גיטאן צו אמורי ווס האבן געהרגית זייערע גבורים
סיחון ועוג דער נחל קדומים שרייבט בלק האט
געזעהן דם דיא זון איז געבליבן שטיין פון וועגין
משה אין דר מלחמה פון סיחון דר עמק המלך
שרייבט דרום הט בלק געהייסן בן צפור ווארום
ער הט מיט כישוף געמאכט איין פוגיל אום גאלד

אונ

### אוהל יעקב

(ויגר מואב מפני העם מאוד) דר מדרש זאגט דאס ווארט
ויגר איז איין לשון גר ער הט זיך אליין אום געוויזן
אויף דר וועלט ווי איין גר, עס איז אמשל בייא איין גרוסן
עושר איז דא פיל גאלד אונ זילבר, הט איין גנב זיך פר
ליגט ער זאל ביי אים אוועק גנבענין זיין פר מעגין אונ
דר גנב האט שון ביי אים עטליכי טייערע כלים גענבית
אונ אז דער עושר איז געוואר געווארן פון דעם גנב אז
ער הט ביי אים עטליכי כלים גענבית האט ער שון פר
דעם גנב פאר שלאסן די טיר אונ הט אים שון קיין מאל

ניט

גיזעהן דאס די ישראל זענין מנצח ניט אזו ווי דר סדר פון דר וועלט האבן זיי גיפרעגט צו די עלטסטי פון מדין משה רבינו איז דאך ביי אייך אויף געצויגן געווארן דרום זאגט אונז מיט וואס איז זיין כח דם ער געווינט אזו אלע מלחמות אונ האטשע דיא צווייא מלכים האבן זיך תמיד פיינד געהאט נאר אצונד ווייל זיי האבן זיך געפארכטן פאר ישראל האבן זיי צווישן זיך שלום גימאכט צו זיין אקעגין ישראל אונ דיא עלצטי פון מדין האבן געזאגט צו מואב דער כח פון משה איז נאר מיט זיין מויל דאס ער טוט תפלה האט מואב געזאגט מיר וועלין אויף אים ברענגין בלעם וואס זיין כח איז אויך נאר מיט זיין מויל אונ ער וועט זיי שעלטן (כלחוך השור את ירק השדה) אזו ווי איין אוקס עסט אפ דם גראז פון דם פעלד מיט דעם ווארצל אונ עס קען שון ניט ווידר אויף וואקסן אזו וועלין די ישראל אונז אויף עסין אונ בלק בן צפור איז גיוועזן איין מלך צו מואב אין דר צייט ווען סיחון איז גיטייט געווארן (וישלח מלאכים אל בלעם בן בעור) הט בלק געשיקט שליחים צו בלעם דער זון פון בעור קיין פתורה אונ דרום הט די שטאט געהייסן פתורה דם איז טייטש איין וועקסלר כלומר אזו ווי צו איין וועקסלר טראגט איטליכר מטבעות צו ביימן אזו האבען אלע מלכים געשיקט זייערע בריף צו בלעם. נאך איין פשט איז בלעם איז ווארן גערופן פתורה דם איז טייטש אבשיידר כלומר וועמין עס הט זיך עפים געחלימת הט ער עס בשייד אונ ער איז גיוועזן אנביא פון גאט צו די אומות אויך הט גאט געגעבן מלכים פון די אומות נבוכדנצר ווס ער איז גיוועזן איבר דער גאנצער וועלט אזו ווייא שלמה המלך אונ שלמה האט דאס בית המקדש גיבויעט אונ נבוכדנצר האט עס חרוב געמאכט אויך הט גאט געגעבן עשירות צו דוד האט ער אלץ געלאזט אויף דעם בית המקדש אונ ער האט געגעבן עשירות צו המן הט ער געוואלט כל ישראל הרגינן אונ דרום הט אונז די תורה גישטעלט די פרשה פון בלעם צו ווייזן דם ער איז ארשע גיוועזן אונ דרום הט גאט פון אים די נבואה אוועק גענומן (כי ידעתי את אשר תברך מבורך) דען איך ווייס וועמן דו בענשסט דר איז גיבענשט אונ וועמן דו שעלסט דר איז פאר שאלטן דען בלעם איז גיוועזן איין שטערין

## ליקוטי יקרים

אונ זילבר אונ אום אנדערע מתנות אונ הט צו דעם פוגיל מקטיר געוועזן קטורת אונ האט ביי נאכט בעשווארן דיא לבנה אינ ביי טאג דיא זון אונ דער דאזיגער פוגיל איז מיט כישוף געפלוגן ביז אויף דעם ארט ווי עזא ועזאל זענין אונ זייא האבן דעם פוגיל מגלה געוועזן גרוסע סודות איבר דעם הט ער געהייסן בן צפור אונ דער פוגיל דם איז דר כישוף וואס הייסט ידעוני וואס די תורה האט אים געאסירת אונ דרום הייסט ער ידעוני ווייל ער ווייסט דיא סודות ווס עס וועט זיין אויף דר וועלט אונ דורך דעם פוגיל הט בלק געוואוסט אלע סודות פון עזא ועזאל ווס האבן אים באפולן דורך דעם פוגיל נאר בלק הט ניט גיקאנט פליהן אזו ווי בלעם הט גיקאנט פליהן אין דר לופט אונ איז אליין געוואר געווארען דיא סודות פון עזא ועזאל אונ בלק האט ניט געוואוסט נאר דורך דעם פוגיל (ויבא אלהים אל בלעם לילה) איז גאט געקומן צו בלעם ביי נאכט אונ הט אים געזאגט

## אוהל יעקב

ניט ארויין געלאזט צו זיך אין שטוב ארויין הט זיך דר גנב מיישב געוועזן אונ איז געגאנגן צו דיא שכנים אונ הט זיי אן גירעט אז זיי זאלען זיך לייען ביא דעם עושר גילדרני כלים אונ זילברני כלים אונ דר גנב איז נאך דעם געגאנגן אונ האט די כלים ביי די שכנים אוועק גענבית האט דר עושר נאך דעם געזאגט אצונד ווייס איך מיך שון ניט פר וועקן צו היטן אונ צו פר שליסן די טיר. פר אפרעמדן האב איך מורא אונ פר דיא שכנים האב איך אויך מורא. דר נמשל איז אז דיא יודן זענין ארום געגאנגן פון מצרים האבן אלע פעלקר זיך געפארכטן פר דיא יודן נאר דאס פאלק מואב איז געוועזן פר זיכערט פר זיי ווייל גאט הט אן געזאגט דיא יודן זייא זאלען קיין מלחמה ניט האלטן מיט מואב צו נעמן ביא זייא דאס לאנד נאר אז דר מלך סיחון הט ביי מואב צו גענומן אשטיק לאנד אונ די יודן האבן ביי סיחון צו גענומן דם לאנד הט שון מואב גיזעהן אז די יודן האבן זיך שון גענומן אהיתר צו צו נעמן ביי זיי דאס לאנד דורך אנאנדערין האבן זיי זיך אום גיזעהן אין דעם לאנד ווי איין גר ער הט געזאגט איך ווייס ניט דורך נעמן וועט גאט איבר ענטפערין מיין לאנד צו דיא יודן איך זאל מיך פר דעם היטן:

שְׁטֶערִין וֶועהְר אוּנ וֶוען עֶר הָט גִיזֶעהְן אֵיין
שְׁטֶערִין וַוייזְט אוֹיף אַמֶענְשֶׁן בַּייז הָאט עֶר
אִים גֶעשָׁאלְטֶן אוּנ דָר נָאךְ אַז דָם בַּייז אִיז
גֶעקוּמֶן הָאבֶּן דִיא לַייט גֶעמֵיינְט עֶם אִיז
גֶעקוּמֶן דוּרְךְ זַיין קְלָלָה אוּנ בָּלָק הָט אוֹיךְ
אַזוֹ גֶעמֵיינְט דָם בִּלְעָם קֶען שֶׁעלְטֶן (וּקְסָמִים
בְּיָדָם) אוּנ זֵיי הָאבֶּן מִיט גֶענוּמֶן אַלֶע זַאכֶן
פוּן כִּישׁוּף כְּדֵי בִּלְעָם זָאל קֵיין אוּם רֵייד
נִיט הָאבֶּן עֶר הָאט נִיט דִי זַאכֶן פוּן כִּישׁוּף
אוּנ אוֹיךְ הָאבֶּן זֵייא מִיט גֶענוּמֶן זִילְבֶּר. אוּנ
גָאלְד צוּ גֶעבֶּן שְׂכַר צוּ בִּלְעָם אוּנ דִי עֶלְצְטִי
פוּן מִדְיָן הָאבֶּן גֶעזָאגְט וֶוען עֶר וֶועט בַּאלְד
מִיט אוּנְז גֵיין אִיז גוּט אוּנ אוֹבּ עֶר וֶועט אוּנְז
אָפּ לֵייגֶן אִיז אִין זַיינֶע רֵייד קֵיין מַמָשׁ נִיט
דָא אוּנ וִוי בַּאלְד עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט
נֶעכְטִיגְט דָא דִי נַאכְט זֶענִין דִי עֶלְצְטִי פוּן
מִדְיָן אַוֶועק גֶענַאנְגֶן אוּנ דִי הַארֶן פוּן מוֹאָב
זֶענִין גֶעבְּלִיבֶּן זִיצֶן (לִינוּ פֹּה הַלַּיְלָה) נֶעכְטִיגְט
אִיבֶּר דִיא נַאכְט (מִי הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה) גָאט
הָאט אִים גִיפְרֶעגְט וֶוער זֶענִין דִיא דָאזִיגֶע
מֶענְשֶׁן אוּנ חָאטְשֶׁע גָאט וַוייסְט דָאךְ אַלְץ
נָאר עֶר הָאט דְרוּם אִים גִיפְרֶעגְט צוּ פַאר
נַארֶן אִים עֶר זָאל דוּרְךְ דָם פַּר לָארֶן וֶוערִין
דֶען עֶר וֶועט מֵיינֶען וֶוען גָאט וַוייסְט נִיט
וֶוער דִיא מֶענְשֶׁן זֶענִין אַזוֹ וֶועל אִיךְ גֶעפִינֶן
אַצַייט וָואם גָאט וֶועט נִיט ווִיסֶען אוּנ וֶועל
שֶׁעלְטֶן דִי יִשְׂרָאֵל הָאט בִּלְעָם גֶעזָאגְט צוּ
גָאט דָם הָט בָּלָק צוּ מִיר גֶעשִׁיקְט אִיךְ זָאל
גֵיין שֶׁעלְטֶן יִשְׂרָאֵל הָט גָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט
גֵיי נִיט מִיט זֵיי הָט בִּלְעָם גֶעזָאגְט אִיךְ וֶועל
זֵיי שֶׁעלְטֶן אִין דֶער הֵיים הָט גָאט צוּ אִים
גֶעזָאגְט שֶׁעלְט זֵיי נִיט הָאט בִּלְעָם גֶעזָאגְט
אִיךְ וֶועל זֵייא בֶּענְשֶׁן הָט גָאט גֶעזָאגְט זֵייא
זֶענִין שׁוֹן לַאנְג גִיבֶּענְשְׁט זֵיי דַארְפֶן נִיט דַיין
בְּרָכָה אִיז גֶעקוּמֶן בִּלְעָם אוּנ זָאגְט צוּ דִיא
הַארֶן פוּן בָּלָק גֵייט אַהֵיים דֶען גָאט הֵייסְט
מִיר נִיט גֵיין מִיט אֵייךְ נָאר מִיט גְרֶעסֶערִי
הַארֶן פוּן אֵייךְ דֶען עֶר אִיז אֵיין בַּעַל גַאֲוָה
גִיוֶוען עֶר הָט נִיט גֶעוָואלְט זָאגֶען דָאם עֶר
אִיז אִין דֶר הַאנְד פוּן גָאט דְרוּם הָאט עֶר
אַזוֹ גִיזָאגְט אוּנ דְרוּם הָט בַּאלְד בָּלָק גֶעשִׁיקְט
גְרֶעסֶערִי הַארֶן צוּ זָאגֶן צוּ בִּלְעָם אִיךְ וֶועל
דִיר גְרוֹם כָּבוֹד אָן טָאן נָאר שֶׁעלְט מִיר
דִי יִשְׂרָאֵל אַזוֹ הָט בִּלְעָם גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין
דָם עֶר אִיז בַּיי גָאט אִין דֶר הַאנְד אוּנ הָט
גֶעזָאגְט וֶוען בָּלָק וֶועט מִיר גֶעבֶּן זַיין הוֹיז
פִיל מִיט גָאלְד אוּנ זִילְבֶּר טָאר אִיךְ אוֹיךְ
נִיט אַנְדֶערְשׁ טָאן נָאר וִוי גָאט הֵייסְט מִיר
אוּנ פוּן דַאנֶען לֶערְנִין מִיר אָפּ דָאם בִּלְעָם
הָאט גֶעגְלִיסְט צוּ פִיל גֶעלְד אוּנ נוֹטִם אוּנ
אַזוֹ הָט עֶר גֶעזָאגְט בָּלָק דַארְף מִיר גֶעבֶּן
נָאר זַיין זִילְבֶּר אוּנ גָאלְד דֶען עֶר וָואלְט
גֶעבַּארְפְט פִיל הִיל דִינְגֶען וֶוערְשְׁט וָואלְט
אַסָפֵק גִיוֶוען אוֹבּ עֶר וֶועט גֶעווִינֶען אָבֶּר אִיךְ
וֶועל מִיט מַיין שֶׁעלְטֶן גֶעוִויס גֶעווִינֶען אוּנ עֶר
הָט גֶעזָאגְט צוּ דִי שָׂרִים פוּן מוֹאָב נֶעכְטִיגְט
אִיר אוֹיךְ אִיבֶּר דִיא נַאכְט וֶועל אִיךְ הֶערִין
וָום גָאט וֶועט מֶערִין רֵיידֶן צוּ מִיר דֶען גָאט
וֶועט גֶעוִויס נִיט פַּר עֶנְדֶערֶן פוּן אֵיין בְּרָכָה
צוּ אֵיין קְלָלָה הַלְוַאי גָאט זָאל נִיט מֶערִין
זֵיי קֵיין בְּרָכָה דָא הָט עֶר נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט
דָאם גָאט וֶועט נָאךְ מֶערִין בְּרָכוֹת צוּ דִיא
הֵיילִיגֶע יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ אִים אוּנ עֶר הָאט
גֶעזָאגְט צוּ דִי שָׂרִים אִיר זֶענְט קְנֶעכְט צוּ
אֵיין

### של"ה הקדוש

(וְעַתָּה לְכָה נָא אָרָה לִי) עֶר הָאט אִים גֶעהֵייסֶן
פְלִיכֶען דִיא יִשְׂרָאֵל אוּנ הָט גֶעזָאגְט דִיא
וֶוערְטֶער (אָרָה לִי) עֶר הָט גֶעמֵיינְט אַזוֹ דוּ זָאלְסְט
שֶׁעלְטֶן פוּן מַיינִיט וֶוענִין נָאר מֶען קֶען אוּים לֵייגֶן
דָאם פֵּירוּשׁ פוּן (אָרָה לִי) דוּ זָאלְסְט מִיר שֶׁעלְטֶן
אוּנ אַזוֹ הָאט זִיךְ טַאקֶע אוּם גֶעקָאזְט וָוארוּם עֶם
שְׁטֵייט (אַל יִפְתַּח אָדָם אֶת פִּיו לְשָׂטָן) אֵיין מֶענְשׁ
טָאר נִיט אוּם לֵייגֶן אוֹיף זִיךְ קֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט
וָוארוּם וֶוען עֶר רֶעט אַרוּם אֲפִילוּ אָן כַּוָּנָה אִיז
עֶר מַמְשִׁיךְ דָם שְׁלֶעכְטְס אוֹיף זִיךְ:

### לקוטי יקרים

אַז דִי מֶענְשֶׁן זֶענִין דִיךְ גֶעקוּמֶן רוּפֶן שְׁטֵיי אוֹיף
אוּנ גֵיי מִיט זֵייא נָאר וִויא אַזוֹ אִיךְ וֶועל מִיט דִיר
רֵיידֶן אַזוֹ זָאלְסְטוּ טָאן דֶר (צִיוּנִי). שְׁרַייבְּט דָם אֵיין
כּוּתִי הָט גִיפְרֶעגְט צוּ רַבִּי אֶלְעָזָר וִוי גֶעשִׁיקְט זִיךְ
דָם אַז בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען חָשׁוּבֶר פוּן מֹשֶׁה וָוארִין
בַּיי מֹשֶׁה שְׁטֵייט דָאם גָאט הָאט אִים גֶערוּפֶן אוּנ
הָט נִיט גֶעוָואלְט צוּ אִים אַהֵיים גֵיין אוּנ צוּ בִּלְעָם
גֶעפוּנֶן מִיר דָם גָאט אִיז צוּ אִים יָא אַהֵיים גֶעקוּמֶן
הָט אִים רַבִּי אֶלְעָזָר גִיעֶנְטְפֶערְט דָם אִיז אֵיין מָשָׁל
צוּ אֵיין מְצוֹרָע וָום הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶן אוֹיף דֶעם

טוּט

אֵיין מֶענְשׁ אוּנ מוּזְט טָאן וָואס עֶר הֵייסְט אֵייךְ אוּנ מִכָּל שֶׁכֵּן דָם אִיךְ מוּז טָאן וָואס גָאט הֵייסְט מִיר אוּנ גָאט הָאט גֶעזָאגְט צוּ בִּלְעָם אוֹב זֵיי וִוילֶן דִיר שְׂכַר גֶעבֶּן זָאלְסְטוּ גֵיין מִיט זֵיי נָאר וָואס אִיךְ וֶועל דִיר הֵייסֶן דָם וֶועסְטוּ מוּזֶן רֵיידֶן אוּנ פוּן דֶעסְט וֶועגִין אִיז בִּלְעָם גֶענַאנְגֶן דֶען עֶר הָט זִיךְ גֶעטְרַאכְט טָאמֶר וֶועט עֶר קֶענִין גָאט אִיבֶּר רֵיידֶן עֶר זָאל מַסְכִּים זַיין צוּ שֶׁעלְטֶן דִי יִשְׂרָאֵל אוּנ בִּלְעָם אִיז אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶן אִין דֶר פְּרִיא אוּנ הָט אַלֵיין אָן גֶעגָארְט זַיין אֵייזֶל חָאטְשֶׁע עֶר הָאט גֶעהַאט פִיל קְנֶעכְט נָאר פַאר גְרוֹם שִׂמְחָה וָוס עֶר גֵייט שֶׁעלְטֶן דִי יִשְׂרָאֵל הָט עֶר אַלֵיין אָן גֶעגָארְט זַיין אֵייזֶל דֶען בִּלְעָם הָט מֶער פַיינְט גֶעהַאט דִי יִשְׂרָאֵל וִוי בָּלָק אַזוֹ הָאט גָאט גֶעזָאגְט צוּ בִּלְעָם דוּ רָשָׁע זַייעֶר פָאטֶר אַבְרָהָם הָט זִיךְ שׁוֹן גְפֶעדֶרְט דֶען עֶר אִיז אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶן אִין דֶער פְּרִיא אוּנ הָט אַלֵיין אָן גֶעגָארְט זַיין אֵייזֶל צוּ פִירֶן זַיין זוּן יִצְחָק צוּ דֶר עֲקֵידָה צוּ שֶׁעכְטֶן אִים פַאר אֵיין קָרְבָּן צוּ מִיר אוּנ פוּן דֶעם זְכוּת וֶועגִין וֶועסְטוּ נִיט קֶענִין טָאן צוּ יִשְׂרָאֵל קַיין בַּייז אוּנ גָאט הָט גְצֶערְינְט וָוס עֶר גֵייט אוּנ חָאטְשֶׁע גָאט הָאט אִים גֶעהֵייסֶן גֵיין אוּנ וָוארוּם הָט עֶר גְצֶערִינְט נָאר עֶר הָט אִים גֶעהֵייסֶן גֵיין אוּנ נִיט שֶׁעלְטֶן אוּנ עֶר הָאט בְּדֵיעָה גֶעהַאט צוּ שֶׁעלְטֶן אוּנ דְרוּם הָאט גָאט צוּם עֶרְשְׁטֶן גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִיט גֵיין אוּנ דֶער נָאךְ הָאט עֶר אִים גֶעהֵייסֶן גֵיין צוּ וַויְיזֶן דָם אִין דֶעם וֶועג וָוס אַמֶענְשׁ ווִיל גֵיין אִין דֶעם וֶועג פִירְט מֶען אִים אוּנ מֶען קֶען פְרֶעגִין וָוארוּם הָט אִים גָאט אָן גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִיט שֶׁעלְטֶן אַמֶער לָאז עֶר יָא שֶׁעלְטֶן אֵיין גַאנְצֶען טָאג אוּנ גָאט זָאל מַאכֶן דָאס זַיין קְלָלָה זָאל נִישְׁט זַיין אוּנ אוֹב בִּלְעָם הָט גֶעהַאט כֹּחַ צוּ בֶּענְשֶׁן וָוארוּם הָאט עֶר נִיט גִיבֶּענְשְׁט צוּ בָּלָק עֶר זָאל נִיצוֹל וֶוערִין פוּן יִשְׂרָאֵל דֶען בָּלָק הָאט דָאךְ נִיט מֶער בַּגֶערְט נָאר צוּ נִיצוֹל וֶוערִין פוּן יִשְׂרָאֵל אוּנ אֲפִילוּ וֶוען בִּלְעָם הָט נִיט גִיקֶענְט שֶׁעלְטֶן דִיא יִשְׂרָאֵל הָאט עֶר גִיקָאנְט לְכָל הַפָּחוֹת בֶּענְשֶׁן צוּ בָּלָק אַזוֹ וָואלְט עֶר אִים זַיין שְׂכַר בַּצָאלְט דֶער פוּן לֶערְנִין מִיר אָפְּ דָאס עֶר הָאט נִיט גִיקֶענְט בֶּענְשֶׁן דֶען עֶר זָאל גִיוֶועז קֶענִין בֶּענְשֶׁן וָואלְט עֶר זִיךְ גִיבֶּענְשְׁט עֶר זָאל שְׁטַארְבֶּן מִיט זַיין טוֹיט אוּנ צוּם סוֹף אִיז עֶר וָוארֶן דֶר שְׁלָאגֶן מִיט אֵיין שְׁוֶוערְד דֶען עֶר הָט מִיט כִּישׁוּף גֶעמַאכְט דָאס עֶר אִיז גֶעפְלוֹיגֶן אִין דֶר לִיפְטֶן אָבֶּר דִי יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן מִיט שֵׁמוֹת גֶעמַאכְט דָם עֶר אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלֶן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנ זֵייא הָאבֶּן אִים גֶעהַרְגִית מִיט אַשְׁוֶוערְד נוּא זֶעהְן מִיר דָאס זַיין בְּרָכָה אִיז נִישְׁט אַזוֹ אִיז זַיין קְלָלָה אוֹיךְ גִיט אוּנ וָוארוּם הָאט אִים גָאט גִיוֶוערְט צוּ שֶׁעלְטֶן:

ליקוטי יקרים

טוֹעֶר פוּן דֶעם מֶלֶךְ הָט דֶר מֶלֶךְ גֶעזָאגְט אִיךְ וִויל נִישְׁט דָם עֶר זָאל אַרַיין קוּמֶן אִין מַיין הוֹיף אַרַיין אוּנ זָאל עֶס מְטַמֵא זַיין אִיךְ וֶועל גֵיין צוּ אִים אַזוֹ אִיז דִיא זַאךְ גֶעוֶועזְן מִיט בִּלְעָם אָבֶּר משֶׁה רַבֵּינוּ הָט אִים גָאט גֶערוּפֶן אִין זַיינֶע הֵייף אוּנ הָט אִים גֶעוַויזֶען אַלֶע חֲדָרִים (וַיָקָם בִּלְעָם בַּבּוֹקֶר) אִיז בִּלְעָם אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶען גַאנְץ פְּרִיה אוּנ הָאט גֶעזָאטִילְט זַיין אֵייזֶל אוּנ אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דִיא הַאֶרֶן פוּן מוֹאָב. אִיז גָאט בְּרוֹגֶז גֶעוֶועזְן וָואס עֶר אִיז גֶענַאנְגֶן דֶער נַחַל קְדוּמִים שְׁרֵייבְּט דָאס אַיין חָכָם פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם הָאט אַמָאל גִיפְרֶעגְט צוּ אֵיין חָכָם פוּן דִי יִשְׂרָאֵל פַר וָוס אִיז גָאט בְּרוֹגֶז גֶעוֶועזְן אוֹיף בִּלְעָם וָוס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶן עֶר הָאט דָאךְ אִים גֶעהֵייסֶן גֵיין. הָט אִים דֶר יוּדִישֶׁער חָכָם גִיעֶנְטְפֶערְט עֶס אִיז טַאקִי אֱמֶת דָם גָאט הָט אִים אַלֵיין גֶעהֵייסֶן גֵיין נָאר עֶר הָט אִים אָבֶּר אָן גֶעזָאגְט אֵיידֶר עֶר וֶועט גֵיין וֶועט עֶר מִיט אִים עֶפִּיס רֵיידֶן אוּנ בִּלְעָם אִיז אַזוֹ גֶעוֶוען גֶעאֵיילְט צוּם גֵיין אוּנ הָאט גָאר נִיט גֶעוָואלְט וַוארְטֶן צוּ הֶערִין גָאטְס רֵייד וָואס עֶר וֶועט אִים זָאגֶן בִּיז גָאט הָאט אִים גֶעמוּזְט אוֹיף דֶעם וֶועג אֵיין מַלְאָךְ נָאךְ שִׁיקֶן אִיבֶּר דֶעם אִיז גָאט בְּרוֹגֶז גֶעוֶועזְן. נָאךְ אֵיין פְּשַׁט אִיבֶּר דֶעם אִיז גָאט בְּרוֹגֶז גֶעוֶועזְן וָוארוּם בִּלְעָם הָט זִיךְ אַזוֹ גֶעאַיילְט צוּ גֵיין שֶׁעלְטֶן דִיא יִשְׂרָאֵל דָאס עֶר הָט גָאר נִיט גֶעוָואלְט וַוארְטֶן בִּיז מֶען וֶועט אִים זַיין אֵייזֶל זָאטְלֶען נָאר עֶר אִיז גֶעגַאפְּן מִיט דִיא פִּיס אוּנ הָט אָן גֶעזָאגְט זַיינֶע קְנֶעכְט זָאלֶן אִים נָאךְ בְּרֶענְגֶן דָם אֵייזֶל וַוייל עֶר הָט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ וַוארְטֶן אוֹיף דֶעם אֵייזֶל גָאט ב"ה זָאל דֶר וַוייל קֵיין חֲרָטָה הָאבֶּען אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אִים גֶעהֵייסֶן גֵיין:

שעלטן דר תירוץ איז גאט האט געוואוסט דס פיל פון ישראל וועלין פאלען אין דר מגפה פון וועגין זנות אונ ווען בלעם וועט זיי שעלטן אזו וועט מען מיינן דס זיי פאלן פון וועגין זיין קללה דרום האט גאט אים ניווערט צו שעלטן אבר בלעם האט ניט גיקענט שעלטן אונ ניט בענשן נאר ער הט געוואוסט דיא צייט וואס גאט צערינט הט ער דס מאל געשאלטן אונ אין דיזר צייט הט גאט נאר ניט נצערינט. אונ אמלאך פון גאט הט זיך גישטעלט אקעגין בלעם מיט אבלוסע שווערד דער מלאך וואלט אים גיקענט פאר ברענין מיט אבלאז נאר ווייל בלעם הט ניט גיטאן וויא דר סדר איז צו ווערין זיך מיט אשווערד נייערט ער איז געגאנגן צו שעלטן די ישראל מיט זיין מול דרום הט דר מלאך אוך ניט גיטאן ווי זיין סדר איז אונ האט גענומען אשווערד (ויך בלעם את האתון) אונ בלעם הט געשלאגן דאס אייזל. אונ דאס אייזל הט גיזעהן דעם מלאך אבר בלעם הט ניט גיזעהן דען ער וואלט זיך דר שראקן אונ דר מלאך האט זיך גישטעלט אוף דעם וועג פון בלעם דריי מאל אוף דריי ערטר איין מאל אוף אפעלד ווס הט קיין צום ניט דס איז אקעגין אברהם ווס ער הט געהאט פון ביידע זייטן שלעכטי קינדר פון הגר אונ פון קטורה דר מיט הט בלעם געטראכט צו שעלטן זייא אונ דאס אנדרי מאל הט ער זיך גישטעלט אוף איין ארט ווס הט אצום פון איין זייט אונ דאס אייזל הט צו בלעם צו נקוועטשט זיין פיס צו דר וואנד אונ דס איז גיוועזן אקעגין יצחק ווס ער הט אוף איין זייט געהאט אשלעכטן זון עשו אונ צום דריטן מאל האט ער זיך גישטעלט אוף איין ארט ווס האט געהאט פון ביידע זייטן מויערן דס איז אקעגין יעקב וואס אלע זיינע קינדר זענין גיוועזן גוט אונ פרום אונ צום דריטן מאל הט זיך דס אייזל ניט גיקענט רירן הט עס זיך אנידר געלייגט אונטר בלעם אונ בלעם האט דאס אייזל געשלאגן דריי מאל הט גאט גיעפינט דאס מויל פון דם אייזל אונ זי זאגט צו בלעם דו האסט מיך געשלאגן דריי מאל ווייל דו ווילסט גיין שעלטן אפאלק ווס ווערין גיין דריי מאל אין יאר עולה רגל זיין קיין ירושלים זאגט בלעם ווען איך וואלט געהאט אשווערד וואלט איך דיך געהרגית ענפרט דם אייזל דו גייסט פר לירן אגאנצע אומה מיט דיין מויל אונ צו מיר דארפסטו האבן אשווערד אזו האט ער ניט גיקאנט ענפרין האבן זיך דיא שרים פר וואונדרט פרעגין אים דיא שרים ווארום ביסטו ניט געריטן אוף איין פערד זאגט בלעם איך האב עס געלאזט אין פעלד זאגט דם אייזל איך בין דיין אייזל זאגט בלעם דו ביסט מיין אייזל צו טראגן משא זאגט דם אייזל דו רייטסט אוף מיר זאגט בלעם עס טרעפט זיך אמאל זאגט דם אייזל פון דיין יוגנד אן רייטסטו אוף מיר האט גאט גיעפינט דיא אויגן פון בלעם אונ ער הט דר זעהן דם מלאך מיט דר בלוסע שווערד הט ער זיך געבוקט אונ איז געפאלן צו דר ערד זאגט דר מלאך צו אים ווארום האסטו געשלאגן דיין אייזל אונ חאטשע דם אייזל הט קיין זכות אבות ניט בין איך דאך ווארען געשיקט צו שטראפן דיך דרוף ווס דו האסט עס געשלאגן אונ מכל שכן בין איך מחויב צו שטראפן דיך דו זאלסט ניט שעלטן דיא ישראל ווס זיי האבן זכות אבות ענפערט בלעם איך האב ניט געוואוסט דם דו שטייסט פר מיר אזוי

הט

### של"ה הקדוש

(חטאתי כי לא ידעתי) ער זאגט איך האב געזינדיגט ווייל איך האב ניט געוואוסט דרוף קאנ מען פרעגן איין קשיא אז ער הט ניט געוואוסט נוא וואס הט ער געזינדיגט נאר דיא מעשה איז אזו דם איין מענש איז בעגאנגן צו היטן אונ צו פאר שטיין אז ער היטט ניט איז ער דרינגען שולדיג. ווארום דרום הט השי"ת אים געגעבן שכל צו פר שטיין אזו איז דא אוך בלעם הט געדארפט פר שטיין אז ניט אום זיסט האט דאס אייזל אים אזו גיטאן דר עיקר פון דער נאך איז איין מענש רעכינט זיך שטענדיג פר איין מועד סיי ער איז אוף סיי אז ער שלאפט ווארום איין מענש דארף זיין פאר זיכטיג אונ בעטראכטן וואס ער טוט אז עס זאל דר פון קיין שלעכטס ניט ארום קומען:

הט ער גרום חרפה דר פון איין גענומן פון די שרים דם ער ווייסט גאר ניט אונ בלעם הט געזאגט אוב גאט וויל וועל איך מיך אים קערין דען דער סדר פון גאט איז אזו ער האט געהייסן אברהם זיין זון צו איין קרבן ברענגן אונ דר נאך הט ער דורך איין מלאך אים גיקערט זיינע רייד אונ הט געזאגט ער זאל אים ניט אן רירן זאגט דער מלאך גיי מיט זיי דר פון לערנין מיר אפ דם אין דם וועג וום דער מענש וויל גיין אין דעם וועג פירט מען אים אונ דם אייזל איז געהרגית געווארן כדי זייא זאלן אים ניט מאכן פאר איין אפ גאט אונ אויך האט גאט רחמנות געהאט אויף דעם רשע כדי לייט זאלן ניט גדענקין זיין חרפה וואס ער הט איין גענומן דורך דם אייזל. אונ נאך אפשט איז ווייל דם אייזל איז ווארן בשאפן פון ששת ימי בראשית צו רידן מיט בלעם אונ אז עם הט אפ גירעט מיט בלעם איז עם געהרגית געווארן. אונ בלעם הט גיבועט זיבן מזבחות ער האט געזאגט זיבן עלטרין פון ישראל האבן געמאכט זיבן מזבחות אדם קין נח אברהם יצחק יעקב משה אונ איך וועל מאכן זיבן מזבחות אקעגין אלע אונ זאגט צו גאט דיין כבוד איז דו זאלסט מקבל זיין קרבנות פון פיל אומות אבר גאט הט זיין קרבן ניט אן גענומן אונ בלק הט געפירט בלעם אויף פיל בערג כדי ער זאל זעהן די ישראל מיט זיינע אוגן אונ זאל זייא איין עין הרע געבן אונ גאט איז צו בלעם אקעגין געקומן דען ער האט ניט געוואלט ער זאל קומן פאר אים עם איז אמשל צוויי מענשן קלאפן אין דער טיר פון אהאר איינר איז איין פריינד צום האר אונ דר אנדערר איז אמצורע זאגט דער האר לאז דער פריינד אריין גיין אונ צום מצורע האט ער ארום געשיקט אתשובה אונ האט ניט געוואלט ער זאל אריין קומן צו אים אונ בלעם איז געווען הינקדיג אויף א פים אונ בלינד אויף איין אוג אונ דרום רופט אים דער פסוק גבר דם איז טייטש איין האן אונ אזו וויא אהאן ווייסט דיא צייט ווען עם ווערט טאג אונ ווען עם איז אין מיטן דר נאכט אזו אויך

האט בלעם געוואוסט דיא צייט ווען גאט צערינט אונ דענסט מאל הט ער געוואלט שעלטן די ישראל אבר גאט הט די גאנצע צייט גאר ניט גצערינט אונ אזו וויא אהאן אין דער צייט וום גאט צערינט מאכט ער צו דיא אוגן אונ שטייט אויף איין פים אזו אויך איז בלעם געווען בלינד אויף איין אוג אונ האט געהינקן אויף א פים אונ אזו וויא אהאן קרייעט זיבן מאל אין דר נאכט אזו אויך הט בלעם זיבן מזבחות געמאכט אונ ווען דר האן קרייעט פליהן אוועק די מזיקים דרום מאכן מיר אלע טאג אברכה (אשר נתן לשכוי בינה) דם איז טייטש גאט הט געגעבן שכל צו דעם האן צו וויסן די צייט פון טאג אונ נאכט אונ בלעם האט זייער הוך געשריגן כדי אלע אומות זאלן הערין אונ זאלן זיך מקנא זיין אן ישראל אונ בלעם זאגט צו בלק פון ארם האסטו מיך גערופן איך זאל שעלטן דיא ישראל זייער פאטר אברהם איז דאך מיט פיל ברכות ארום געגאנגן פון ארם אונ אויך יעקב איז מיט פיל ברכות ארום געגאנגן פון ארם אז ער איז אהין אנטלופן פר זיין ברודר עשו אונ ווען אברהם זאל ניט געווען מציל זיין לוט פון סדום וואלט לוט מיט זיינע טעכטער אים געקומן וואלסטו בלק אויף דר וועלט גאר ניט געקומן דען מואב איז געווען איין זון פון דער טאכטר פון לוט אונ ווען ניט יעקב וואלט איך בלעם אויך אויף דר וועלט ניט געווען דען אז יעקב איז געקומן צו לבן הט לבן קיין זון ניט געהאט אונ ווי באלד יעקב איז געקומן צו לבן הט אים גאט גיבענשט מיט איין זון אונ פון דם זון איז ארום געקומן בלעם אונ דרום וויא קענין מיר זיי שעלטן זייערע עלטרין האבן אונז דאך אויף דער וועלט געבראכט אונ אויך הט בלעם געזאגט דו הייסט מיר שעלטן יעקב דאם קאן איך ניט ווען דו זאלסט מיר הייסן שעלטן אברהם אדר יצחק דאם וואלט איך גיקאנט אבר יעקב קען איך ניט שעלטן דען ער ווערט גערופן איין ארב פון גאט אונ זיין געליבט פאלק אונ ווער עם שעלט די ישראל דער שעלט זיך אליין דען אפילו ווען זייא זעגין

חייב געוועזן צו שעלטן האט מען זייא ניט געשאלטן אזו ווי מיר געפינן דם יעקב אז ער האט אוס גינארט דיא ברכות ביי זיין פאטר יצחק הט ער אים געדארפט שעלטן אזו האט ער אים נאך מער גיבענשט וויא פריער אונ אפילו אז זייא האבן דאס עגל געמאכט זענין זיי ראוי געוועזן גאט זאל זיי שעלטן פון דעסט וועגין האט זיי גאט פיל גוטס גיטאן אונ הט זיי געגעבן דעם מן אונ דעם באר אונ הט זיי ארום גערינגלט מיט וואלקן אונ דרום וויא זאל איך זיי שעלטן אונ איך ווייס דיא צייט וואס גאט צערינט קען איך אין דר צייט שעלטן אונ די היינטיגע צייט צערינט גאט ניט דרום קען איך זייא ניט שעלטן אונזערי חכמים זאגן ווען גאט וואלט די צייט געוועזן גצערינט וואלט חס ושלום ניט איבר געבליבן פון ישראל קיין איבר בלייבינג אונ חאטשע דר צארן פון גאט דויערט נאר ווי מען קען זאגן דם ווארט רגע נאר בלעם איז קליג געוועזן ער וואלט געזאגט דאס ווארט כלם דאס איז טייטש פר לענד זיי. אבר גאט הט פר קערט דם ווארט כלם צו מלך דם ווייזט דם גאט איז איין מלך צו ישראל אויך הט בלעם געזאגט זייא האבן פיל מצות ווער קען ציילן דיא מצות וואס זיי טאן מיט דעם אש פון דער פרה אדומה אונ מיט דעם אש וואס מען טרינקט אן איין סוטה וועם פר בארגט זיך מיט אפרעמדן מאן אונ זייא זייען ניט קיין כלאים אין דער ערד אונ בלעם הט גבעטן ער זאל שטארבן מיט איין טוט אזו ווי די ישראל שטארבן אונ זיין סוף זאל זיין אזו ווי דר סוף פון ישראל וועט זיין אבר גאט הט אים גיטייט מיט אבייזן טוט ער האט נאר גילעבט פיר אונ דרייסיג יאר אונ דר

נאך איז ער געווארן דר הרגיט מיט אשווערד אונ עס איז קשה וואס הט בלעם געמיינט ווס ער הט גירעכינט די מצות ווס ישראל האלטן מיט דעם אש פון דר פרה אדומה אונ פון איין סוטה אונ זייא זייען ניט קיין כלאים דאס איז מען טאר ניט זייען קירן אונ ווייץ אין איין ניין גארטן ווארום האט ער גרעסערי מצות ניט גירעכינט וואס ישראל האלטן דער תירוץ איז בלעם איז געוועזן אחכם צו בייזן ער האט גיזעהן מען קען ישראל ניט טאן מיט מלחמה אונ ניט מיט שעלטן האט ער זיך געטראכט דיא ישראל זענין זייער פרום דרום האבן זייא אקיום דען מיר געפינן דאס דריי עבירות זענין גרום אקעגין גאט וואס ער טייט דיא גאנצע וועלט פון דיא עבירות וועגין אזוי ווי מיר געפינן ביי דעם מבול אונ דיא דרייא עבירות זענין ע"א אונ זנות אונ גזילה פון די דריי עבירות וועגין הט גאט געבראכט דם מבול דם זאגט בלעם פון די דריי זענין די ישראל געווארינט אקעגין דעם וואס זיי האבן געדינט ע"א דם איז דם עגל האבן זיי דם אש פון דר פרה אדומה ווס איז מכפר אויף דעם עגל אונ אקעגין זנות איז דם אש פון איין סוטה דם ווי באלד מען האט איין אשה חושד געוועזן זיא האט מזנה געוועזן חאטשע עס איז קיין עדות ניט געוועזן דאך האט מען איר געגעבן טרינקן וואסר מיט אש פון דם בית המקדש אונ אוב זיא הט מזנה געוועזן איז זיא געשוואלן געווארן פון דעם וואסר דרום הט איטליכע אשה מורא געהאט מזנה צו זיין דרום הט בלעם געזאגט מען קאן זיי ניט טאן זיי האבן ניט קיין זנות ביי זיך אונ זייא זענין געבאטן דאס אפילו זייערי בהמות זאלן ניט מזנה זיין איין מאן

מיט

אוהל יעקב

(וישא משלו ויאמר) הט בלעם אויף געהובן זיין ביי שפיל אונ הט אזו געזאגט (מן ארם ינחני בלק מלך מואב מהררי קדם לכה ארה לי יעקב וכו') עס איז איין משל אין איין שטאט פון אפיקורסים איז געוועזן אבעל דרשר אונ איין מוכיח וואס ער פלעגט ארום פארן אויף דיא שטעט צו שטראפן דיא מענשן אונ צו דרשנין אמאל איז ער געקומן אין אגרוסער שטאט פון חכמים אונ לומדים אונ דר מוכיח הט זיך אנידר גישטעלט אויף דעם בלעמר צו דרשנין אונ צו שטראפן דעם עולם פאר וואס זייא טוען עבירות אונ ער הט זיי געשאלטן האבן זיך איין געזאמילט אלע חכמים פון דער שטאט זייא זאלען זיך אין אים נוקם זיין פר ווס ער שטראפט זיי אונ דר מוכיח פאר ענטפערט זיך אונ זאגט צו זייא ווייסט איר דען ניט אז אין אינזר הייליגר תורה שטייט עס איז איין מצוה איינר זאל דעם אנדערן שטראפן ענטפערן זייא אים עס איז טאקע אמת אז איינר בארף דעם אנדערן שטראפן נאר מיר ווייס

אבר

מיט דעם אנדערין אונ דם מבול איז דרום
געקומן ווייל דיא בהמות אונ עופות האבן
זיך בהעפט ניט מיט זייער מין אונ דם הט
בלעם געזאגט זיי האבן מצות ביי דם אש
דאס ווען זייא ווילן אקערן טארן זייא ניט
אקערן מיט איין אוקס אונ מיט איין אייזל
דען ווען איין אוקס מיט איין אייזל וואלטן
ביי אנאנדר געאקערט וואלטן זיי אין איין
שטאל געוועזן אזו וואלטן זייא זיך בהעפט
מיט אנאנדר דרום זאגט בלעם זייא זענין
געבאטן אויף זייערע בהמות זייא זאלן ניט
מזוגה זיין מכל שכן זיי אליין טארן בוודאי
ניט מזוגה זיין אונ אויך זענין זיי געבאטן ביי
דעם אש דם מען זאל ניט זייען קארן אונ
ווייץ אין איין גארטען נאר מען זאל אפ
טרעטן פיר איילן כדי דם קארן אונ ווייץ
זאל ניט אוועק נעלנין דם כח פון דעם וויין
גארטן מכל שכן זייא זענין געבאטן איינר
זאל ניט גזלנין ביי זיין חבר אויך זענין ישראל
ווארן געבאטן צו בדעקין דיא ערלה מיט
אש ווען מען איז אקינד מל דאס אלץ הט
בלעם אונ בלק גיזעהן דרום האט בלעם
איין עצה געגעבן צו בלק ער זאל זיי מאכן
זינדיגן מיט ע"א אונ מיט זנות אזו ווי ווייטר
וועט שטיין אונ דורך דעם וועלין ישראל
פר לארן ווערין אונ בלעם הרשע הט זייער
הויך געשריגן ביי דעם בענשן וואס ער הט
גיבענשט דיא ישראל רבי יהושע בן לוי
זאגט זיבציג מייל הט מען גיהערט דם קול
פון בלעם רבי אליעזר הקפר זאגט גאט
הט געגעבן כח צו בלעם דאס מען הט זיין
קול גיהערט פון איין עק וועלט צו דער
אנדערר ווייל עס איז דא פיל אומות וואס
בוקן זיך צו דר זון אונ צו דר לבנה אונ צו
די שטערין דרום הט גאט אים כח געגעבן
מען זאל זיין קול הערין אויף דער גאנצר
וועלט כדי מען זאל וויסען דם עס איז דא
איין גאט אויף דער וועלט דער גאט פון
ישראל אונ בלק הט געזאגט צו בלעם איך
האב דיך גערופן צו שעלטן די ישראל אונ
דו בענשטסט זיי הט בלעם צו אים געזאגט
איך מוז טאן וואס גאט הייסט. (אל ראש
הפסגה) בלק הט גיזעהן דאס משה רבינו
וועט שטארבן אויף ראש הפסגה דרום הט
בלק גפירט בלעם אויף דם ארט צו שעלטן
די ישראל ווי באלד די שרים האבן גיזעהן
דאס ער בענשט די ישראל האבן זיך פון
זייא אטייל שרים אים ניקערט אונ אטייל
שרים אונ בלק זענין איבר געבליבן אונ
האבן פון אים ליצנות געמאכט אונ פרעגין
אים וואס הט גאט גירעט דען דו ווייסט גאר
ניט אן גאט הט בלעם גצערינט אונ זאגט
צו בלק דו זיצט דו מענש שטעל דיך אויף
דיינע פים פון וועגין דם כבוד פון גאט אונ
בלעם זאגט גאט איז ניט גלייך ווי אמענש
וואס ער זאגט עפיס צו אונ דר נאך הט ער
חרטה אבר גאט הט מיר געהייסן בענשן
דיא ישראל אונ ער וועט קיין חרטה ניט
האבן (לא הביט און ביעקב) גאט הט ניט
גיזעהן קיין זינד אן יעקב אונ ווייא זאל איך
זיי שעלטן אז גאט איז זייער שומר אונ ער
שלאפט ניט האט בלק געזאגט צו בלעם
זעה ווער עס וועט זיי פירן נאך דעם טוט
פון משה טאמר וועסטו זייא קענין שעלטן
אויף יענר צייט הט בלעם געזאגט איך זעה
דם יהושע וועט זיי פירן אונ ער איז זייער
חשוב דם מיט דם בלאזן פון אשופר וועט
ער מאכן איין פאלען שטארקע מויערין דם
הט בלעם געזאגט (ותרועת מלך בו) מיט
זיין בלאזן שופר וועט ווערין געוויזן זיין
מלכות (אל מוציאם ממצרים) גאט האט
זיי אויס געצויגן פון מצרים ניט אזו ווייא דו



אוהל יעקב

אבר אז דיא מענשן פון דיין שטאט זענין נאך ערגיר פון
אונז אונ טוען אלערליי עבירות צום סוף האסט דו זיי פר
לאזט אונ דו שטראפסט זיי ניט אונ דו ביסט געקומן צו
אונז דו זאלסט אונז שטראפן אונ שעלטן ביסט דו דאך
איין משוגענר דם נעמליכי הט זיך בלעם פר וואונדערט
אונ האט אזו געזאגט (מן ארם ינחני בלק מהררי קדם)
פון ארם הט מיך געפירט בלק דר מלך פון מואב ער הט
מיך געפירט פון דיא בערג פון מזרח זייט אונ האט מיר
געזאגט (לכה ארה לי יעקב) גיי שעלט מיר יעקב (ולכה
זועמה ישראל) אונ גיי צערין מיר אויף די יודן אונ איטליכר
ווייסט זיך וואל אז די מענשן פון מיין ארט זענין ווילדע
מענשן אונ זענין שלעכט רופט מיך דער בלק אוועק פון
זיי איך זאל גיין שעלטן די יודן וועל איך אום ווייזן דז
אמשוגענר:

בלק זאגט ווייא זענין אליין ארום גיגאנגן פון מצרים אונ ווען ישראל האבן ווייניג עבירות שטראפט זיי גאט ניט באלד אונ ווען אפילו זיי זענין ווייניג פרום מאכט זיי גאט גאנץ הויך (כי לא נחש ביעקב) זייא זענין ווערט מען זאל זיי בענשן ווייל זיי טאן ניט קיין כישוף אונ זיי ווערין אלץ גיוואר אן כישוף דען גאט לאזט זיי אלץ וויסן דורך אורים ותומים גאט איז אליין דר האר אונ דר בשיצר פון ישראל דרום העלפט קיין כישוף ניט אונ זיי דארפן קיין כישוף ניט צו ברויכן דען גאט וייסט אלץ וואס עס ועט גישעהן אונ לאזט זיי וויסן אבר די מלאכים וייסן ניט אלץ וואס וועט זיין אונ בלעם הט גיזעהן ווייא די ישראל וועלין זיצן פר גאט אזו ווי א תלמיד זיצט פר זיין רבי אונ וועלין תורה לערנין אונ דיא מלאכים וועלין זיין פון אויסן ווייניג אונ וועלין פרעגין צו ישראל וואס האט גאט מיט אייך גילערינט אונ די ישראל וועלין זיי זאגן (הן עם כלביא יקום) די ישראל שטיין אויף גאנץ פריא אונ לייגן טלית אונ תפילין אונ לייגען קריאת שמע אונ דאווינען שמונה עשרה אונ ביי נאכט ווען זיי לייגן זיך שלאפן לייגען זיי פריער קריאת שמע אזו פליהן פון זייא אוועק די מזיקים אונ דרום ווי קענין מיר כישוף טאן אונ בלעם הט אויף זיך נביאות גיזאגט דס ער וועט פר לארן ווערין דורך דר שווערד אונ בלק הט געזיכט איין ארט ווי צו שעלטן די ישראל אונ הט גיזעהן אויף די שטערין דס דיא ישראל וועלין זינדיגן ביי דעם אפ גאט וואס הייסט פעור אונ וועלין דר שלאגן ווערין אזו הט ער געפירט בלעם צו דעם אפ גאט פעור ער זאל פון דארטן שעלטן די ישראל הט בלעם גיזאגט איך הער די רייד פון גאט אונ איך זעה די שיין פון גאט ווען איך טיה פאלן דען ער הט ניט גיקענט איין שטיין אז גאט הט זיך צו אים בוויזען נייערט ער האט געמוזט פאלן צו דר ערד אונ ער הט אן געהובן צו בענשן די ישראל אונ ער הט געזאגט ווי זייער בצניעות זענין דייגע געצעלטן דו ישראל דאס עס שטייט ניט איין טיר אקעגין דר אנדר כדי איינר

זאל ניט זעהן וואס דער חבר טוט אין זיין גיצעלט אונ זאל דעם חבר ניט מקנא זיין אונ זאל אים קיין עין הרע ניט געבן אויך הט ער גיזאגט ווייא אשיין משכן דיא ישראל האבן צו מקריב זיין קרבנות אונ זיי האבן בתי מדרשים וואס זיי לערנין אין זיי תורה רבי אבא בר כהנא זאגט אלע ברכות פון בלעם זענין געווארן צו קללות אז דס בית המקדש איז חרוב געווארן נאר דיא ברכה פון שילן אונ בתי מדרשים דס האבן נאך דיא ישראל ביז אין היינטיגן טאג דען זייא האבן שילן אונ בתי מדרשים צו לערנין אין זיי תורה אונ בלעם הט גיזאגט דיינע בעגטשער זאלן זיין גיבענשט אונ דיינע שעלטער זאלן זיין געשאלטן אונ אז יצחק הט גיבענשט צו יעקב הט ער פריער גיזאגט דיינע שעלטער זאלן זיין געשאלטן אונ דער נאך הט ער גיזאגט דיינע בענשר זאלן זיין גיבענשט דאס איז ווייל די צדיקים האבן פריער שלעכטס אונ דר נאך אויף יענר וועלט האבן זיי פיל גוטס אבר די רשעים האבן פיל גוטס אויף דר וועלט אונ דר נאך ווערין זייא פאר לארן פון יענר וועלט (יזל מים מדליו) עס טוט רינען די תורה וואס זי איז געגליכן צו וואסר פון די ארימע לייט דרום זאל מען נזהר זיין אין די ארימע לייט דען פון זייא גייט ארום די תורה אזו זאגט די גמרא אונ דרום האבן די תלמידי חכמים אפט קינדר וואס קענין ניט לערנין אזו ווי זיי כדי מען זאל ניט זאגן די תורה איז איין ירושה וואס מען ירשית פון דעם פאטר אונ רב ששא זאגט כדי ער זאל זיך ניט איבר נעמן צו הערשן איבר קהל רבינא אונ רב אשי זאגן דרום האבן זייא קיין קינדר גיט וואס קענין לערנין ווייל זיי רופן דס פאלק אייזלן אונ ווייל זייא מאכן קיין ברכה ניט אויף דער תורה ווען זייא זעצן זיך לערנין. (וישב ישראל בשיטים) דיא ישראל זענין גיזעסן אין שיטים עס זענין פיל וואסר אויף דר וועלט וואס געווינען די לייט צו גוטן אדר צו בייזן אטייל וואסר מאכן די לייט מיאוס אונ אטייל וואסר מאכן די לייט זייער שיין אטייל וואסר מאכן לייט שטארק אונ אטייל

וואסר

נאר מאכן זיי שלאף און דער טייך פון
שיטים ברענגט צו זנות און ער לופט דורך
ביי סדום אבר אז משיח וועט קומן וועט
גאט דעם טייך שיטים טריקן מאכן און
דרום אויך אז ישראל זענין געקומן קיין
שיטים האבן זייא אן געהובן מזנה צו זיין
און בלעם האט צו בלק איין עצה געגעבן
ער זאל מאכן פר לירן די ישראל און הט
געהייסן בויען שיינע הייזר וואס מען זאל
דרינען פאר קויפן עסן און טרינקן און ווייס
גרעט און די ישראל וועלין קומן קויפן און
ער האט גיזעצט אין די הייזר שיינע יונגע
נקבות און די טעכטער פון מואב האבן זיך
אן געצירט אין שיינע קליידר און זענין די
ישראל אקעגין געגאנגען און זאגן צו זייא
ווארום הט איר אונז פיינד מיר קומן דאך
אלע ארום פון תרח דער פאטער פון אברהם
און אז בלעם הט געזעהן דם מען הט איין
נשיא געהרגט ביי דער נואפת אזו הט ער
געזאגט עס איז מיר געראטן די ישראל האבן
שון דריי עבירות גיטאן ע"א און שפיכות
דמים און זנות אזו ווי ביי דם מבול טאמער
וועט זיי גאט דר שלאגן ווי דם דור המבול
(והנה איש מבני ישראל) גאט הט געבאטן
מען זאל הענגן דיא וואס האבן ע"א געדינט
האט משה געזאגט איך ווייס ניט ווער עס
הט געדינט הט גאט געזאגט דר וואלקן ווס
איז איבר ישראל דר וועט ווערין אפ געטאן
פון די קעפ פון די לייט וואס האבן דם אפ
גאט געדינט און דיא זון וועט שיינען אויף
זייערע קעפ דרינען זאלסטו וויסען דאס זיי
האבן געדינט דעם אפ גאט און זאלסט זיי
הענגען אזו האבן זיך איין געזאמלט שבט
שמעון און זענין געקומן צו זייער נשיא ער
הט געהייסן זמרי און זאגן צו אים מען וויל
אונז אלע טייטן און דו שווייגסט שטיל הט
ער איין געזאמלט פיר און צוואנציג טויזנט
מאן פון זיין שבט און קומט צו דר טאכטער
פון דעם מלך פון מדין זי הט געהייסן כזבי
און האט צו איר געזאגט ליג מיט מיר הט
זי גיענפרט מיין פאטער הט מיר אן געזאגט
איך זאל נאר ליגען מיט אייער האר משה
הט דער נשיא געזאגט איך בין חשובר פון

משה דען איך בין פון שמעון דער אנדרר
זון פון יעקב און משה איז פון לוי דר דריטר
פון יעקב אזו האט ער זי אן גענומן ביי די
האר און האט זיא געבראכט צו משה און
פרעגט אים מעג איך זיא נעמן זאגט משה
ניין הט ער געזאגט צו משה ווער הט דיר
די טאכטר פון יתרו מתיר געווען צו נעמן
פאר אווייב זיא איז דאך אויך פון מדין און
משה און כל ישראל האבן אן געהובן צו
וויינען ווייל משה הט דעם דין פר געסן און
הט ניט געוואוסט דאס ער איז חייב מיתה
בשעת מעשה און דרום הט גאט גיפירט
דם משה הט דעם דין פר געסן כדי פנחס
זאל דעם דין אוס זאגן און זאל מקבל זיין
דרויף שכר און פנחס האט געוואוסט דאס
מען דארף זיי טייטן בשעת מעשה און הט
גענומן אשפיז און האט דאס אייזן אראפ
גענומן פון איר און הט בהאלטן אין בוזעם
כדי מען זאל זיך ניט שטוסן דם ער גייט
מיט אשפיז און איז געקומן צו דעם ניצעלט
ווי זמרי איז גלעגן מיט כזבי און הט זיך אן
גלענט אויף דעם האלץ פון דער שפיז מען
זאל מיינען עס איז איין שטעקין דען ער הט
מורא געהאט פאר שבט שמעון וואס זענין
פיר און צוואנציגטויזנט ארום דם גצעלט
האבן זיי אים גפרעגט וואס דארפסטו האט
פנחס געזאגט איך וויל קומן צו כזבי דען
ווי געפינן מיר דם שבט לוי איז בעסר פון
שבט שמעון אזו באלד האבן זייא אויף
געפינט די טיר און לאזן אים אריין און ער
הט זיי געפינן ביי אנאנדר ליגן הט ער דם
אייזן פון דער שפיז אויף גישטעקט אויף
דעם האלץ און הט זיי ביידע געשטאכן אין
זייער שאנד און זכה האט געווען דאס עס
זענין פון אים ארום געקומן אבצעהן כהנים
גדולים און נביאים אין דעם ערשטן בית
המקדש און אבצעהן כהנים גדולים אין דם
אנדרין בית המקדש און ווייל זיינע קינדר
האבן פאר קויפט דאס פלייש פון קרבנות
וואס מען הט זיי געגעבן דרום האבן זיי ניט
לאנג גילעבט דען זיי וואלטן ניט געדארפט
קיין געלד נעמן דר פר נייערט זיי וואלטן
עס געדארפט צו דיא ארימע כהנים געבן

פר

בר צדקה און עס איז געפאלן פון ישראל פיר און צוואנציג טויזנט אין איין שעה האטשע ביי דם עגל איז נאר געפאלן דריי טויזנט דען די עבירה פון זנות איז פר גאט מער פון עבודת אלילים ובפרט דאס זייא האבן עבודת אלילים אויך געדינט צו פעור:

# הפטרת בלק.

(והיה שארית יעקב בקרב עמים רבים) און אז עס ווערט קומן גוג ומגוג ווערין ישראל זיין אין גרויסע צרות זייא ווערין זיין געפאנגן צווישן פיל פעלקר און דיא וואס גלייבן אין גאט ווערין איבר בלייבן און ווערין פיל צרות איין נעמן און ווערין געלייטערט ווערין אזו וויא זילבר און ווערין זיין אזו ווי איין טויא פון גאט און אזו ווי איין שפריי רעגין וואס גייט אויף גראז וואס דאס ווערט ניט געהאפט אויף קיין מענש נאר אויף גאט אזו ווערין דיא ישראל ניט האפען אויף דער הילף פון איין מענשן נאר אויף גאט (והיה שארית יעקב בגוים) און דם איבר בלייבונג פון יעקב ווערט זיין צווישן די פעלקר אזו ווי די טווי פון גאט (תרום ידך על צריך) עס ווערט ווערין דער הויבן דיין האנד אויף דיינע באליידיגר אלע דיינע פיינט ווערין ווערין פאר שניטן (והיה ביום ההוא) און עס ווערט זיין אין דעם דאזיגען טאג זאגט גאט איך וועל פאר שניידן די פערד פון צווישן דיר כלומר די הילף פון מצרים וואס איר פר זעכרט זיך אויף זיי דם זיי ווערין אייך געבן גענוג פערד און איך וועל מאכן פר לירן דיינע בייט וועגין און וועל פאר שניידן דיא שטעט פון דיין לאנד און וועל צו פירן אלע דיינע שטעט דאס דו וועסט ניט דארפן זיצן אין פעסטע שטעט צו שטארקן זיך אין זייא אקעגין דיינע פיינד דען עס ווערט שון מער קיין מלחמה אויף דיר ניט קומען (והכרתי כשפים מידך) און איך וועל פר שניידן פון צווישן דיר דיינע בילדר און דיינע מצבות וואס דו מאכסט צו דם אפ גאט און דו וועסט דיך ניט בוקן צו דיא מעשים פון דיינע הענד און איך וועל אויס רייסן דיינע לינדן בוימר פון צווישן דיר און וועל פר טיליגן דיינע פיינד (ועשיתי באף ובחמה) און איך וועל טאן מיט צארן און מיט גרים צארן א נקמה אין דיא ע"א וואס האבן ניט צו געהערט אין מיין קול זאגט מיכה (שמעו נא את יי אומר) הערט צו ישראל וואס גאט זאגט צו מיר דען אזו זאגט הקב"ה שטיי אויף דו נביא און קריג דיך ומיט דיא בערג דאס זעניין די אבות און לאזען די הוך צו הערין דיין קול דם זענין די אמהות און אזו זאגט גאט (שמעו הרים את ריב יי) הערט צו בערג דם קריג פון גאט און די שטארקע גרינדר פעסט פון דר ערד צו דם קריג פון גאט דען אקריג איז צו גאט מיט זיין פאלק און מיט ישראל ווערט ער זיך מתוכח זיין און אזו זאגט גאט (עמי מה עשיתי לך) מיין פאלק גיב דיין הארץ צו פר שטיין דיא טובות וואס איך האב דיר גיטאן און פון דעסט וועגין מיט וואס האב איך דיך מיר געמאכט אין מיין דינסט זאגט עדות אין מיר (כי העליתיך מארץ מצרים) דען איך האב דיך אויף געבראכט פון דעם לאנד מצרים און פון דעם הויז וואס איר זענט דארטען געוועזין קנעכט האב איך דיך אויס געלייזט און האב פר דיר געשיקט משה און אהרן און מרים משה זאל דיך לערנין דינים און אהרן זאל מכפר זיין אויף דיינע עבירות און מרים זאל לערנין די ווייבר (עמי זכר נא) מיין פאלק גידענק נאר וואס בלק מלך מואב הט אויף דיר איין עצה געהאלטן און

## משלי יהודה

(עמי זכר נא מה יעץ בלק וגו') ע"פ משל צוויא בחורים האבן זיך געקריגט אין חדר האט איין תלמיד דער ציילט דעם רעבן אז יענער תלמיד מאכט חוזק פון רעבן האט דר רבי אן געשריגן אויף אים און זאגט קום ניט צו מיר מיט אזעלכע נארישקייט איןאצייט ארום הט דר אנדערר תלמיד צו בראכען דעם רעבינס ליולקע ציביך זאגט דער ערשטר תלמיד אצונד וועל איך זיך מיט דיר אפ רעכינען און דר ציילן אז דו האסט צו בראכן זאגט דער אנדערר תלמיד פר וואס ווילסטו מיר שלעכטס טאן. דורך מיר איז דיר קיין שום רעה ניט געוועזן, זאגט דער ערשטר תלמיד צו דם וואס דר רבי הט מיך ניט געהרגיט איז געוועזן צו ליב דיר אדרבה דו האסט געוואלט מען זאל מיך שלאגן נאר דער רבי הט דיך ניט געוואלט פאלגן, דריבר וועל איך דער ציילען דעם רעבין, ער זאל דיר באצאלען, אזו בלק האט געשיקט צו בלעם מען זאל שעלטן דיא יודן און האבן ביידע דער בייא גיטאן השתדלות נאר זייא האבן גאר ניט אויס געפירט ווייל גאט האט ניט געוואלט הערין זייערע קללות דריבר זאגט דר נביא (עמי זכר נא) גידענק וואס בלק הט איין עצה געגעבן און וואס בלעם הט גיענפערט זייא ביידע האבן גיטאן השתדלות דיך צו שעלטן חאצבי דו האסט קיין רעה ניט געהאט (למען דעת צדקות יי) די צדקה איז נאר פון גאט ניט פון זיי, דריבר גידענק ווען דו וועסט קענין זאלסטו דיך נוקם זיין און זאלסט זיי גומל זיין פר זייערע מחשבות:

און וואס בלעם האט אים גיענפערט דען בלעם האט געזאגט (מה אזעום לא זעם יי) וואס זאל איך צערנין ווען גאט צערינט ניט דען איך גאט האב ניט גיצערינט אין דיא טעג כדי בלעם זאל אייך ניט קענין שעלטן ווארום בלעם האט געוואוסט די רגע וואס גאט צערינט און ער פלעגט דענסט מאל שעלטן ווען ער האט געוואלט און עס איז מקוים געווארן און אוך גידענקט דם גוטע וואס איך האב אייך גיטאן אין שיטים וואס איר האט דארטן געזינדיגט פאר מיר און פון דעסט וועגין האב איך מיין טובה ניט פאר מיטן פון אייך ביז איך האב אייך געבראכט קיין גלגל דארטן האב איך פר אייך איין גענומן גאנץ ארץ ישראל און דם האב איך אליץ גיטאן (למען דעת צדקות יי) כדי איר זאלט וויסן די צדקות וואס איך גאט טוה מיט אייך און חאטשע איך האב אייך אזו פיל טובות גיטאן האב איך אייך דאך ניט מיר געמאכט מיט מיין דינסט צו הייסן ברענגן פר מיר גרוסע קרבנות זאגט דער נביא דו ישראל וועסט וועלין זאגען (במה אקדם יי) מיט וואס וועל איך פעדערן און קומן פר גאט און מיט וואס זאל איך אונטער טעניג זיין צו גאט אין הימל זאל איך דען קומן צו דינען גאט מיט עולות און מיט קעלבר וואס זענין אלט איין יאר וויל דען גאט אין טויזנט ווידער צו קרבנות און אין צעהן טויזנט טייכן בויטל צו מנחות דם איז דאך ניט זאל איך דען געבן מיין בכור אקרבן אוף מיין זינד אדער דיא פרוכט פון מיין בוך דאס זענין מיינע קינדר זאל איך דען זיי געבן פר קרבנות צו מכפר זיין אוף מיין לייב דאס איז דאך געוויס ניט וואס דען זאל איך טאן דאס גאט זאל צו מיר איבר גיגעטן ווערין אזו וועסטו ישראל וועלין זאגן אבר דאס איז ניט (הגיד לך וגו׳) דען גאט הט דעם מענש געזאגט וואס גוט איז צו דיר צו טאן און וואס גאט בגערט פון דיר דען מער ניט (כי אם עשות משפט ואהבת חסד וגו׳) נאר דו זאלסט טאן משפט און זאלסט ליב האבען צו טאן גמילות חסדים און זאלסט גיין בעהאלטן אין דם דינסט פון גאט ביין גאט אדר (והצנע לכת וגו׳) דו מעגסט דיך בעהאלטן צו גיין מיט דיין גאט כלומר דו מעגסט תשובה טאן בסתר דס זעהט מען דם דיא מדה פון גאט איז בעסר פון דער מדה פון אבשר ודם דען אמענש ווען איינער זינדיגט צו אים און איז אים מבייש און דר נאך קומט ער אים איבר בעטן איז דר סדר דאס דר מענש לאזט זיך ניט איבר בעטן ביז ער בעט אים איבר פר די מענשן וואס ער הט אים מבייש געוועזן פר זיי אבר גאט זאגט דו מעגסט פר מיר תשובה טאן בסתר דר מדרש רבתי שרייבט אוף דעם פסוק (עמי מה עשיתי לך) ר׳ שמואל בר רב נחמן זאגט אוף דרייא ערטר איז גאט געקומן צו שטראפן ישראל און די אומות האבן גיהערט דאס גאט וויל משפט האבן מיט ישראל זענין זיי פריילך געווארן און האבן געזאגט ווי וועלין די ישראל קענין באשטיין אקעגין זייער גאט ער וועט זיי געוויס היינט גאר פר לירן און ווי גאט הט געזעהן דאס די אומות זענין פריילך געווארן אזו האט גאט פאר קערט זיינע רייד צו גוטן און חאטשע ער הט אין זיי געוואלט משפט טאן הט ער דעם משפט אפ גילאזט און הט זיי גוטס געטאן (ומה הלאתיך) וואס האב איך דיך מיד געמאכט ר׳ ברכיה זאגט עס איז אמשל איין מלך שיקט איין בריף אין לאנד צו זיינע שרים אזו שטעלין זיך דיא שרים אוף זייערע פיס און טאן אפ די היטלן פון זייערע קעפ און לייגען די בריף מיט מורא אבר גאט האט אונז געגעבן קריאת שמע דאס איז זיין בריף און גאט זאגט איך האב אייך ניט מטריח געוועזן צו אוף שטיין און לייגן קריאת שמע נאר דו מעגסט זיצן און לייגען קריאת שמע און אוך דארפסטו דם היטל ניט אראפ הייבן פון דיין קאפ דם זאגט דר פסוק (ומה הלאתיך) וואס האב איך דיך מיד געמאכט (ואשלח לפניך את משה ואהרן ומרים) גאט הט געשיקט צו משה און אהרן און מרים און דיא ישראל האבן זייא ניט גידארפט קיין עסין געבן און נאך מער דיא ישראל האבן פון זייא געגעסן דען דער מן איז געגאנגן אין זכות פון משה און די וואלקן זענין געוועזן אין זכות פון אהרן און די ברינען וואסער איז געוועזן אין זכות פון מרים:

# פרשת פנחס.

(פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן) ווייל עס איז געשטארבן. אין דר מגפה פיר און צוואנציג טויזנט פון ישראל אזו וועלין ישראל זאגן די מגפה איז נגזר געווארן נאר אוף פיר און צוואנציג טויזנט דרום זאגט דער פסוק איך האב מער ניט פר דארבן דיא ישראל פון וועגין פנחס אבר ווען ניט פנחס וואלטן נאך פיל פון ישראל גשטארבן

אונ דרום זאגט דער פסוק ער איז דער זון פון אלעזר בן אהרן הכהן צו ווייזן דאס חאטשע ער איז ארום געקומן פון כהנים אונ איז ניט געוויינט געוועזן מיט קיין שפיז פון דעסט וועגן האט ער פון גאטס כבוד וועגן גענומן איין שפיז אין זיין האנד אונ הט זיך פר זעבירט אין גאט דם ער וועט אים בוודאי העלפן אונ אוך האבן אים די שבטים מבזה געוועזן דם זיין מוטר איז די טאכטר פון יתרו וואס ער הט געשטאפט קעלבר צו דער ע"א זאל ער הארגנן איין נשיא פון איין שבט דרום איז אים די תורה מיחס נאך זיין פאטר ער איז דער זון פון אלעזר דער זון פון אהרן הכהן (הנני נותן לו וגו׳) איך וועל צו פנחס געבן שלום דען דיא ישראל האבן געזעהן ווי אזוי אזיל האבן מזנה געוועזן אונ האבן ע"א געדינט צו פעור אונ פנחס הט איין נשיא געהרגית אזו זעגין יי דר שראקן געווארן דען זיי האבן געמיינט דם איז צווישן זייא דא אלע דריי עבירות זנות אונ ע"א אונ רציחה אזו ווייא ביי דעם מבול איז געוועזן דרום האט גאט געזאגט שרעקט אייך ניט, פנחס האט קיין רציחה ניט גטאן ביי ערט עם איז גלייך ווי ער הט איין קרבן געבראכט דער מיט וואס ער הט דעם נשיא געהרגית אונ ער הט דער מיט מכפר געוועזן אויף פעור אונ אויף זנות אונ דרום גיב איך צו פנחס שלום ווייל ער הט געמאכט שלום אויף ישראל אונ דר סדר איז ווען איינר טוט רציחה לאזט דם בלוט אים ניט רוען אבר ביי פנחס איז שלום געוועזן דם איז איין סימן דם ער האט קיין רציחה ניט גטאן אונ שמעון ולוי האבן זיך תמיד ביי אנאנדר געהאלטן ביי דינה אונ ביי יוסף אונ היינט הט פנחס פון שבט לוי געהרגית איין נשיא פון שבט שמעון אזו וועט מען מיינן זייא וועלין זיך שון פיינד האבן דרום זאגט דער פסוק איך גיב צו פנחס שלום דאס שמעון ולוי וועלין שלום האבן אזו ווייא פריער אונ ווייל פנחס האט מציל געוועזן די ישראל פון דעם טוט דם זיי האבן לענגר געלעבט דרום הט אים גאט געגעבן דם לאנגע לעבן דען אונזרי חכמים זאגן פנחס איז אליהו (אונ אין דיא טעג פון אחאב מלך ישראל הט ער אוך געהרגית די פאלשע נביאים פון גאטס וועגין אונ הט זיך פאר זעבירט אין גאט (ויכפר על בני ישראל) אונ ער האט מכפר געוועזן אויף

ישראל

של"ה הקדוש

(בקנאו את קנאתי בתוכם) הש"י זאגט ער דאנקט צו פנחס'ן ווייל ער האט זיך גרעכינט די נקמה פון גאטס וועגין דר פון זאל מען זיך ארום נעמן איין לימוד אז איין מענש דארף זיך מקנא זיין דיא קנאה פון הש"י וועגין אז ער זעהט איין חילול השם אדר איין חילול התורה ווארום מיר זעהן דאך פון דאנן ווי הש"י האט מחזיק טובה געוועזן צו פנחס'ן אונ הט אים גלייט זעליגט אונ הט אים געגעבן איין ברית שלום צו אים אונ צו זיינע קינדר:

אוהל יעקב

(וידבר ה׳ אל משה לאמר) אונ גאט הט גרעט צו משה אזו צו זאגין (פנחס) דר זון פון אלעזר דר זון פון אהרן הכהן (השיב את חמתי מעל בני ישראל וגו׳) אונ דר מדרש זאגט צו פנחס קומט זיין שכר אפילו מיט דעם דין אצונד וועלין מיר געבן צו פר שטיין אין גאנצן דעם פסוק מיט דעם מדרש דורך א משל. איינר איז שולדיג געוועזן געלד צו פיל מענשן אונ ווען די בעלי חובות זענין גקומן אים מאנן הט ער שון גהאט זייני גוטי פריינד וואס האבן זיך גשטעלט ביים דין פון זיינט וועגין אונ האבן גטעניית פאר אים ביז זייא האבן דיא בעלי חובות מדחה גוועזן פון אים אונ זייא זענין אוועק גגאנגן אזו פלעגט

זיין

ליקוטי יקרים

(וידבר יי אל משה לאמר) האט גאט גרעט צו משה אונ הט אים אזו געזאגט פנחס דר זון פון אלעזר דער זון פון אהרן הכהן האט אום גקערט מיין צארן פון דיא בני ישראל מיט דעם וואס ער הט זיך מקנא געוועזן מיין קנאה אונ איך האב דורך דר קנאה ניט פר לענד די בני ישראל דר זוהר הקדוש פרעגט ווי אזו הט פנחס גשטילט דם צארן פון גאט דם גאט זאל ניט פר לענדן די ישראל אז עס איז פון זייא געשטארבן פיר אונ צוואנציג טויזנד מאן ווען עס זאל קיין שום יוד געוועזן שטארבן איז רעכט דם ער הט אום גקערט דעם צארן אבר ניט אזו. נאר די זאך איז אז פון די ישראל איז טאקי אפילו איינר ניט געשטארבן נאר פון שבט שמעון וואָרן ווי דם ערב רב וואס

ישראל (ושם איש ישראל) דר פסוק זאגט דם זיין פאטר שמעון האט פון זנות וועגין די שטאט שכם געהרגיט אונ זיין זין זמרי הט מזנה געוועזן דרום איז אים דער פסוק מיחס נאך זיין פאטר שמעון. (צרור את המדינים) רבי שמעון זאגט עס איז ערגר דער ווס מאכט זינדיגן איין מענש מער ווי ער הרגיט אים דען ווען ער הרגיט אים ברענגט ער אים אום נאר פון דער וועלט אבר ער הט עולם הבא אבר ווען ער מאכט אים זינדיגן ברענגט ער אים אום פון ביידע וועלטן דען מיר געפינן דם די מצרים האבן גוואלט אום ברענגן דיא ישראל אונ האבן מיט זיי געארבט אונ אדום הט זיי געוואלט דער שלאגן מיט איין שווערד פון דעסט וועגין הט גאט פר באטן מען זאל די צוויי אומות מצרים אונ אדום ניט פאר אום ווערדיגן אונ בליידיגן אונ אויך ניט הרגנין אונ ווען איין מצרי איז זיך מגייר מעג מען זיך מיט זיין דריטן דור מתחתן זיין אבר די מדינים ווס האבן מפקיר געוועזן זייערע טעכטר צו מאכן זינדיגן דיא ישראל האט גאט זיי געהייסן הרגנין אונ מען זאל זיך מיט עמון אונ מואב אייביג ניט מתחתן זיין ווייל זיי האבן געמאכט זינדיגן דיא ישראל (כי צוררים הם לכם בנכליהם) דען זיי זענין צו אייך בליידיגר מיט זייער טראכטן דען זיי האבן זיך געטראכט ווען זיי וועלין שיקן איין אנדרי ע"א צו ישראל וועלין די ישראל זיא ניט וועלין דינן דרום האבן זיי געשיקט די עבודת פעור כדי די ישראל זאלן מיינן עס איז אנישפעט אונ אגילעכטר ווייל מען ווייזט נאר פאר איר דאס אונטר לייב אזו וועלין זייא מיינן דאס איז קיין עבירה ניט ווייל אונזרי חכמים האבן געזאגט פון קיין שום זאך טאר מען ניט שפעטן נאר פון דר ע"א מעג מען שפעטן דרום האבן די ישראל זייער אונטר לייב געוויזן פר פעור אונ דם הט געהייסן רעכט געדינט ווייל דער מיט הט מען זי געדינט נאך אפשט איז די ישראל האבן געדינט צו פעור ווייל זיי האבן געגעסן דעם מן אונ האבן פון אים קיין צורך ניט גהאט אזו האבן זיי געזאגט ער וועט אונז שאדין דאס דיא גדערים וועלין דער פון געשוואלן ווערין אונ דר סדר פון פעור איז דר ווס דעקט אויף זיין אונטר לייב אקעגין איר

## ליקוטי יקרים

איז אויף געגאנגן מיט די ישראל פון מצרים האבן זיך מגייר געוועזן האבן זיי גענומן ווייבר פון שבט שמעון אונ האבן מיט זייא קינדר גהאט פון זייא זענין געשטארבן ביים עגל אונ פון זייא זענין געשטארבן ביי דער ערשטען מגפה אונ פון זייא זענין געשטארבן אצונד ביי דר מעשה איבר דם זאגט דער פסוק ער האט אום גקערט מיין צארן פון די בני ישראל ווארן דם ערב רב איז ניט אין כלל פון דיא בני ישראל (לכן אמור הנני נותן לו בריתי שלום) איבר דעם זאג אז איך וועל אים געבן מיין זעכירהייט פון פרידן דר תרגום יונתן שרייבט גאט הט געזאגט צו משה זאג צו פנחס פון מיינט וועגין דם איך שווער אז איך וועל אים מאכן פר איין מלאך ווס ער וועט לעבין אייביג אונ וועט זאגן דער וועלט איין בשורה אז משיח וועט דארפן קומן אונ דר מגיד שרייבט דם פנחס הט צוויי גוטע זאכן גטאן מיט דעם וואס ער הט גהרגיט דאס פאר פאלק איינמאל האט ער אום גקערט דעם צארן פון דיא בני ישראלו אונ האט גמאכט שלום צווישן גאט אונ צווישן די ישראל.

דם

## אוהל יעקב

זיין אלעמאל ווען די בעלי חובות זענין גקומן מאנן האבן די פריינד זייניגע זיי מדחה גוועזן פון אים מיט טענות, אמאל זענין זיך צו נויף גקומן אלע בעלי חובות אין איינם אונ האבן זיך גשטעלט שטארק אונ האבן אים שטארקי יסורים אן גטאן דער ווייל איז גקומן איינר פון זייני גוטי פריינד אונ הט זיך אום גגלייכט מיט די בעלי חובות צו בצאלן זיי דרייסיג פראצענט פון דער מאה אונ האט פר אים גצאלט אונ הט ביי זיי צו גנומן די וועקסלן וואס זיי האבן גהאט אויף אים אונ ער הט זיי צו ריסן אונ די בעלי חובות זענין שון מער ניט גקומן צו אים מאנן דם געלד מילא דר גיטר פריינד הט אים פיל מער טובה גטאן פון די ערשטי ווארן די ערשטי האבן די בעלי חובות מדחה גוועזן אויף שפעטר אונ נאך דעם זענין זייא נאך אמאל גקומן ווארן דער חוב איז גבליבן חוב אבר דער לעצטר גוטר פריינד הט די חובות ניט מדחה גוועזן אויף שפעטר נאר ער הט פון זיין קעשיני גצאלט געלד פר די וועקסלן אונ האט זייא צו ריסן מען זאל שון מיין ניט קומן מאנן. דר נמשל איז אז די יודן האבן גזינדיגט אונ האבן גמאכט דאס עגל הט דר מדת הדין גמאנט פר גאט מען זאל די יודן פר לענדן איז גקומן משה רבינו אונ הט גבעטן גאט אונ האט דעם מדת הדין מדחה גוועזן שטייט דארט אזו (וינחם ה' על הרעה) גאט האט זיך בדענקט אויף דעם

שלעכטס

איר דר קריגט דעם שלשול אזו האבן די ישראל געמיינט דם זיי וועלין ארפואה האבן דורך פעור אונ ווייל פנחס האט זיין האלז גוואגין פון גאטס וועגין אונ הט געמאכט דר האלטן די ישראל ביי דר מצוה פון מילה אונ פנחס איז אליהו אונ ווייל ער הט געמאכט דם די ישראל זאלן ניט מנה זיין מיט די ע"א אונ זאלן בלייבן ביי זייער מילה דרום האט ער זוכה געוועזן צו זיין אויף איטליכן ברית מילה אונ מען שטעלט אים אבזונדרי שטיל ווי מען איז מל דאס קינד אונ בלעם הט דם אויך געוואוסט דרום הט ער געזאגט מי מנה עפר יעקב ווייל ער הט געזעהן דם מען קען די ישראל נאר ניט טאן ווייל זיי זענין מקיים מצות מילה דרום הט ער איין עצה געגעבן מען זאל זיי מאכן זינדיגן מיט זנות וועט מצות מילה ווערין אפ גטאן אונ עס וואלט רעכט געוועזן דאס גאט זאל הייסן הרגנין דיא אומה פון מואב אויך ווייל זייא האבן מפקיר געוועזן זייערע טעכטר צו זנות נאר גאט הט געזאגט עס וועט פון זיי ארוס קומן רות וואס דם מלכות ישראל וועט פון איר גבועט ווערין דרום זאל מען זיי לאזן לעבן אונ דיא מאנן פון מואב האבן ניט גטארט אייביג קומן אין קהל צו נעמן איין ישראלית פר אווייב אבר דיא ווייבר פון מואב הט אישראל גמעגט נעמן (לראובן משפחת הראובני) גאט האט גלאזט ווישן אין דר תורה דם די ישראל זענין ריין פון עריות דען דיא אומות האבן געזאגט וואס האלטן זיך די ישראל אזו חשוב די מצרים האבן דאך מיט זייערע ווייבר מזנה געוועזן דרום איז די תורה מיחס איטליכן מיט זיין נאמן נאך זיין פאטר אונ גאט הט זיין נאמן ביי זיי אן געשריבן דם זיין נאמן זאל עדות זאגן דאס זיי זענין כשרי קינדר אונ דרום שטייט ביי איטליכן נאמן אה"א אין אן הוב אונ איו"ד צום סוף דיא צוויי אותיות זענין דר נאמן פון גאט אונ זאגן עדות אויף ישראל דם זיי זענין כשר געבארן געווארן ר' פנחס זאגט

### של"ה הקדוש

(לאזני משפחת האזני) רש"י שרייבט האזני דאס איז די משפחה אצבון וואס עס שטייט אין פרשת ויגש אנדרי וואונדרין זיך וואס פאר איין שייכות האבן די צוויי געמן איינע צו די אנדרי אז אן שטאט אצבון זאל שטיין אזני זאגט דר של"ה איך האב דרוף גיהערט ארמז פון אמוסר אז דם איז אקעגין ווי דיא חכמים אונזרי האבן געזאגט אין מסכת כתובות אז די פינגר פון מענשן זענין בשאפן געווארן גלייך צו נעגיל כדי מען זאל זיי אביין שטעקין אין אויער ווען ער הערט ריידן ניט קיין גוטע רייד קען מען זאגן אזו לאצבון איז גלייך ווי עס וואלט געשטאנן לאצבעון דאס איז לשון פינגר אונ דר פסוק הט דרום פר ביטן אזני אן שטאט אצבון ווייזט דאס אז מען איז מחויב אביין שטעקין דיא פינגר אין אויער אונ ער זאל צו שליסן די אויערן בשעת מען דארף אז ער זאל ניט הערין קיין דבר רע:

### אוהל יעקב

שלעכטס וואס ער הט גוואלט טאן זיין פאלק יודן ער הט פון זיי מרחה גוועזן דעם חוב אבר דר חוב פון דעם עגל איז גבליבן אויף איין אנדרי צייט. אונ אזו אז דיא יודן האבן גזינדיגט מיט דיא מרגלים האט גאט גזאגט צו משה (סלחתי כדבריך) איך האב דיא יודן פר געבן אזו ווי דו האסט מיך געבעטן אבר דא אז דיא יודן האבן גזינדיגט מיט די טעכטר פון מואב אונ גאט הט גשיקט אויף די יודן איין מגפה אונ האט גוואלט אלי יודן אום מארדן אונ אז פנחס איז גקומן צו דעם נשיא זמרי בן סלוא פון שבט שמעון אונ האט אים גשטאכן מיט איין שפיז אונ דיא מדינית וואס דר נשיא הט מיט איר מזנה גוועזן הט פנחס אויך גשטאכן מיט איין שפיז אונ דיא מגפה איז גשטילט גווארן אז עס זאל שון ניט מארדן די יודן האט זיך פנחס דעם חוב פון דער זינד אפ גטאן אין גאנצן עס זאל שון ניט בלייבן קיין חוב ביי גאט אויף דיא זינד חאטשי משה הט איך ע' ליבי מאל אפ גטאן דעם חוב פון זינד פון די יודן איז נאר גוועזן אויף דר ווייל אבר דר חוב איז נאך גבליבן אויף דעם הימל אבר פנחס הט אפ גטאן דם חוב אין גאנצן פון דיא יודן אונ פון גאט פונקט ווי דער גוטר

### ליקוטי יקרים

דם אנדרי ער הט זיך מקנא געוועזן די קנאה פון גאט ברוך הוא אונ גאט האט אים פר דיא צוויי זאכן ניט אפ ניצאלט ווייל ער הט גמאכט שלום צווישן אים אונ צווישן דיא ישראל הט אים גאט גזאגט איך וועל אים געבן מיין זעכירהייט פון שלום אונ אקעגין וואס ער האט מקנא געוועזן די קנאה פון גאט הט אים גאט צו גזאגט עס וועט זיין צו אים אונ צו זיינע קינדר דיא כהונה אויף אייביג אונ וועלין צדיקים זיין אזו ווי דער אהבת שלום זאגט דם איז איין משל צו איין מלך וואס

זאגט פון וועגן רבי חייא ווייל דיא ישראל
האבן זיך געהיט פר זנות אין מצרים דרום
זענין זיי אום געלייזט געווארן (בהצותם על
יי') אין זייער טאן קריגן אוף גאט רבי חסדא
זאגט דער וואס קריגט אוף אבא איז גלייך
ווי ער קריגט אוף גאט אזו ווי קרח האט
גקריגט אוף משה אונ דער פסוק שטעלט
ער הט גקריגט אוף גאט אונ די ערד הט
געפינט איר מויל אונ הט אים איין געשלינגן
(ויהי לנס) אונ דס איז געווארן צו אצייכן
דם מען זאל אייביג ניט קריגן אוף איין רב
אונ מכל שכן אוף גאט אונ די קינדר פון
קרח זענין ניט געשטארבן דען גאט האט
געמאכט אהויכן בארג אין גיהנם אונ זייא
שטייען דרויף אונ זאגן שירה אונ חאטשע
זייא האבן אן געהובן צו קריגן מיט משה
נאר זיי האבן תשובה גטאן דרום זענין זיי
ניט געקומן אין גיהנם אונ אטייל חכמים
זאגן די ערד וואס זיי זענין דרויף געשטאנן
איז ניט גפאלען נאר ארום זיי איז גפאלען
אונ זיי קענין ניט אראפ פון דם בארג ווייל
עס איז אטיפר גריב ארום זיי אונ זיי זאגן
זייער שיין שירה צו גאט. (על פי הגורל
תחלק הארץ) מען האט ארץ ישראל צו
טיילט מיט איין גורל אונ איין נס איז געווען
ביי דעם גורל וואס אלעזר הט אן גטאן די
אורים ותומים אונ מען הט צו טיילט ארץ
ישראל אוף צוועלף חלקים אונ מען האט
איטליכם חלק אוף איין קוויטל אן געשריבן
אונ מען האט דיא צוועלף שבטים אוך
איטליכן אוף איין קוויטל אן געשריבן אונ
מען האט די קוויטליך צו מישט אין אכלי
אונ דר נשיא פון איטליכן שבט איז געקומן
אונ האט ארויס גענומן צוויי קוויטליך אוף
איין קוויטל איז געשטאנן דר נאמן פון זיין
שבט אונ אוף דעם אנדרין קוויטל איז
געשטאנן דס חלק פון ארץ ישראל וואס ער
הט גוואלט נעמן אונ דר גורל הט געשריגן
איך גורל בין געקומן צו דעם שבט כדי די
ישראל זאלן ניט חושד זיין צו אלעזר דס
ער ניט גוטע חלקים צו וועמן עם גפעלט
אים (כלב בן יפונה ויהושע בן נון) דיא
תורה שטעלט כלב פאר יהושע חאטשע
יהושע איז חשובר געוועזן פון כלב דס איז
ווייל כלב האט זיך פיר געשטעלט ביי דיא
מרגלים אז זייא האבן בייז גרעט אוף גאט
אונ אוף דעם לאנד אונ ער הט זיי געמאכט
שווייגן פון גאטס וועגן דרום הט אים גאט
אוך כבוד אן גיטאן אונ הט אים געשטעלט
פריער פר יהושע. (ותקרבנה בנות צלפחד)
דיא טעכטר פון צלפחד זענין געקומן פאר
משה דיא ווייבר פון ישראל זענין תמיד
פרימר

## ליקוטי יקרים

הט גהאט איין זון וואס הט אים זייער ליב גיהאט
דם זיין גאנץ לעבן הט אים גהאנגן אין זיין לעבן
אמאל הט זיך געטראפן דאס דער ליבר זון הט
גזינדיגט אקעגין זיין פאטר הט אים דער פאטר
אוועק גטריבן פון פר זיך איז געקומן איינר וואס
הט ליב גהאט דם מלך אונ איז געווען איין מליץ
יושר פר דעם זון אונ הט גשטילט דעם צארן פון
דעם מלך הט דער מלך גהאט גרוס תענוג פון
דר זאך אין צווייען ערשטנס וואס ער הט גשטילט
זיין צארן צווייטנס ער הט גשטילט דם צער פון
זיין זון האט ער מיט דעם זיין צער אוך גשטילט
ווארן חוץ דעם וואס דער מלך האט עגמת נפש
גהאט וואס זיין זון הט גזינדיגט הט ער נאך גהאט
צער פון דעם וואס זיין זון איז גיקרענקט וואס דער
פאטר הט אים ארוס גטריבן אונ דם הט דא גאט
ברוך הוא גזאגט צו משה (השיב את חמתי) פנחס
האט מיר איין טובה גטאן אין צווייען ערשטנס
הט

## אוהל יעקב

גוטר פריינד פון דעם לוה וואס ער הט פר אים בצאלט
זייני וועקסלן אונ ער הט זיי צו ריסן די בעלי חובות האבן
שון ניט געקענט מאנן דעם לוה אונ דר לוה הט שון קיין
מורא ניט גהאט פר די בעלי חובות. דס זאגט דער פסוק
פנחס דער זון פון אלעזר דער זון פון אהרן הכהן (השיב
את חמתי) הט גמאכט ווידר קערין מיין גרים צארן (מעל
בני ישראל) פון די יודן הט ער שון פועל גוועזן אין הימל
אז דר גרים צארן זאל ווערין אפ גטאן (בקנאו את קנאתי
בתוכם) אין זיין טאן רעכינן מיין רעכינג צווישן זיי דעם
צארן וואס איך האב גדארפט צערנין הט ער גצערינט אונ
ווידר הט ער פועל גוועזן אונטן צו די יודן (ולא כליתי את
בני ישראל בקנאתי) מחמת דעם וואס ער הט גצערינט
האב איך זיי שון ניט פארלענד מיט מיין רעכינן דרום זאגט
דער מדרש מיט דעם דין קומט אז פנחס זאל נעמן אגוטן
שכר ווייל ער האט גמאכט שלום אוף דעם הימל אונ
אוף דר ערד צו די יודן (לכן) דרום (אמור לו) זאג צו אים
(הנני) (נותן לו) איך גיב צו אים (את בריתי שלום) מיין
זיכרהייט פון שלום. זיין שלום זאל זיין אויף דם הימל אונ
אויף דר ערד:

פרימר געוועזן פון דיא מאנן אזו וויא מיר געפינן ביי דעם עגל האבן זיי ניט געוואלט געבן זייערע אורינגליך צום עגל אונ ביי די מרגלים האבן די ווייבר אויך ניט מסכים געוועזן מיט זייא אונ דרום זענין אלע מאנן געשטארבן אין דער מדבר אונ זענין ניט געקומן קיין ארץ ישראל אבר דיא ווייבר זענין יא געקומן קיין ארץ ישראל אזו וויא אין פסוק שטייט (ובאלה לא היה איש) עס הט ניט גלעבט קיין מאן פון די וואס זענין ארום געגאנגן פון מצרים אבר דיא ווייבר האבן יא גלעבט אונ זענין געקומן קיין ארץ ישראל אונ דרום הט די תורה אן געשריבן די טעכטר פון צלפחד ביי די גורלות פון ארץ ישראל צו ווייזן דאס די ווייבר האבן געגליסט צו ירשנין דאס לאנד מער ווי די מאנן אונ זיי האבן געזאגט אונזר פאטר איז געשטארבן אין דער מדבר אונ האט ניט געלאזט קיין זון נאר טעכטר דרום לאזען מיר ירשנין אין ארץ ישראל צווישן דיא ברידר פון אונזר פאטר אונ ווארום זאל דר נאמן פון אונזר פאטר ווערין געמינערט פון זיין משפחה אונ די טעכטר פון צלפחד זענין גרוסי צדקניות געוועזן זייא האבן ניט געוואלט געמן קיין מאנן נאר דער וואס איז זייער פרום אונ איז אמיוחס אונ איבר דעם הט די יונגסטע פון זיי קיין מאן ניט גענומן פאר פערציג יאר אונ חאטשע רב חסדא זאגט איין אשה וואס נעמט ניט קיין מאן ביז פערציג יאר וועט זיא שון קיין קינדר ניט האבן אונ ווי האבן זיי אזו לאנג גווארט מיט מאנן נעמן נאר גאט הט זיי גיטאן אנס דם זיי האבן גהאט קינדר צו הונדרט אונ דרייסיג יאר אונ דרום זענין דיא טעכטר פון צלפחד צו פערציג יאר געקומן פאר משה כדי משה זאל זיך ניט הוך האלטן אונ זאל ניט זאגן איך בין חשוב ווייל איך האב מיך ביז פערציג יאר אויף געהאלטן אן אווייב דרום הט גאט געזאגט צו משה האלט דיך ניט הוך אונ זעה דם די טעכטר פון צלפחד ווארטן פערציג יאר אונ נאך מער אונ ווילן קיין מאנן ניט נעמן נאר פרומע אונ זייא האבן דרום געזאגט אונזר פאטר איז ניט געשטארבן אין דער עצה פון קרח דען זיי האבן זיך געטראכט משה וועט אונז נאך העלפן ווייל אונזר פאטר הט ניט גקריגט מיט קרח אויף אים אונ דורך דם וועלין מיר קריגן אחלק אין ארץ ישראל ווייל אונזר פאטר איז אים ניט געוועזן דער ווידר אונ דרום הט משה דעם דין פון זיך אוועק געשיקט פר גאט כדי מען זאל אים ניט חושד זיין ווייל זייא האבן אים גרעט גוטע ווערטר דרום העלפט ער זיי אונ גיט זיי אחלק אין ארץ ישראל דרום הט משה געזאגט לאז דר דין קומן פר גאט אונ אטייל חכמים זאגן משה רבינו הט דעם דין ניט געוואוסט דען ער הט פר זינדיגט ווייל ער האט זיך הוך געהאלטן אונ האט געזאגט אהארבי זאך זאל פר מיר קומן צו משפטין אונ אגרינגע זאך זאלן אנדרי דיינים משפטין דרום הט אים גאט גשטראפט דם ער הט דעם דין ניט געוואוסט חאטשע עס איז

אגרינגר

## ליקוטי יקרים

הט ער אום גקערט מיין צארן צווייטענס (מעל בני ישראל) ער האט גשטילט דעם צער פון דיא בני ישראל דורך דעם איז מיין צער אויך גשטילט איבר דם (והיתה לו ולזרעו וגו') וועט זיין צו אים אונ צו זיינע קינדר די כהונה אויף אייביג אונ פון דאנין קאנין מיר וויסן די ליבשאפט ווי גאט ב"ה האט ליב זיין פאלק ישראל אונ ווידר האב איך אים גגעבן דיא כהונה (תחת אשר קנא לאלהיו) ווייל ער האט מקנא געוועזן פון גאטס וועגין אונ הט פר געבן אויף די בני ישראל (ושם איש ישראל המוכה אשר הכה את המדינית) אונ דער נאמן פון דעם ישראל וואס איז גשלאגן גווארן מיט דער מדינית אין איינעם איז געוועזן זמרי בן סלוא ער איז געוועזן דר נשיא פון שבט שמעון אזו ווי דער נחל קדומים שרייבט ער איז גשלאגן גווארן מיט דער מדינית ווען זיי זענין נאך געוועזן אין איינם ווארן ווען זמרי זאל זיך געוועזן אפ שיידן פון איר וואלט פנחס נישט געוועזן גטארט זייא הארגנין (ושם האשה המכה) אונ דר נאמן פון דער אשה וואס ווי איז גשלאגן גווארן איז געוועזן כזבי בת צור. דר צור איז געוועזן איין עלטסטר פון איין משפחה אין מדין:

אגריגער דין אונ אטייל חכמים זאגן עס וואלט ראוי געוועזן צו אן שרייבן דעם דין אין דר תורה דורך משה אזו ווי אלע דינים וואס זענין אין דער תורה וואָרן אן געשריבן דורך משה נאר דיא טעכטר פון צלפחד האבן זוכה געוועזן דאס דר דין זאל דורך זיי ווערין אן געשריבן אין דער תורה אונ אוך ווייל די ווייבר האבן געבראכט דעם טוט אוף דר וועלט וואס דורך דעם ירשית מען ווען איינר שטארבט אבער ווען מען זאל ניט שטארבן וואלט קיין ירושה ניט געוועזן דרום איז דער דין פון ירושה וואָרן אן געשריבן דורך ווייבר אונ גאט הט געזאגט די טעכטר פון צלפחד רעדין רעכט גיב זיי אחלק וואס זייער פאטר הט גזאלט נעמן אונ אוך גיב זיי א חלק וואס זייער פאטר האט גירשית צווישן זייגע ברידר ביי זיין פאטר. (עלה אל הר העברים) גאט זאגט צו משה גיי אוף דעם בארג עברים אונ וועסט דארטן שטארבן דען ווייל גאט הט געהייסן משה זאל אחלק געבן צו די טעכטר פון צלפחד אין ארץ ישראל הט משה גמיינט דאס ער וועט שון קומן קיין ארץ ישראל דרום הט אים גאט געזאגט דאס ער וועט שטארבן (כאשר נאסף וגו') אזו ווי דיין ברודר אהרן איז געשטארבן דען משה האט גגליסט צו דר מיתה פון קושן וואס אהרן איז דר מיט געשטארבן דרום הט אים גאט געזאגט דו וועסט שטארבן אזו ווי אהרן איז געשטארבן (כאשר מריתם פי) אזו ווי איר הט ווידר גשפעניגט מיין מול ביי מי מריבה אונ גאט לאזט וויסן וואס פר איין עבירה משה הט גטאן דס ער הט גמוזט שטארבן אין דער מדבר כדי לייט זאלן ניט זאגן ער הט אוך גרוסי עבירות גטאן גלייך מיט אלע די וואס זענין געשטארבן אין דער מדבר עס איז איין משל צוויי ווייבר האט מען מלקות געשלאגן איינע האט געגעסן דיא פייגן פון שמיטה אונ די אנדרי הט מזנה געוועזן זאגט די אשה וואס מען הט זי געשלאגן פון וועגין פייגן לאז מען אוף הענגן פייגן אוף מיין האלז כדי לייט זאלן וויסן דאס איך ווער געשלאגן פון וועגין פייגן פון שמיטה כדי מען זאל ניט זאגן איך האב אוך מזנה געוועזן אזו ווי אנדרי אזו אוך הט גאט אן געשריבן די עבירה פון משה כדי מען זאל ניט זאגן ער איז געשטארבן איבר דר עבירה וואס אלע זענין געשטארבן אין דער מדבר פון דאגן לערנין מיר אפ דאס גאט איז זיך מרחם איבר דיא צדיקים אפילו ווען ער דארף צערנין אוף זיי מכל שכן ווען ער צערינט ניט אוף זייא איז ער זיך מרחם איבר זייא (וידבר משה אל יי) ר' יהודה זאגט הונדרט אונ זיבציג פרשיות זענין אין דר תורה וואס דער נאמן פון גאט ווערט דער מאנט פר משה אונ דא איז משה דר מאנט פר גאט דאס איז דרום ווייל גאט האט געזאגט ביז אהער איז משה אמלך געוועזן איבר ישראל דרום איז מיין נאמן פריער דער מאנט געווארן אבר היינט אז משה שטארבט איז רעכט דס זיין נאמן זאל אוך אמאל פריער שטיין (יפקוד יי אלהי הרוחות) משה זאגט צו גאט ער זאל אום דער ווילן איין מנהיג איבר ישראל וואס זאל פירין זייא נאך זיין טוט דען משה הט געזעהן דס גאט הייסט געבן די ירושה פון צלפחד צו זיינע טעכטר האט ער זיך געטראכט היינט איז די צייט איך זאל בעטן גאט אז מיין שררה שאפט זאל גיין בירושה צו מיינע קינדר דאס זיי זאלן פירין די ישראל אזו ווי איך האב זיי געפירט הט גאט אים גיענפרט מיין דיעה איז ניט אזו נייערט יהושע וואס האט דיך ערליך בדינט אונ איז ניט אוועק געגאנגן פון דיין גיצעלט אונ הט אלין תורה גלערינט דער וועט דיין שררה שאפט ירשנין אונ וועט פירין דיא ישראל קיין ארץ ישראל אונ משה הט געזאגט צו גאט רבונו של עולם זעץ אמלך איבר די ישראל וואס זאל פריער גיין אין דער מלחמה פאר יודן אזו ווי איך האב גטאן ביי סיחון ועוג ער זאל קענין מציל זיין די ישראל מיט זיין זכות אונ טו אים ניט אזו ווי דו האסט מיר גטאן דס ער זאל אין מיטן דריגן שטארבן (קח לך את יהושע) גאט זאגט געם איין יהושע מיט גוטע רייד אונ זאג אים וואל צו דיר וואס דו ביסט זוכה צו זיין אמנהיג איבר גאטס

קינדר אונ לעהן אן דיינע הענד אוף אים כדי די ישראל זאלן זעהן דאס ער ווערט אוף דיין ארט אמנהיג אונ לאז אים דרשנין פר דיין לעבן כדי די ישראל זאלן דר נאך ניט זאגן ביי משה'ס לעבן הט יהושע קיין קאפ ניט גקענט אוף הייבן אונ גיב אים פון דיין שונקייט וואס לייכט אין דיין פנים דען דס פנים פון משה הט גלייכט אזו ווי די זון מען הט אים ניט גקאנט אריין קוקן אונ דס פנים פון יהושע האט נאר גלייכט אזו ווי די לבנה אונ פר אלעזר הכהן וועט יהושע מוזען שטיין צו פרעגין אים אין די אורים ותומים אונ דס הט גאט געזאגט משה דו האסט בגערט דיין זון זאל ירשנין דיין שררה שאפט צו זיין איין מנהיג איבר ישראל אצונד אלעזר איז פון דיין משפחה וועט ער האבן שררה שאפט איבר יהושע דען יהושע וועט קיין זאך ניט קענין טאן אן אלעזר דרום איז גלייך ווי דיין זון האט דס שררה שאפט אונ משה הט גטאן זיינע ביידע הענד אוף יהושע אונ הט אים מסמיך געוועען פר איין רב חאטשע גאט הט אים נאר געהייסן ער זאל איין האנד אוף אים ארוף לייגן פון דעסט וועגין הט אים משה מסמיך געוועען מיט ביידע הענד אונ האט אים גבענשט מיט דם גאנצן הארצן. (וידבר יי' אל משה וגו' את קרבני לחמי) גאט הט געזאגט צו משה דו בגערסט פון מיר איך זאל די קינדר ישראל איין מנהיג געבן אונ ווארום זאגסטו ניט אן די ישראל זיי זאלן מיך רעכט דינען מיט קרבנות עס איז אמשל אנוייב פון אמלך הט גזאלט שטארבן הט זיא דעם מלך אן געזאגט ער זאל די קינדר רעכט האלטן זאגט דער מלך זאג נאר אן די קינדר זיי זאלן מיך ערליך האלטן אזו וועט זיי בוודאי גוט זיין אונ גאט הט געהייסן ברענגן פאר אקרבן איין שאף אונ איין צעהנטיל מאס זעמל מעל אונ אפערטיל עמיר וויין אזו זאל מען ברענגן אין דער פריא אונ פר נאכט דען דער עיקר שפייז פון דעם מענשן איז פלייש אונ זעמיל מעל אונ וויין דרום האט גאט דער פון געהייסן אקרבן ברענגן כדי דער מענש זאל אלע

מאל זאגן דיא שפייז איז פון גאט ער גיט אונז אלע מאל גענוג שפייז אונ דרום האט מען איינם געבראכט פאר נאכט ווען דיא לבנה דארף אוף גיין אונ איינם אין דער פריא ווען די זון דארף אוף גיין כדי דער מענש זאל זאגן דס איז פון גאט ער פירט די זון אונ די לבנה וואס דורך זיי וואקסן די פירות וואס וואקסן ביי נאכט דורך דר לבנה אזו ווי קארין אונ ווייץ אונ עס זענין פירות וואס וואקסן פון דר זון אזו ווי וויין אונ בומל. אדא בן רבי סימון זאגט גאט זאגט צעהן בהמות האב איך דיר געגעבן וואס דו מעגסט זיי עסין איין אקס, איין שאף, איין ציג, איין אינד, איין הירש, איין שטיין באק, איין ווייזיל טיר, איין ווילדן אקס, איין תאו, איין זמר. פון דעסט וועגין זאלסטו מער ניט ברענגן צו קיין קרבן נאר אזעלכע בהמות וואס זענין ביי דעם מענשן אין די הענד דס איז איין אקס אונ איין שאף אונ איין ציג כדי מען זאל זיך ניט דארפן מטריח זיין צו זיכן חיות אין וואלד אדר אין פעלד פר אקרבן (וביום השבת שני כבשים) אים שבת הט מען צוויי שאף געבראכט פאר איין קרבן מוסף דען די זאכן פון שבת איז אלץ טאפל דר מן איז געוועען צוויי מאס צו איין מענשן אונ דרום מאכן מיר צוויי קוכן אוף שבת (לחטאת ליי') ביי ראש חודש שטייט איין חטאת צו גאט מער ווי ביי אלע קרבנות דס איז ווייל גאט הט בשאפן די זון מיט דר לבנה מיט איין גלייכע רעכט נאר די לבנה הט פון זיך אליין קיין לעכט ניט זי איז טינקל נאר זי איז לעכטיג דער פון וואס די זון שיינט אין איר אריין הט די לבנה געזאגט פאר גאט רבונו של עולם האסטו דען חס ושלום קיין כח ניט צו מאכן איך זאל קענין לייכטן פון מיר אליין ניט איך זאל דארפן צו דער זון איך בין דאך אזו ניציג אוף דר וועלט אזו ווי די זון אונ אויך וועלין דיא אומות זאגן דו האסט קיין כח ניט צו בשאפן איטליכם לעכט בזונדר הט גאט גצערינט אוף דער לבנה אונ זאגט דו ווילסט מיך לערנין וואס צו טאן דרום זאל זיך דיין לעכט מינרין האט דיא

לבנה געזאגט צו גאט רבונו של עולם ווייל איך האב גלייך גירעט זאל מיין לעכט זיך מינערין הט גאט געזאגט דאס ווס איך האב דיין לעכט בשאפן פון דער זון ווייס איך וואל פר וס דאס איז. נאר ווייל דו האסט גלייך גרעט דרום זאלן מיינע קינדר ישראל איין קרבן ברענגן ווען די לבנה בנייעט זיך אונ דרום האט גאט גטאן די לבנה מינערין דען ווען די לבנה וואלט אזו גלייכט ווי די זון וואלט מען ניט געוואוסט קיין חילוק צווישן טאג אונ נאכט אזו הט גאט געזאגט די מענשן מיזן האבן איין צייט אז זיי זאלן רוען פון זייער האנדלין ווס זיי האבן דעם גאנצן טאג גארבייט אונ אז עס זאל זיין לעכטיג ביי נאכט אזו ווי ביי טאג וואלט דר מענש גארבייט טאג אונ נאכט אונ וואלט באלד געשטארבן אונ נאך האט גאט געזאגט די נאכט איז וואורן געגעבן צו לערנין תורה ווארום דענסט מאל זענין די מענשן שטיל אונ האבן רוה קען מען תורה לערנין אונ גאט האט געוויזן די מענשן ווען איינר טוט תשובה · דא נעמט ער אן זיין תשובה אזו ווי מיר געפינן ביי דר לבנה אונ הט גהייסן איין קרבן ברענגן איבר דאס וואס זיא איז גמינרט געווארן אונ דעם קרבן זאל מען ברענגן אים ראש חודש ווען די לבנה טוט זיך ניי׳ן אונ דרום שטייט אין דער תורה ביי ראש חודש חטאת ליי׳ איין קרבן צו גאט אונ ווייל דיא אומות האבן געבראכט קרבנות צו דר לבנה ווארום זיא טוט זיך

בנייען אלע חודש דרום שטייט אין דער תורה דער קרבן זאל זיין נפון גאטס וועגין אונ ניט צו דר לבנה (וביום השמיני עצרת) דער אכטר טאג פון סוכות הייסט עצרת וואס איז טייטש אוף געהאלטן גאט האט געזאגט צו ישראל אלע זיבן טעג הט איר געבראכט קרבנות אקעגין דיא אומות אונ היינט וועל איך מיך מיט אייך משמח זיין אונ ברענגט איין קרבן אונ מאכט איין טאג יום טוב אונ די קרבנות פון די זיבן טעג זענין אלע מאל גמינרט געווארן דם ערשטן טאג הט מען געבראכט דרייצן אקסן דם אנדרין טאג צוועלף דם דריטן טאג עלף אונ אזו אלץ איינס וויינגר ביז אין דעם זיבטן טאג האט מען נאר געבראכט זיבן אקסן דם לערינט אונז די תורה דרך ארץ ווען אגאסט קומט צו אמענשן דם ערשטן טאג גיט ער אים עסין גשטאפטע קאפהינר דעם אנדרין טאג גיט ער אים פיש דעם דריטן טאג גיט ער אים רינדרין פלייש דם פערדן טאג גיט ער אים ארבס אונ ווייטר גיט ער אים רעטך אונ ציבלים. אונ דעסט גלייכן אונ דיא פרשה לאזט זיך אוס (לשלמיכם) דם איז טייטש איין קרבן פון שלום ווייל אוף שלום שטייט דיא וועלט אונ דרום אוך לאזן מיר אוס דיא שמונה עשרה (המברך את עמו ישראל בשלום) גאט וואס בענשט זיין פאלק ישראל מיט שלום ווייל תפלה נאיז אוף דעם ארט פון קרבנות:

## הפטרת פנחס.

(ויד יי היתה אל אליהו) דיא נבואה פון גאט איז געקומן צו אליהו אונ ער הט אן גגארט זייני לענדן אונ איז גלאפן פר אחאב האטשע אחאב איז ארשע געוועזן הט דאך אליהו דם גטאן לכבוד המלכות ווייל אחאב איז אמלך געוועזן (ויגד אחאב לאיזבל) אונ אחאב האט געזאגט צו זיין ווייב איזבל דאס אליהו האט גהרגיט אלע נביאים פון דעם אפ גאט בעל הט איזבל גשיקט אשליח צו אליהו זאגן אים מארגן וועל איך טאן דיין בלוט אזו ווי איינם פון זיי אונ ווי אליהו הט געזעהן דם ער איז אין איין סכנה איז ער אנטלאפן קיין באר שבע אונ הט זיין יונג גלאזט אין באר שבע אונ איז געגאנגן אין דער מדבר אונ הט זיך גיזעצט אונטר אבום אונ הט גבעטן גאט ער זאל שטארבן אונ האט גזאגט בין איך דען בעסר פון מיינע עלטרין (וישכב ויישן) אונ ער האט זיך געלייגט אונ איז אנשלאפן געווארן אונטר איין רותם בום. איז געקומן אמלאך פון גאט אונ האט אים אוף גוועקט אונ גזאגט שטיי אוף אונ עס. הט אליהו געזעהן אקוכן ווס איז גבאקן אוף קולן אונ אקריגל וואסר שטייט ביי זיין צו קאפן הט ער געגעסן אונ גטרונקן אונ הט זיך ווידר געלייגט איז דר מלאך

גקערט אונ הט גענומן אפאר רינדר אונ הט זיי געקוליט פר גרוס שמחה וואס ער וועט גיין מיט אליהו אונ האט ניט געוואלט זאמן אן צו האקן האלץ צו קאכן דאס פלייש אונ הט גענומן דיא כלים ווס די רינדר גייען אין זיי גישפאנט אונ הט גיקאכט מיט זיי דס פלייש אונ הט גגעבן עסין די לייט וואס האבן גיאקערט אונ די לייט וואס האבן אים בגלייט דר נאך איז אלישע גגאנגן נאך אליהו אונ הט אים בדינט:

# פרשת מטות.

(מטות) אין דר סדרה הט גאט גזאגט ווי שבועה איז דיא גרעסטע עבירה

ווען דר מענש שווערט אונ האלט ניט אונ צו צייטן איז איין מענש צארינדיג אונ שווערט אונ דר נאך הט ער חרטה דרום הט גאט גזאגט ווען איינר טוט אנדר אדר איין שבועה אונ הט חרטה זאל ער גיין צו דריי לייט אונ זאל זיי זאגן איך האב חרטה אונ די דריי לייט זאלן אים מתיר זיין דס מיינט מען נאר אין דם פאל אז דר מענש טוט איין נדר אדר איין שבועה אויף זיין איינגעם פערזאן אונ עס בטרעפט ניט קיין אנדרן מענשן אונ די תורה הט אן געשריבן

### של"ה הקדוש

(לא יחל דברו ככל היוצא מפיו יעשה) דס הייסט ווס עס גייט ארוס איין מענשן פון מול זאל ער מקיים זיין דער פסוק רעט דא פון איין נדר אונ דר נאך זאגט ער (ככל היוצא מפיו) ווס עס גייט פון מול ארוס איז דאך דאס אזו ווי איבריג נאר דאס איז איין מוסר אז דער מענש זאל זיין איין נאמן בדבורו אונ ער זאל היטן זיין מוצא שפתיו ווס ער זאגט פון מול ארוס ווען אוך עס איז אפילו ניט גוועזן בלשון נדר אונ ער הט ניט גענומן אויף זיך בלשון חיוב אזו וויא משה רבינו האט געזאגט צו דיא בני גד ובני ראובן (והיוצא מפיכם תעשו) מאכט רש"י דס איז ווס זיי האבן אויף זיך מקבל גוועזן זיי זאלן מיט גיין מיט ישראל צו דר מלחמה איין צו נעמן ארץ ישראל אונ זיי זאלן מיט זיי זיין צו זאמן ביז נאכן מען וועט דם לאנד איין נעמן אונ מען וועט זיך צו טיילן מיט איר נאך איין זאך האבן זיי צו געזאגט וואס זיי זענין ניט גוועזן מחויב ווארום זיי זענין נאר מחויב גוועזן צו גיין מיט דיא ישראל צו זאמן אין דער מלחמה אזו ווי משה רבינו הט געזאגט (האחיכם יבואו למלחמה ואתם תשבו פה) אבר זיי האבן אויף זיך גענומן אונ האבן געזאגט (ואנחנו נחלץ חושים) דם הייסט זיי האבן זיך אן גענומן אז זיי

ואלו

(ראשי המטות) ביי נדרים אונ נדבות ווס די ישראל האבן געבראכט אים יום טוב צו זיין דאס דיא ראשים וואס זענין אין איטליכן דור זאלן גייטן דם קהל צו געבן צדקה אונ נדבות אזו וויא די חכמים זאגן (אזהרה לבית דין שיעשוך) עס איז ווארן אן געזאגט צום בית דין זיי זאלן די ישראל גייטן צדקה צו געבן (ואשה כי תדור) ווען איין אשה טוט איין נדר אונ זיא איז אין פאטערס רשות אונ דר פאטער הט איר דם נדר פר ווערט טאר זי דם נדר ניט האלטן ווייל דער פאטער האט איר פר ווערט אונ ווען זיא הט אמאן אונ דער מאן פר ווערט איר

### אוהל יעקב

(איש כי ידור נדר וגו') ווען אמענש וועט טאן אנדר צו גאט (לא יחל דברו) זאל ער ניט פר שוועכן זיינע ריד (ככל היוצא מפיו יעשה) נאר ווי אזו עס גייט ארוס פון זיין מויל אזו זאל ער מקיים זיין אונזרי חכמים האבן געזאגט אז נאר צו די מענשן וואס זענין יראים ושלמים הט די תורה מתיר גוועזן זיי זאלן אנדר טאן ווייל זיי זענין פר זעכירט זייא וועלין מקיים זיין דעם נדר אבר אנדערי מענשן טארן קיין נדר ניט טאן עס איז בעסר זייא זאלן גאר קיין נדר טאן איידר זיי זאלן אנדר טאן אונ זאלן ניט מקיים זיין, אצונד וועלין מיר געבן צו פר שטיין דם ענין דורך אמשל עס זענין גוועזן צוויי שכנים ארימע לייט איינר איז גוועזן אהאלץ העקר איין ערליכר אונ דער אנדרר איז גוועזן אגנב אונ זיי האבן ביידע גהאט טעכטר נום איז שון גוועזן צייט חתונה צו מאכן, דר האלץ העקר הט חתונה גמאכט זיינע טעכטר ווי עס גהער צו זיין ער הט זייא געגעבן נדן אונ קליידר צו דר חתונה אונ ביי דם שכן דעם גנב איז שון גוועזן אלטע מיידן אונ ער הט זיי ניט גקענט חתונה מאכן אמאל הט דר גנב גפרעגט דם האלץ העקר דו ביסט דאך אוך איין ארימאן ווי איך ווי אזו האסטו גקענט דיינע טעכטר חתונה מאכן בכבוד אונ האסט זיי געגעבן נדן. ענפערט אים דר שכן זיין מנהג איז אזו גוועזן דם טאג. נום עס איז אים געבארן געווארן אקינד הט ער זיך גמאכט אקליין קעסטל אונ הט דם פר שלאסן אונ אלע טאג הט ער גווארפן אמטבע אין קעסטל אונ אז עס איז געקומן די צייט פון חתונה צו מאכן דאס

קינד

איר טאר זיא אויך דעם נדר ניט האלטן דהיינו ווען זי טוט אנדר זי זאל קיין פירות ניט עסין אדר זי זאל פאסטן אדר זיא זאל אין קיין מרחץ ניט גיין אדר זיא אסרת אויף זיך זיין הנאת תשמיש די נדרים קען דר מאן פר ווערין אונ זי מוז זיי פר לאזן אבר ניט קיין אנדרי אונ איין שבועה צו טאן איז איין גרוסי עבירה אפילו ווען ער וויל די שבועה האלטן אזו ווי מיר געפינן ביי ינאי המלך דם ער הט גהאט זיין איינגם טוזינט שטעט אונ אלע זענין חרוב געווארן ווייל זייא האבן אלץ געשווארן אפילו אויף אמת אונ דם איז ווייל זיי האבן אום זיסט גאטס נאמן דר מאנט מכל שכן ווען איינר שווערט פאלש ווערט ער בוודאי געשטראפט אבר ווען דר מענש טוט איין נדר ווייל ער הט מורא דער יצר הרע זאל אים ניט אפ ריידן פון אמצוה דרום טוט ער איין נדר ער זאל די מצוה טאן דאס מעג מען אדר ווען ער איז געגאנגן אין שלעכטן וועג אונ וויל זיך פאר צאמן מיט איין שבועה ער זאל ווייטר אין דעם וועג ניט גיין אזעלכע נדרים הט גאט געהייסן טאן אזו וויא דוד המלך האט געזאגט (נשבעתי ואקימה וגו') איך האב געשווארן צו האלטן דיינע מצות. (נקום נקמת וגו') גאט הט געזאגט צו משה טוא איין נקמה אין מדין אונ דר נאך ווערסטו שטארבן דען איך מוז האלטן מיין שבועה וואס איך האב געשווארן דו זאלסט ניט קומן קיין ארץ ישראל דרום הט די תורה פריער געשטעלט די פרשה פון נדרים אונ שבועות אונ דער נאך האט ער געזאגט צו משה דו מוזט שטארבן ווייל איך האב געשווארן אונ איין שבועה קען מען אנדרש ניט מתיר זיין נאר ווען מען האט חרטה אויף איר דם מיינט מען נאר אין דעם פאל אז דער מענש טוט איין נדר אדר שבועה אויף זיין אייגענים פרשון אונ עס בטרעפט ניט קיין אנדרין מענשן אבר איך האב קיין חרטה ניט דרום קען מען מיר די שבועה

ניט

## של"ה הקדוש

זאלן גיין פריער פר אלימן דרום זאגט דער פסוק אין פרשת וזאת הברכה ביי דם שבט גד (צדקת יי עשה ומשפטיו עם ישראל) דם מיינט דר פסוק אזו מצד המשפט אונ מצד הדין זענין זייא מער ניט מחויב געווען נאר זיי זאלן מיט גיין מיט דיא ישראל נאר זיי האבן געטאן דיא צדקות פון גאט דם הייסט אזו ווי אין פסוק שטייט ביי הש"י (ויי בראשם) אז גאט ב"ה גייט פריער אזו איז ביי זיי אויך געווען (והחלוץ הולך לפניהם) בכן האבן זיי מקיים געווען זייערע רייד וואס זיי האבן אויף זיך מקבל געווען אונ דם איז איין הובע מדה אז דער מענש זאל זיך אזו נוהג זיין אונ וואס פר איין ענין עס איז זאל זיין (היוצא מפיו יעשה) סיי אויף איין הן אדר אויף איין לאו זאל זיין איין הן צדק אדר איין לאו צדק:

וימסרו

## אוהל יעקב

קינד הט ער שון גהאט געלד וואס ער הט צו נויף גזאמלט חתונה צו מאכן דם קינד אונ הט אים איך די עצה געגעבן ער זאל אויך אזו טאן מאכן אקעסטיל אונ פר שליסן מיט אשלעסיל אונ זאל זאמלן געלד חתונת צו מאכן אז דער שכן דר גנב הט געהערט פון אים די עצה האט ער ווייטער געלאכט אונ זאגט די עצה איז נאר פר דיר אז דו ווארפסט אריין די מטבע אין קעסטיל וועט דם בוודאי ליגן ביז עס וועט קומן די צייט פון דם קינדס חתונה וועסטו ביט עפינן דם קעסטיל זאלסט ארוס נעמן האטשי עס וועט דיר זיין ווי אזו ענג אבר איך בין דאך אגנב איך עפין אויף גרעסרי שלעסר וואס אנדרי פר שליסן איז שון אכל שכן דם קליינע שלעסיל וואס איך וועל אליין פר שליסן וואס איז דאס ביי מיר גרעכינט אז עס וועט מיר זיין ענג אין געלד וועל איך עפינן דאס שלעסיל אונ וועל ארוס נעמן דאס געלד בכן איז דם פר מיר קיין בווארניש ניט. דער נמשל איז דר צדיק וואס היט דיא תורה אונ מצות אונ אלע שלעסיר

וואס

## ליקוטי יקרים

(וידבר יי אל משה לאמר) האט גאט גרעט צו משה אונ האט אים אזו געזאגט זיי דיך נוקם דיא נקמה וואס דיא ישראל דארפן זיך נוקם זיין פון דיא מדינים דער נאך וועסטו ווערין איין געזאמלט צו דיין פאלק ווארום דו וועסט ניט אריין קומן קיין ארץ ישראל דער מגלה עמוקות שרייבט דר טעם וואס משה הט געבארפט בגראבן ווערין אין דער זייט ירדן אונ זאל ניט קומן קיין ארץ ישראל ווארום מיר האבן איין כלל אזו וויא די תורה הט אן געזאגט אז דר אקס וואס דרעשט תבואה טאר מען אים זיין מול ניט פאר שליסן. אזו אז גאט ב"ה גיט רשות צום מלאך משחית דארף מען אפ געבן זיין חלק אזו ווי מיר געפינן אין זוהר הקדוש דם דער שטן הט מקטרג געווען

אויף

גיט מתיר זיין (נקמת יי) משה הט געזאגט צו די ישראל דרום הט גאט געהייסן טייטן דיא מדינים אונ ניט דיא מואבים ווייל דוד המלך דארף פון זיי ארוס קומן אונ חאטשע משה האט גהערט דס ער וועט שטארבן נאך דער מלחמה פון מדין וואלט ער גדארפט ווארטן ניט באלד שיקן אין דער מלחמה הט ער דאך דיא זאך באלד גטאן ווייל גאט הט אים געהייסן אבר יהושע אז ער הט גדארפט איין נעמן דיא אנשי כנען פון ארץ ישראל הט ער געזאגט איך וויים דס איך וועל די אנשי כנען איין נעמן וועל איך באלד מוזן שטארבן אזו ווי משה איז באלד גשטארבן נאך מדין דרום האט ער גזומט כדי ער זאל לענגר לעבן דרום הט גאט אים קורץ גמאכט זיין לעבן מיט צעהן יאר ווייניגר דען יהושע האט גזאלט לעבן הונדרט אונ צוואנציג יאר אזו ווי זיין רבי משה נאר ווייל ער הט גזומט צו דר פילן גאטס בפעל הט ער נאר גלעבט הונדרט אונ צעהן יאר דם זאגט דער פסוק רבות מחשבות בלב איש ועצת יי היא תקום דר מענש טראכט פיל אבר דיא עצה פון גאט בלייבט שטיין, אונ וויא ישראל האבן גזעהן דם דר טוט פון משה העגנט אין דר נקמה פון מדין האבן זייא ניט גוואלט גיין מלחמה האלטן מיט מדין כדי משה זאל לענגר לעבן הט גאט געזאגט צו משה ווארף גורל ווער עס זאל גיין אזו וועלין זייא מוזן גיין אונ משה האט גשיקט פנחס ער האט ניט גוואלט גיין אליין אין דר מלחמה ווייל ער איז דר צוגן גווארן אין מדין דרום הט ער זיי ניט גקאנט טייטן אונ אויך הט משה גזאגט צו פנחס דו האסט אן גהובן צו טאן נקמות פון זנות וועגין וואס די טעכטר פון מדין האבן גטאן דעם נשיא דרום זיי דיך ווייטר נוקם אין זייא דען ווען איינר הייבט אן איין מצוה דארף ער זיא גומר זיין אונ נאך איין פשט איז דרום איז פנחס געגאנגן איין נקמה טאן אין מדין ער זאל זיך נוקם זיין

### של"ה הקדוש

(וימסרו מאלפי ישראל) רש"י מאכט צו ווייזן דם שבח ווי זייער דיא מנהיגים פון ישראל זענין טייער ביי די ישראל אין די אויגן ווארום מיר זעהן דאך פריער האבן זיי געזאגט (עוד מעט וסקלוני) דאם הייסט זייא האבן זייא געוואלט פר שטיינן אבר אז זייא האבן גיהערט אז דער טוט פון משה רבינו איז אן געבונדן אן די נקמה פון מדין האבן זייא ניט געוואלט גיין מיט דעם גוטן ווילן ביז וואנן מען האט זיי געצווינגן דער צו אז מען וויל קען מען זאגן אז דער מאמר עוד מעט וסקלוני איז אויך געזאגט אויף איין שבח פר דיא ישראל

### אוהל יעקב

וואס די תורה האט פר שלאסן פר די עבירות היט ער זיי קען ער געוויס זיך מאכן אקליין שלעסיל ער זאל אנדר טאן אויף עפים אונ וועט פר געוויס ניט עפינן דם שלעסיל ביז עס וועט קומן די צייט ער וועט בוודאי מקיים זיין דם נדר אויף וויפיל צייט ער הט איין נדר גטאן אבר דר רשע ווי גיהער צו אים אנדר. מיידיך גרעסרי שלעסר וואס די תורה הט פר שלאסן פר די עבירות פון דעסט וועגין צו ברעכט ער די שלעסיר אונ איז עובר די עבירות וועט ער דען ניט צו ברעכן דם קלייני שלעסיל פון דם נדר ווס ער הט אליין פר שלאסן דרום האבן דיא חכמים געזאגט אז נאר יראים ושלמים מעגין איין נדר טאן ווארין זיי זענין פר זעבירט אז זיי וועלין בוודאי מקיים זיין:

### ליקוטי יקרים

אויף דעם ווידר ווס אברהם הט מקריב גוועין אויף דעם ארט פון זיין זון יצחק אונ הט אלם גוואלט מען זאל אים געבן יצחק ביז גאט ב"ה הט אים גגעבן אויף דעם ארט פון יצחק איוב הצדיק. אונ אזו אויך ביי פנחס וויא ער האט גהרגיט זמרי בן סלוא מיט דר מדינית הט ער אום גקערט דעם צארן פון גאט אונ דיא מגפה איז געווארן אויף געהאלטן איז דער שטן ארום געפלויגן איבר דיא קעפ פון די ישראל אונ האט געוואלט מען זאל אים אפ געבן זיינס האט אים גאט ב"ה געזאגט (נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים) די נקמה וואס דו ווילסט דיך נוקם זיין אין דיא ישראל פר ווס די מגפה איז אויף געהאלטן געווארן זאלסטו דיך נוקם זיין אין דיא מדינים כלומר אויף דעם ארט ווס דו ווילסט טייטן די ישראל זאלסטו טייטן די מדינים. אונ אפשר וועט ווער פרעגין ווי אזו האט אים גאט צו געזאגט דיא מדינים פאר דיא ישראל. איבר דם זאגט גאט ב"ה צו משה (אחר תאסף אל עמך) נאך דער נקמה פון דיא מדינים וועסטו ווערין איין געזאמלט צו דיין פאלק ווארום דו געשטייסט קעגין אלע ששים רבוא פון דיא ישראל:

זיין אין זייא ווייל זייא האבן פר קופט זיין עלטר פאטר יוסף קיין מצרים דען פנחס איז ארוס גקומן פון יוסף פון מוטרס צד (לכל מטות ישראל תשלחו) פון אלע שבטים פון ישראל זאלט איר שיקן דער פסוק לערינט אונז דם שבט לוי הט אוך גשיקט טויזנט מאן אין דער מלחמה פון מדין איז קשה די ישראל ווענין דאך געווען צוועלף שבטים אן שבט לוי אונ מיט שבט לוי איז געווען דרייצען שבטים אזו הט גדארפט זיין דרייצען טויזנט מאן אונ דר פסוק זאגט עס איז נאר געגאנגן אין דר מלחמה פון מדין צוועלף טויזנט מאן דר תירוץ איז שבט אפרים האט ניט גשיקט אין דער מלחמה כדי ישראל זאלן זיי ניט חושד זיין דם זיי ווענין גערין צו גיין אין דר מלחמה כדי משה זאל שטארבן אונ יהושע וואס ער איז פון זייער שבט זאל מלך ווערין דרום הט שבט לוי גזאגט מיר וועלין גיין אויף דעם ארט פון אפרים אונ מיר וועלין גאטס גבאט האלטן חאטשע משה איז פון אונזר שבט אונ זיין לעבן הענגט אין דער מלחמה (וכלי הקודש) זיי האבן מיט גנומן דם ארון קודש אונ דם גילדנים בלעך וואס אויף איהם איז געשטאנן דער שם המפורש דען בלעם איז גפלויגן אין דיא ליפטן מיט כישוף מיט דיא שרים פון מדין כדי דיא ישראל זאלן זיי ניט קענין טאן דרום האבן די ישראל מיט גנומן דעם גילדנים בלעך אונ האבן אים נישטעלט אקעגין בלעם איז ער אראפ גפאלן אויף דיא הרוגים אונ זיי האבן אים גהרגיט מיט איין שווערד אונ דרום האבן זיי אים גהרגיט מיט א שווערד ווייל ער האט גוואלט דיא ישראל שעלטן מיט זיין מויל וואס דאס איז די ברכה פון ישראל הקול קול יעקב דם זייער כח איז מיט דעם מויל דרום האבן זיי אים גהרגיט מיט א שווערד וום דם איז דיא ברכה פון זיי ועל חרבך תחיה דו זאלסט דיך ווערין מיט דער שווערד אונ בלעם איז גקומן צו נעמן שכר פון מדין דר פר וום ער הט זיי איין עצה געגעבן אונ דורך דעם זענין גפאלן פיר אונ צוואנציג טויזנט פון ישראל פון וועגין זנות אזו האבן אים דיא ישראל איין גוטן שכר בצאלט אונ משה האט נאר גשיקט צוועלף טויזנט מאן פון ישראל צו מדין חאטשע מדין איז גוועזן א גרוס פאלק אונ האבן גהאט שטארקי שטעט אונ פעסטי נאר משה האט זיך גטראכט עס זענין פיל פון ישראל וואס האבן מונה געווען מיט די טעכטר פון מדין די קענין ניט גיין אין דר מלחמה דרום הט ער אוס גקליבן צדיקים זיי זאלן גיין אין דר מלחמה אונ די ישראל זענין זייער פרום גוועזן אונ האבן גבראכט צו משה נאר דם געלד אונ גוטס וואס זיי האבן גרויבט פון מדין אונ משה אונ אלעזר זענין זייא אקעגין גגאנגן אונ האבן גווערט דאס קיינר זאל ניט עפים חאפן פון דעם רויב אונ משה הט גצערינט אויף די הויפט לייט פון דעם חיל וואס זייא האבן גלאזט לעבן

של"ה הקדוש

ישראל אונ דם ענין איז אזו ווארום וום די ישראל קריגן זיך מיט זייערע מנהיגים קען מען מפורש זיין אויף צווייא אופנים איין אופן פשוט אויף שלעכטס אזו ווי עס ווייזט אוס פון זייערע רייד דר אנדרר אופן קען מען זאגן לשבח פון חשיבות ווענין זיי האלטן זייערע מנהיגים אזו טייער גליך ווי זיי וואלטן גוועזן זייערע פאטרס דריבר האבן זיי אלע מאל געשריגן אונ געבייזרט אז מען זאל זיי זעהן געבן וואס זיי בדארפן ווייסט מען דאך ניט אויף וואס פר איין אופן עס איז גוועזן די רייד פון די ישראל נאר ווי מיר זעהן אצונד אז בשעת דיא מיתה פון משה רבינו ע"ה האבן זייא ניט געוואלט גיין פר שטייט מען דער פון וואס זייא האבן פריער געמיינט אז דאס וואס זייא פלעגין מתרעם זיין אויף משה רבינו איז דאס אלץ גוועזן פון איין מעלה וחשיבות ווייל זייא האבן אים געהאלטן פר איין פאטר זייערין אונ אזו איז דר יושר אז מען זאל האלטן איטליכן מנהיג פון דור פאר איין פאטר אונ פאר איין פאר שטעהר פאר דעם כלל:

(ויקצוף משה על פקידי החיל) משה רבינו האט אויף זייא גצערינט דרויף קען מען דאך פרעגין וואס הט משה רבינו געהאט צו זיין אין כעס דרויף ער האט דאך זיי ניט פר באטן דרויף

זיי

לֶעבֶּן דִיא נְקֵבוֹת פוּן מִדְיָן וַוייל זַייא הָאבֶּן
גְמַאכְט דִי יִשְׂרָאֵל דִי עֲבֵירָה טָאן פוּן זְנוּת.
(וַיֹּאמֶר אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן) אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן הָאט
גְזָאגְט צוּ יִשְׂרָאֵל זֵיי זָאלְן כַּשֶׁרְין דִי כֵּלִים
פוּן מִדְיָן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן לָקִישׁ זָאגְט דֶער
וָוס אִיז אִין כַּעַס וֶוען עֶר אִיז אֵיין חָכָם טוּט
זִיךְ דִי חָכְמָה פוּן אִים אָפּ אַזוֹי ווִי מִיר גְפִינֶען
בַּיי מֹשֶׁה דָם עֶר הָט גְצֶערִינְט אוֹיף יִשְׂרָאֵל
וָוס זֵיי הָאבֶּן גְלָאזְט לֶעבֶּן דִיא נְקֵבוֹת פוּן
מִדְיָן דְרוּם הָאט עֶר פַר גֶעסֶן דֶעם דִין פוּן
כַּשֶׁרְין אוּנ אֶלְעָזָר אִיז גְקוּמֶן אוּנ הָט דֶעם
דִין גְזָאגְט וֶוער עֶס הָאט גִילְדֶנֵי כֵּלִים אָדֶר
זִילְבֶּרְנֵי כֵּלִים אָדֶר קוּפֶּרְנֵי כֵּלִים אָדֶר פוּן
בְּלַיי זָאל מֶען דִי כֵּלִים פְּרִיעֶר אוֹם רַייבֶּען
עֶס זָאל פוּן זֵיי דֶר זַייבֶּר אַרָאפּ אוּנ דֶער
נָאךְ זָאל מֶען זַייא כַּשֶׁרְין אִין אַיין קֶעסִיל
מִיט זִידֶנְדִיג וַואסֶר אוּנ אַזוֹי גְפִינֶען מִיר דָאס
מֹשֶׁה הָט נָאךְ צְוַויי מָאל גְצֶערִינְט אוּנ הָט
אַלֶע מָאל דְרִיבֶּר דִינִים פַר גֶעסֶן אוּנ וֶוען
אֵיין נָבִיא צֶערִינְט טוּט זִיךְ דִיא נְבוּאָה פוּן
אִים אָפּ דֶען דִי שְׁכִינָה רוּהְט נִיט בַּיי דֶם
מֶענְשֶׁן וָואס צֶערִינְט. דִיא חֲכָמִים זָאגֶן וֶוען
אֵיינֶר צוּ בְּרֶעכְט אֵיין כְּלִי פַאר כַּעַס אִיז
גְלַייךְ ווִיא עֶר דִינְט ע"א אִיז קָשֶׁה וָוארוּם
הָט גָאט נִיט גְהֵייסֶן כַּשֶׁרְין דִיא כֵּלִים פוּן
סִיחוֹן וְעוֹג אַזוֹי ווִי בַּיי מִדְיָן דֶער תֵּירוּץ אִיז
וַוייל דָאס לַאנְד פוּן סִיחוֹן וְעוֹג אִיז גֶעוֶועזְן
אַחֵלֶק פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דֶען דִי בְּנֵי גָד אוּנ
דִי בְּנֵי רְאוּבֵן הָאבֶּן דָם גַירְשִׁית דְרוּם הָט
מֶען גַמֶעגְט נִיצֶן זֵייעֶרֶע כֵּלִים אָן כַּשֶׁרְין
אוּנ אָן טְבִילָה דֶען דִיא חֲכָמִים זָאגֶן אֲפִילוּ
דִיא זַייטֶן פוּן חֲזִירִים אִיז מוּתָּר גֶעוָוארְן צוּ
יִשְׂרָאֵל בְּשַׁעַת אַז זַייא הָאבֶּן אַיין גֶענוּמֶן
אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וַוייל גָאט הָט צוּ גֶעזָאגְט צוּ
גֶעבֶּן צוּ יִשְׂרָאֵל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הַייזֶר
וָוס זֶענִין פוּל מִיט גוּטְס אָבֶּר דָם לַאנְד פוּן
מִדְיָן אִיז נִיט גֶעוֶועזְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ
מֶען הָט נָאר אַנְקָמָה גְטָאן אִין מִדְיָן אָבֶּר
מֶען הָט עֶס נִיט אַיין גֶענוּמֶן פַר זֵייעֶר לַאנְד
דְרוּם הָאט מֶען נִיט גְטָארְט נִיצְן זֵייעֶרֶע
כֵּלִים אָן כַּשֶׁרְין (שָׂא אֶת רֹאשׁ) גָאט הָט
גֶעזָאגְט צוּ מֹשֶׁה עֶר זָאל צֵיילֶען דִי מֶענְשֶׁן
אוּנ דִיא בְּהֵמוֹת אוּנ דָאס גָאלְד אוּנ זִילְבֶּר
אוּנ קְלֵיידֶר וָואס זַייא הָאבֶּן גֶעבְּרַאכְט פוּן
מִדְיָן אוּנ מֶען זָאל דָאס צוּ טֵיילֶן הֶעלְפְט
זָאל מֶען גֶעבֶּן צוּ דִי צְוֶועלְף טוֹיזְנְט מֶענְשֶׁן
וָוס זֶענִין גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער מִלְחָמָה אוּנ דִיא
אַנְדֶרִי הֶעלְפְט זָאלֶן כָּל יִשְׂרָאֵל נֶעמֶן דִיא
צְוֶועלְף טוֹיזְנְט מַאן זָאלֶן פוּן זֵייעֶר חֵלֶק
מֶכֶס גֶעבֶּן אֵיין מֶענְשׁ פוּן פִינְף הוּנְדֶרְט
מֶענְשֶׁן אוּנ אַזוֹי אוֹיךְ פוּן רִינְדֶר אוּנ אֵייזְלֶען
אוּנ שָׁאף זָאלֶן זֵיי דֶם מֶכֶס גֶעבֶּן אוּנ דָאס
זָאל מֶען גֶעבֶּן צוּ אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן אוּנ פוּן דֶם
חֵלֶק וָוס כָּל יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן גֶענוּמֶן זָאל מֶען
נֶעמֶן מֶכֶס אֵיין מֶענְשׁ פוּן פוּפְצִיג מֶענְשֶׁן
אוּנ אַזוֹי אוֹיךְ פוּן רִינְדֶר אוּנ אֵייזְלֶען אוּנ שָׁאף
זָאל מֶען דָאס מֶכֶס גֶעבֶּן צוּ דִי לְוִיִּם וָואס
הִיטֶן גָאטְס מִשְׁכָּן (וַיִּקַּח מֹשֶׁה וְאֶלְעָזָר
הַכֹּהֵן) אוּנ מֹשֶׁה מִיט אֶלְעָזָר הָאבֶּן אַלֵיין
צוּ טֵיילְט דֶם רוֹב פוּן מִדְיָן אָן דִי נְשִׂיאִים
חָאטְשֶׁע גָאט הָאט גְהֵייסֶן דִי נְשִׂיאִים זָאלֶן
אוֹיךְ דֶער בַּיי זַיין כְּדֵי מֶען זָאל נִיט חוֹשֵׁד
זַיין צוּ אֶלְעָזָר דָאס עֶר נֶעמְט זִיךְ מֵיין ווִי
עֶס קוּמְט אִים נָאר דִי נְשִׂיאִים הָאבֶּן גְזָאגְט
מִיר וֶועלִין דֶר צוּ נִיט גֵיין אֶלְעָזָר אִיז דְרוֹיף
בַּגְלַייבְּט (וַתְּהִי הַמֶּחֱצָה) אוּנ עֶס אִיז גְוֶוען
דִי הֶעלְפְט שָׁאף דְרַייא הוּנְדֶרְט טוֹיזְנְט אוּנ
זִיבֶּן אוּנ דְרַייסִיג טוֹיזְנְט אוּנ פִינְף הוּנְדֶרְט
אוּנ רִינְדֶר אִיז גְוֶוען זֶעקְס אוּנ דְרַייסִיג
טוֹיזְנְט אוּנ אֵייזְלֶען אִיז גְוֶוען דְרַייסִיג טוֹיזְנְט
מִיט פִינְף הוּנְדֶרְט אוּנ מֶענְשֶׁן אִיז גְוֶוען
זֶעכְצֶען טוֹיזְנְט דָם אִיז אַלֶּץ גְוֶוען אַהֶעלְפְט
אוּנ דְרוּם הָט דִי תּוֹרָה דִי צָאל פוּן זֵיי אָן
גֶעשְׁרִיבֶּן צוּ וַוייזֶען זִינְט מֶען הָט זֵיי גֶעפַאנְגֶען
בִּיז מֶען הָט זֵיי צוּ טֵיילְט אִיז נִיט גֶעמִינֶערְט
גֶעוָוארֶן קֵיין מֶענְשׁ אוּנ נִיט קֵיין בְּהֵמָה
ולא

של"ה הקדוש

זֵיי זָאלֶן אוּם הַארְגִין דִי נְקֵבוֹת נָאר דֶער תֵּירוּץ
דְרוֹיף אִיז אַזוֹ דִי זַאךְ וָוס דֶר שֵׂכֶל בְּרֶענְגְט מִיט
בַּארְף דָאס דֶער מֶענְשׁ טָאן מִיט זַיין אֵיינֶעגֶנִים
גֶעדַאנְקֶן וֶוען אוֹיךְ מֶען הָאט אִים דְרוֹיף נִיט פַאר
זָאגְט אַזוֹ ווִיא מִיר הָאבֶּן מְפוֹרָשׁ גְוֶוען אוֹבֶּן אִין
פַּרָשַׁת בָּלָק בַּייא בִּלְעָמֶן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט
(חָטָאתִי כִּי לֹא יָדַעְתִּי) עֶר הָט גֶעזִינְדִיגְט וָוס עֶר
הָט גֶעדַארְפְט ווִיסֶן אוּנ הָט נִיט גֶעוואוּסְט:

(ולא נפקד ממנו איש) עס איז פון אונז ישראל ניט וואָרן געמינערט. קיין מענש אין דער מלחמה אונ דס איז געוועזן א גרויסר נס דען די מדינים זענין געוועזן אזו פיל ווי זאמד אונ יודן זענין נאר געוועזן צוועלף טויזנט אונ האבן פיל גהרגט אונ פיל טויזנט פון זייא געפאנגן אונ עס איז דאך פון ישראל ניט גהרגט געוואָרן קיין מענש דען די צוועלף טויזנט מאן זענין אלע געוועזן צדיקים אונ זיי האבן געזאגט צו משה טאמר האבן מיר א מחשבה גהאט אויף די טעכטר פון מדין אונ מיר האבן צו זיי לוסט גהאט אונ איין שלעכטע מחשבה איז מער עבירה ווי מזנה צו זיין דען דר וואס איז מזנה טוט זיך נאך דעם זנות באלד דר יצר הרע פון אים אפ אבר דר וואס טראכט אויף זנות דר טראכט טאג אונ נאכט ווייא אזו ער זאל זיין ווילן טאן מיט דר זונה אונ הט קיין רוה פון דר עבירה אונ דרום הט גאט מתיר געוועזן צו ישראל ווען זייא וועלין גיין אין א מלחמה אויף דיא אומות צו נעמן איין נכרית פאר א ווייב כדי דער יצר הרע זאל זייא ווייטר צו רוה לאזן דרום האבן די ישראל תשובה גטאן אויף דר מחשבה וואס זיי האבן גהאט אויף די טעכטר פון מדין אונ האבן גבראכט אלע צירונג פון גאלד אָרים רינגען פינגערליך אונ אורינגליך אונ האבן דס געגעבן צו משה עס זאל אויף זיי זיין א קרבן צו גאט אונ די גילדני כלים וואס זיי האבן געגעבן האט מען זייא גענומן אין בית המקדש ארייין צו ניצן מיט זיי אזו ווי זיי זענין געוועזן אונ דס געוויכט פון גאר דס גאלד איז געוועזן זעכצען טויזנט אונ זיבן הונדערט אונ פופציג שקלים (ומקנה רב היה לבני ראובן) אונ פיל פיך איז געוועזן צו די קינדר פון ראובן אונ גד אונ זיי האבן זייער ליב גהאט זייער בהמות אונ געלד די חכמים זאגן דס עשירות וואס קומט פון גאט דס האט איין קיום אבר דס עשירות וואס קומט ניט פון גאט דס האט קיין קיום ניט אויך זאגן די חכמים דריי מתנות האט גאט אויף דר וועלט געגעבן עושר אונ חכמה אונ גבורה עס זענין געוועזן צוויי עשירים קרח פון ישראל אונ המן פון די אומות אונ דס עשירות הט זיי גמאכט פר לירן פון דער וועלט אונ פון יענר וועלט אונ צוויי חכמים זענין געוועזן אויף דער וועלט בלעם פון דיא אומות אונ אחיתופל פון ישראל אונ האבן מיט זייער חכמה גטאן דר ווידר גאט דרום זענין זייא ביידע וואָרן פר לורן פון ביידע וועלטן אונ צוויי גבורים זענין געוועזן שמשון פון ישראל אונ גלית הפלשתי פון די אומות אונ זענין ביידע וואָרן פאר לורן ווייל זייא האבן מיט זייער גבורה גטאן דער ווידר גאט אונ האבן בגעלט לייט אונ אזו אויך דיא קינדר פון ראובן אונ גד זענין געוועזן זייער רייך אונ האבן גהאט פיל בהמות אונ האבן געזאגט צו משה מיר וועלין בלייבן אין חוץ לארץ ווייל מיר האבן פיל בהמות אונ דא איז דא פיל פאשי אונ זיי האבן זיך גוואָלט אפ שיידן פון זייערע ברידר פון וועגין זייער געלד אונ בהמות דרום זענין זיי צום ערשטן פר טריבן געוואָרן פון זייער לאנד זייערע שטעט זענין געוואָרן פר וויסט צו ווייזן דאס עשירות וואס קומט ניט פון גאט הט קיין קיום ניט. א ווייב פון איין שר הט גפרעגט צו רבי שמעון בן חלפתא אין וויפיל טעג הט גאט בשאפן די וועלט הט ער געזאגט אין זעקס טעג האט זיא אים גפרעגט אונ פון דיא זעקס טעג ביז אהער וואס טוט גאט האט ר' שמעון געזאגט ער האט געמאכט מדריגות אונ פירט א מענש ארויף אונ דעם אנדרן פירט ער אראפ אזו ווי אונ פסוק שטייט (כי אלהים שופט זה ישפיל וזה ירים) גאט טוט משפטן דעם טוט ער אראפ נידרן אונ דעם אנדרן טוט ער דער הייבן אונ גאט נעמט אוועק דאס געלד פון איינם אונ גיט דאס צום אנדרן אונ דיא בני ראובן אונ דיא בני גד האבן ליבר גהאט זייער געלד מער פון זייער גוף דען זיי האבן פריער געזאגט זיי וועלין בויען שטאלן צו די בהמות אונ דר נאך שטעט צו זייערע ווייבר אונ קינדר דרום הט גאט זיי געשטראפט מיט גלות מער ווי אנדרי ישראל אונ משה האט גצערינט אויף דיא קינדר פון גד אונ פון ראובן אונ זאגט צו זיי איר וועט מאכן א מורא צו ישראל דם

זייא וועלין זעהן אויף אייך אונ וועלין אויך ניט וועלין גיין קיין ארץ ישראל. האבן די קינדר פון גד אונ ראובן גענטפערט מיר וועלין בויען שטאלן צו אונזרי בהמות אונ הייזר צו אונזרי ווייבר אונ קינדר אונ דר נאך וועלין מיר גיין קיין ארץ ישראל פריער פר אונזרי ברידר צו העלפן זייא מלחמה האלטן מיט דיא אומות מיר וועלין אהיים ניט גיין ביז מיר וועלין העלפן צו איין גענומן זייער לאנד. דען די קינדר פון גד אונ ראובן זענין געוועזן די שטארקסטי צווישן כל ישראל אונ זיי האבן געזאגט ווייל מיר וועלין אוועק גיין קיין ארץ ישראל דרום וועלין מיר בויען פעסטי שטעט צו אונזרי ווייבר אונ קינדר זיי זאלן זיין באווארינט פר די אומות. האט משה געזאגט צו דיא קינדר פון גד אונ ראובן אויב איר וועט האלטן אייער שבועה אונ איר וועט העלפן צו ישראל צו קומן אין זייער לאנד וועלין מיר אייך הייסען בלייבן אין דעם לאנד (והייתם נקיים מה׳ ומישראל) אונ איר זאלט זיין ריין פון גאט אונ פון ישראל פון דאנן לערנין מיר אפ דם איין מענש דארף זיך ריין מאכן פאר גאט אונ פאר לייט דיא חכמים זאגן איין משפחה האט געהייסן בית גרמו זייא האבן געמאכט דם לחם הפנים אין בית המקדש האבן זיי ניט געהייסן אין זייערע הייזר זעמיל ברויט מאכן כדי לייט זאלן ניט זאגן דאס איז פון דם זעמיל מעל פון דם בית המקדש חאטשע זייא זענין געוועזן עשירים אונ האבן גמעגט עסין זעמיל ברויט דאך האבן זייא גראב ברויט געגעסן כדי מען זאל זייא ניט חושד זיין. נאך איין משפחה איז געוועזן זיא האט געהייסן בית אבטינס זיי האבן געמאכט קטורת אין בית המקדש פון אלרליי בשמים אזו האבן זייא ניט געוואלט דאס איין כלה פון זייער משפחה זאל זיך צירן מיט בשמים חאטשע דר סדר איז דם איין כלה צירט זיך מיט בשמים אבר איין כלה פון זייער משפחה האט זיך ניט געצירט מיט קיין בשמים כדי מען זאל ניט חושד זיין דם זיי האבן גענומן בשמים פון די קטורת (ויבנו את עטרות ואת דיבון) דיא קינדר פון גד האבן געבויעט דיא שטעט עטרות אונ דיבון די חכמים זאגן איין ווארט אין דער תורה איז ניט אן איין ניץ אנגעשריבן געווארן אפילו די נעמן פון די שטעט עטרות ודיבון אויך האבן זיי געזאגט איטליכר מענש דארף אלע וואך מעביר זיין דיא סדרה פון דער וואך צווייא מאל אונ זאל דעם תרגום פון עטרות ודיבון וואס דער תרגום איז גלייך מיט דעם לשון פון דעם חומש זאל ער דאך דעם תרגום דר פון זאגן:

הפטורת מסעי איז די הפטורה פון שמות.

# פרשת מסעי.

(אלה מסעי) שלמה המלך זאגט אין משלי (ראשית חכמה קנה חכמה) דם איז טייטש פר דר חכמה פון דר תורה וועסטו קענין קויפן אלע חכמות דען דער וואס לערינט ניט קיין תורה אונ האט אין איר ניט געזעהן דיא נסים ונפלאות וואס גאט האט געטאן צו ישראל אין דר מדבר דר ווייסט ניט וואס גאט קען מאכן אונ דר מענש וועט ניט גלייבן אין די נסים פון גאט ער וועט זאגן דיא וועלט פירט זיך אליין אונ גאט קען זי ניט פר ענדרן צו גוטן אדר צו בייזן אונ ער וועט זאגן אלע נסים פון דר מדבר איז נישט דען דיא מדבר איז אזו ווי אלע לענדר וואס וואקסט דרינן קארן ווייץ דרום האט גאט אין דער סדרה ביי אנאנדר אן געשריבן אלע ערטער וואס ישראל האבן געצויגן אין דר מדבר אונ לאזט אונז וויסן וואס פר א מדבר דם איז געוועזן וואס אין איר איז געוועזן גראבי שלאנגן וויא באלקען אונ ברענדיגע שלאנגען אונ עגדיסן אונ קיין וואסר איז אין איר ניט געוועזן אונ אטייל וואסר איז געוועזן ביטר אונ אן וואסר איז ניט מעגליך צו לעבן אפילו איין טאג ובפרט אזו אגרוס פאלק מיט ווייבר אונ קינדר וואס זענין געוועזן פערציג יאר אין דר מדבר וואס קיין מענש איז דארטן קיין מאל ניט

נוֶוען דְרוּם הָאט דִיא תּוֹרָה בַּשְׁיידְלִיךְ אָן גֶעשְׁרִיבֶּן אִיטְלִיכֶם אָרְט אִין דֶר מִדְבָּר מֶען זָאל זֶעהְן דִיא נִיסִים וָוס גָאט הָט גְטָאן אוּנ נָאךְ אֵיין פְּשַׁט אִיז דְרוּם הָט דִי תּוֹרָה אָן גֶעשְׁרִיבֶּן דִי עֶרְטֶר וָוס יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן גֶצוֹגֶן אִין דֶר מִדְבָּר כְּדֵי דִי אוּמוֹת זָאלֶן נִיט זָאגֶן דִי יִשְׂרָאֵל זֶענִין גְוֶוען אִין דֶער מִדְבָּר וִויא בַּעֲלֵי תְּשׁוּבוֹת זֵייא הָאבֶּן נִיט גְרוּהְט אֵיין נַאכְט אִין דֶם אָרְט וִוי זֵיי הָאבֶּן דִי אַנְדֶרִי נַאכְט גְרוּהְט דְרוּם זָאגְט אוּנְז דִי תּוֹרָה וִוי פִיל זֵייא הָאבֶּן גֶצוֹגֶן אִין דִיא פֶערְצִיג יָאר צְוֵויי אוּנ פֶערְצִיג מַסָעוֹת אִין דֶעם עֶרְשְׁטֶן יָאר הָאבֶּן זֵייא גֶצוֹגֶן פֶערְצֶען מַסָעוֹת פוּן רַעְמְסֵס קֵיין רִתְמָה פוּן רִתְמָה הָאט מֹשֶׁה גֶשִׁיקְט מְרַגְלִים אוּנ דְרוּם הָאט דָאס אָרְט גְהֵייסֶן רִתְמָה וַוייל דִי מְרַגְלִים הָאבֶּן דָארְטֶן בֵּייז גְרֶעט אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דֶען רִתְמָה אִיז טַייטְשׁ בְּרֶענֶדִיגֶע קוֹלֶן דֶען דֶער וָואס רֶעט לָשׁוֹן הָרָע גִיט מֶען אִים אוֹיף יֶענֶר וֶועלְט עֶסֶן בְּרֶענְדִיגֶע קוֹלֶן אוּנ אִין דֶעם פֶערְצִיגְסְטֶן יָאר הָאבֶּן זֵיי גֶעצוֹגֶן נָאךְ דֶעם טוֹט פוּן אַהֲרֹן אַכְט מַסָעוֹת פוּן הֹר הָהָר בִּיז עַרְבוֹת מוֹאָב אִיז צְוֵוייא אוּנ צְוַואנְצִיג מַסָעוֹת אַזוֹ בְּלַייבְּט אִיבֶּר אוֹיף אַלֶע אַכְט אוּנ דְרַייסִיג יָאר צְוַואנְצִיג מַסָעוֹת אוּנ אִין קָדֵשׁ זֶענִין זֵייא גֶזֶעסֶן כְּסֵדֶר נַיינְצֶן יָאר מִיט פִיל תַּעֲנוּגִים אוֹיךְ לָאזְט אוּנְז דִי תּוֹרָה וִויסֶן דֶם דִי יִשְׂרָאֵל זֶענִין נִיט גְוֶוען אִין דֶר מִדְבָּר וִויא פַר אִירְט וָואס וַוייסֶן קֵיין וֶועג נִיט אוּנ הָאבֶּן נִיט קֵיין רוּהֶה נַייעֶרְט גָאט הָט זֵיי גֶעפִירְט בֵּיי טָאג מִיט אַוָואלְקֶן צוּ וַוייזֶן זֵייא דֶעם וֶועג אוּנ בֵּיי נַאכְט מִיט פַייעֶרִיגֶע זַייל צוּ לַייכְטֶן זָאגֶן דִי חֲכָמִים זָאגֶן עֶס אִיז אֵיין מָשָׁל אַמֶּלֶךְ הָאט גֶעפִירְט זַיין זוּן אִין אֵיין וַוייט לַאנְד צוּ אֵיין רוֹפֵא צוּ הֵיילֶן אִים אוּנ אַז עֶר הָאט זִיךְ מִיט אִים אוּם גְקֶערְט זָאגְט דֶער מֶלֶךְ צוּ זַיין זוּן אִין דֶעם אָרְט הָאבֶּן מִיר זִיךְ גְקִילְט אוּנ אִין דֶם אָרְט הָט דִיר דֶר קָאפּ וֵוייא גְטָאן אַזוֹ הָאט גָאט אוֹיךְ אוּם גְרֶעכֶנְט אַלֶע עֶרְטֶר וָואס זֵייא הָאבֶּן גֶעצוֹגֶן אִין דִיא פֶערְצִיג יָאר אוּנ זָאגְט אִין דֶעם אָרְט הָאבּ אִיךְ אֵייךְ אַזוֹ אֵיין טוֹבָה גְטָאן אוּנ אִין דֶעם אָרְט הָאבּ אִיךְ אֵייךְ אַזוֹ אֵיין טוֹבָה גְטָאן אוּנ דִיא תּוֹרָה וַוייזְט אוּנְז אַלֶע עֶרְטֶר וָואס דִיא יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן גְהַאט נִיסִים אִין דֶר מִדְבָּר אוּנ אַזוֹ אוֹיךְ וֶועלִין דִי יִשְׂרָאֵל זַיין אִין דֶר מִדְבָּר אִין דִי טֶעג פוּן מָשִׁיחַ אוּנ גָאט וֶועט זֵיי טָאן דִי אַלֶע נִיסִים וָוס עֶר הָט זֵיי גְטָאן אוּנ גָאט וֶועט זֵיי שְׁפַּייזֶן מִיט גוּטֶע שְׁפַּייז אוּנ וֶועט זֵייא פִירֶן מִיט אֵיין וָואלְקֶן אוּנ מִיט אֵיין לִיכְט אַזוֹ וִוי עֶר הָט גְטָאן צוּ יִשְׂרָאֵל אִין דֶר מִדְבָּר אַזוֹ וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֵייט (וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל מִדְבַּר הָעַמִּים) אִיךְ וֶועל אֵייךְ בְּרֶענְגֶן אִין דֶער מִדְבָּר פוּן דִי פֶעלְקֶר אִין דִי טֶעג אוּנ דְרוּם שְׁטֵייט אִין דֶר סֶדְרָה צְוֵויי מָאל (לְמוֹצָאֵיהֶם)

צוּ

אוהל

(וַיִּכְתּוֹב מֹשֶׁה אֶת מוֹצָאֵיהֶם לְמַסְעֵיהֶם וכו׳ וְאֵלֶּה מַסְעֵיהֶם לְמוֹצָאֵיהֶם) עֶס אִיז אֵיין מָשָׁל אֵייגֶר הָט גֶענוּמֶן דָם אַנְדֶרֵי וַוייבּ אוּנ הָאט גְהַאט אַיינְגֶל פוּן דֶעם עֶרְשְׁטֶן וַוייבּ. אִיז דֶעם יוּנְגֶל זַייעֶר שְׁלֶעכְט גְוֶועזֶן בַּיי דֶער שְׁטִיף מַאמֶע וִוי דֶר שְׁטֵייגֶר אִיז. הָט דֶר פָאטֶר גְהַאפְּט אוּנ אִיז גֶערִין גְוֶוען אַז דֶם יוּנְגֶל זָאל עֶלְטֶר וֶוערִין מֶען זָאל אִים שׁוֹן קֶענִין חַתוּנָה מַאכֶן אוּנ עֶר זָאל אִים אַוֶועק שִׁיקֶן צוּ דֶעם שְׁוֶוער. הַכְּלַל עֶס אִיז אַוֶועק אַשְׁטִיק צַייט אוּנ דָאס יוּנְגֶל אִיז עֶלְטֶר גֶעוָוארֶן אוּנ עֶס אִיז גֶעקוּמֶן דִי צַייט עֶר זָאל אִים חַתוּנָה מַאכֶן אִיז עֶר גֶעפָארֶן אִין וֶועג אוּנ אִיז גֶעקוּמֶן אִין אֵיין שְׁטָאט אַרַיין אוּנ הָאט אֵיין שִׁידוּךְ גְטָאן אוּנ מֶען הָאט צוּ מַזָל גֶעמַאכְט תְּנָאִים אַז דֶער פָאטֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶן זָאגְט עֶר צוּ דֶם יוּנְגֶל דוּ זָאלְסְט וִויסֶן מַיין קִינְד אַז אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר צוּ מַזָל אֵיין שִׁידוּךְ גְטָאן פוּן יֶענֶר שְׁטָאט אוּנ דוּ וֶועסְט שׁוֹן נִיט דַארְפֶן לַיידְן פוּן דֶער שְׁטִיף מַאמֶע דוּ הָאסְט נָאךְ צוּ לַיידְן דְרַייא חֳדָשִׁים בִּיז דִי

יעקב

צַייט פוּן דֶר חַתוּנָה אוּנ דֶם יוּנְגֶל צֵיילְט דִי טֶעג עֶר וָואלְט שׁוֹן גֶערִין עֶס זָאל שׁוֹן אַוֶועק גֵיין דָאס שְׁטִיקֶל צַייט עֶר זָאל נִיט דַארְפֶן לַיידְן דִיא צָרוֹת פוּן דֶר שְׁטִיף מַאמֶע. דֶר כְּלָל גָאט הָט גֶעהָאלְפֶן עֶס אִיז שׁוֹן גֶעקוּמֶן דִי צַייט הָט דֶר פָאטֶר גֶעדוּנְגֶען אַבַּעַל עֲגָלָה זֵיי זָאלֶן אִין יֶענֶר שְׁטָאט אַרַיין פָארֶן אוֹיף דֶר חַתוּנָה אוּנ דֶם יוּנְגֶל הָט זִיךְ מִיט גְרוֹס שִׂמְחָה אוֹיף גֶזֶעצְט אוֹיף דֶם וָואגֶן וָוס עֶר וֶועט שׁוֹן פְּטוּר וֶוערִין פוּן דֶר שְׁטִיף מַאמֶע. אַז זֵיי זֶענִין שׁוֹן אַוֶועק גְפָארֶן פוּן דֶר שְׁטָאט וַוייט זָאגְט דֶר חָתָן צוּ דֶם בַּעַל עֲגָלָה אִיךְ בֶּעט דִיךְ זָאג מִיר וִויא פִיל מַייל מִיר זֶענִין שׁוֹן אַוֶועק גֶעפָארֶן פוּן דֶר הֵיים זָאגְט דֶער בַּעַל עֲגָלָה צוּ דֶעם חָתָן מִיר זֶענִין שׁוֹן אַוֶועק גֶעפָארֶן צְוֵויי מַייל אוֹיף דֶם אַנְדֶרִין טָאג פְרֶעגְט עֶר נָאךְ אַמָאל דֶעם בַּעַל עֲגָלָה וִוי פִיל מַייל זֵיי זֶענִין פוּן דֶר הֵיים זָאגְט דֶער בַּעַל עֲגָלָה אַכְט מַייל. זֵיי זֶענִין וַוייטֶער גְפָארֶן פְרֶעגְט דֶעם חָתָנְס פָאטֶר דֶעם בַּעַל עֲגָלָה וִוי פִיל מַייל הָאבֶּן מִיר נָאךְ צוּ פָארֶן בִּיז מִיר וֶועלִין



קונן

צו וויזן אויף דם אוס ציהן פון מצרים אונ
אויף דעם אוס ציהן פון דעם גלות אונ ווייל
די מדבר האט מקבל גוועזן די ישראל אונ
עס איז זיי גוט גנאנגן אין דר מדבר דר
פאר וועט גאט איין שכר בצאלן צו דער
מדבר אין די טעג פון משיח דם עס וועט
אין איר שיינע ביימר וואקסן אונ גוטע
בשמים אזו וויא געגלך אונ שיינע רוזן אונ
עס וועט אין איר זיין שיינע פעלדר אונ
ווין גערטנר מיט אללריי פירות אונ בום
אייל אונ די מדבר וועט ווערין איין וואנונג
פר לייט דען די מדבר איז אזו גרוס וויא
אלע לענדר אונ פון דאנן לערנין מיר אפ
ווען גאט וועט איין גוטן שכר בצאלן צו
דר מדבר ווייל ער הט די ישראל גהאלטן
מכל שכן ווען איין בעל הבית האלט איין
תלמיד חכם ביי זיך אין הוז אונ גיט אים
עסין בכבוד וועט בוודאי גאט זיין שכר
בכפל כפלים בצאלן אטייל חכמים זאגן
דרום הט די תורה אן געשריבן די ערטר
ווס גאט הט ניסים גיטאן אין זיי צו ישראל
כדי ווען איינר פון ישראל וועט אהין קומן
זאל איין ברכה מאכן אויף דיא ערטר אונ
זאל גאט לובן אויף די ניסים ווס גאט הט
גטאן צו ישראל דרום זענין אלע ערטר
מיט זייער נאמן ווארין אן געשריבן כדי מען
זאל דר קענין די ניסים דרום זאל איטליכר
ישראל לערנין דיא נעמן פון די ערטר צו
וויסן זיי (ומצרים מקברים) אונ די מצרים
האבן בגראבן זייערע בכורים ווס גאט הט
גהרגט אונ אין זייערע אפ געטר הט גאט
גטאן אמשפט די חכמים זאגן די תורה הט
אונז דא אן געשריבן דעם פסוק דאס דיא
מצרים האבן בגראבן זייערע בכורים
דאטשע עס קער אהער ניט צו וויזן אונז
דם גאט הט דער שלאגן זייערע אפ געטר
אין דער נאכט וואס ער האט גהרגט דיא
בכורים אונ דיא מצרים האבן געוויינט
אגאנצע נאכט אויף זייערע בכורים אונ
האבן ניט געוואוסט דאס זייערע אפ געטר
זענין פר דארבן געווארן אונ אין דר פריה
זענין זיי געקומן אין זייערע בעט הייזר צו
בגראבן זייערע בכורים אזו ווי זייער סדר
איז גוועזן דאס זייא פלעגן בגראבן זייערע
טוטע אין דיא בעט הייזר אזו האבן זייא
גזעהן דם זייערע אפ געטר זענין צו בראכן
אונ צו שלאגן דען דער אפ גאט וואס איז
גוועזן פון זילבר אדר פון גאלד איז צו נאנגן
אונ דער אפ גאט פון האלץ איז ווארן פר
פולט אונ דער אפ גאט פון שטיין איז צו
פאלן אויף שטיקר (וימת שם אהרן וגו׳)
אונ אהרן איז גשטארבן אין דם פערציגסטן
יאר אין פינפטן חודש דם איז אב איין טאג
אין חודש די חכמים זאגן ווארום זאגט דא
דר פסוק אין וועלכן טאג אהרן איז גשטארבן
ער האט גזאלט אין פרשת חקת שטעלין
אין וועלכן טאג אהרן איז גשטארבן דען
דארטן שטייט ווי אהרן איז גשטארבן אונ
אוך געפינן מיר ניט ביי אונזרי עלטרן
אברהם יצחק ויעקב דיא תורה זאל אן
שרייבן

אוהל יעקב

קומן אין דער שטאט אריין ווס מען דארף חתונה מאכן.
זאגט אים דער בעל עגלה ווי פיל עס איז נאך דא. ווי
דר חתן הערט ווי אזו דר פאטר פרעגט דם בעל עגלה.
זאגט ער צו זיין פאטר איך בעט דיך גיב מיר צו פר
שטיין פר וואס איז אונזרי ביידי שאלות ניט גלייך איך
האב גפרעגט דם בעל עגלה ווי פיל מייל מיר זענין שון
אוועק גפארן אונ דיר איז גפעלן צו פרעגין ווי פיל מייל
מיר האבן נאך צו פארן צו דר שטאט זאגט דר פאטר צו
אים דו פרעגסט גוט אונ איך פרעג אוך גוט. דו ביסט
נאך קיין מאל ניט גוועזן אין דער שטאט אונ קענסט ניט
דעם מחותן אונ ניט די כלה נאר דו ווילסט אנטלופן
פון דר שטיף מאמע דרום פרעגסט דו וויא פיל מייל דו
ביסט שון ווייטר אבר איך וויים ווי אהין איך פאר מיט דיר
אונ איך קען דעם מחותן מיט דר כלה בין איך גערין איך
זאל זיי שון זעהן דרום פרעג איך ווי פיל איך האב נאך
צו פארן ווס דארף איך וויסן ווי פיל איך בין שון אוועק
געפארן איך דארף נאר וויסן ווי פיל איך דארף נאך פארן.
דער נמשל איז די יודן ווייסן ניט דאס טייערי לאנד ארץ
ישראל. זיי ווייסן נאר אז זיי אנטלופן פון מצרים אבר
משה ווייסט ווי אהין ער פירט זיי ער ווייסט דאס לאנד
ארץ ישראל איז איין טייער לאנד. דאס זאגט דער פסוק
(ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם) משה הט געשריבן
(מוצאיהם) זייער ארוס גיין פון מצרים (למסעיהם) צו
זייער ציהונג וויפיל זיי האבן נאך צו ציהן קיין ארץ ישראל
אבר ביי דיא יודן איז גוועזן פר קערט (ואלה מסעיהם
למוצאיהם) זיי האבן גרעכינט דם ציהונג צו זייער ארוס
גיין פון מצרים וויא פיל זייא האבן אוועק געצוגן
פון מצרים:

שרייבן אין ווס פר אטאג זיי זענין גשטארבן
נאר דרום הט די תורה אן געשריבן אהרן
איז גשטארבן אין חודש אב איין טאג אין
חודש צו ווייזן דאס דרום איז געקומן דער
כנעני מלחמה האלטן מיט ישראל ווייל ער
האט געזעהן דאס אין דעם חודש אב וועלין
ישראל פיל צרות האבן בפרט די וואלקן
האבן זיך אפ גטאן אז אהרן איז גשטארבן
דרום האט דער כנעני זיך גטראכט היינט
וועל איך קענין מלחמה האלטן מיט ישרא׳
דרום שטייט (וימת בחודש החמישי) אהרן
איז געשטארבן אין חודש אב אונ עס שטייט
דער ביי (וישמע הכנעני) דער כנעני האט
גהערט אז אהרן איז געשטארבן אין חודש
אב דרום איז ער געקומן מלחמה האלטן
מיט ישרא׳ (ויחנו על הירדן) אונ די ישראל
האבן גרוהט ביי דעם ירדן פון דעם ארט
בית הישימות ביז אין דעם פלאץ שיטים
וואס איז אין ערבות מואב פון דאנן קען
מען וויסן ווי וייט אונ ברייט דם ארט איז
גוועזן ווי ישראל האבן גרוהט דען רבה בר
בר חנה הט געזאגט איך בין גוועזן אוף דעם
ארט האב איך געזעהן דאס ארט איז גרוס
דריי מייל אזו ווייס איך וואל דם די ישרא׳
האבן גרוהט אוף אפלאץ פון דריי מייל.
(זאת הארץ וגו׳) דם איז דם לאנד ווס עס
וועט אייך פאלן פאר אנחלה דיא חכמים
זאגן דער פסוק זאגט דם לאנד וואס וועט
אייך פאלן פאר אנחלה איז דאס ראוי צו
אייך אונ עס קומט אייך עס איז אמשל
אמלך הט גהאט קנעכט אונ דינסט מיידן
אונ הט די קנעכט ווייבר געגעבן פון פרעמדע
לענדר אזו הט זיך דר מלך בטראכט אונ
האט געזאגט איך האב דאך גענוג אין מיין
לאנד דינסט מיידן דרום וועל איך בעסר
זייא געבן צו מיינע קנעכט פר ווייבר אזו
אוך הט גאט געזאגט ארץ ישראל איז מיין
לאנד אזו ווי אין פסוק שטייט כי לי הארץ
דיא ערד איז צו מיר גאט אונ דיא ישראל
זענין מיין פאלק אונ מיינע קנעכט אזו ווי
דער פסוק זאגט כי לי בני ישראל עבדים
צו מיר זענין די ישראל קנעכט דרום וועל
איך בעסר געבן מיין לאנד צו מיינע קנעכט
אונ צו מיינע קינדר אוך זאגן דיא חכמים
(אשר תפול וגו׳) איז טייטש גאט האט
גמאכט אראפ פאלן פון דעם הימל דיא
זיבן מלאכים וואס זענין גזעצט איבר דיא
זיבן אומות פון ארץ ישראל הט גאט גזאגט
צו משה וועה זיי האבן קיין כח ניט דרום
פארכט דיך ניט פר די אומות דען זייערע
מלאכים זענין געבונדן. (אלה שמות האנשים
וגו׳) דם זענין די נעמין פון די מענשן וואס
זאלן אייך מאכן ארבן דם לאנד איר זאלט
אום קלויבן פון איטליכן שבט איין נשיא
ער זאל זעהן וויא פיל משפחות ואין זיין
שבט איז אונ אוב עס איז אין אים פיל
משפחות דארף מען דם שבט מער לאנד
געבן אונ ווי דר נשיא וועט מאכן אזו וועט
בלייבן אונ דער פסוק זאגט דרום ואלעזר
פאר יהושע חאטשע יהושע וועט זיין אוף
דעם ארט פון משה ווייל יהושע וועט מוזן
פרעגין צו אלעזר ווי מען זאל טאן אונ דר
פסוק זאגט צעהן נשיאים חאטשע עס איז
גוועזן צוועלף נשיאים ווייל שבט ראובן אונ
גד האבן זייער חלק לאנד גענומן אין חוצה
לארץ אונ מען קען פרעגין ווארום שטייט
ניט ביי דריי שבטים קיין נשיאים ביי יהודה
אונ שמעון אונ בנימין נאר ביי זיבן שבטים
שטייט נשיאים דער תירוץ איז ביי שבט
יהודה שטייט ניט קיין נשיא ווייל גאר די
וועלט האבן געוואוסט דם כלב איז זייער
פרום דרום דארף אים דיא תורה ניט אן
רופן נשיא איז טייטש איין חשובר מאן
ווייל מען האט געוואוסט דם כלב איז איין
חשובר מאן אונ ביי שבט שמעון וויל דיא
תורה ניט אן שרייבן נשיא ווייל איין נשיא
פון שבט שמעון האט מזנה גוועזן חאטשע
דער שלעכטער נשיא איז וואורן גטייט דאך
רופט ער שון אין דם שבט קיין נשיא ניט
אן אונ ביי שבט בנימין שרייבט ער אוך
קיין נשיא ניט אן ווייל דר שבט וועט מזנה
זיין ביי פילגש בגבעה אונ אטייל חכמים
זאגן דרום שרייבט דר פסוק ניט ביי בנימין
קיין נשיא מען זאל ניט מיינן דאס ער איז
גלייך צו אנדרי נשיאים אונ אין אמת איז
ער חשובר גוועזן פון אנדערי נשיאים ווייל

ער איז געוועזן איין נביא (והקריתם לכם ערים ערי מקלט) איר זאלט אייך אן ברייטן שטעט עס זאל אהין אנטלופן דער וואס וועט איין מענשן הארגנן אום גערין אזו וועט אים קיין מענש דארטן ניט טארן טאן אונ עס פלעגט אהין אנטלופן איטליכר רוצח סיי ער הט במזיד גהרגיט אדר בשוגג נאר דם בית דין פון זיין שטאט האבן נאך אים געשיקט אונ האבן די זאך נאך גקלערט אוב ער האט גהרגיט במזיד הט מען אים גהרגיט אונ אוב ער האט גהרגיט בשוגג הט מען אים צוריק געשיקט אין ערי מקלט אריין אונ ער איז דארטן געזעסן ביז דר כהן גדול איז געשטארבן אונ קיין מענש האט אים ניט גטארט אן רירן דאס זאגט דוד המלך אין תהלים טוב וישר יי' על כן יורה חטאים בדרך גאט איז גוט אונ רעכט פארטיג דרום ווייזט ער דעם מענשן איין וועג ווי אזו ער זאל תשובה טאן (עד מות הכהן הגדול) דער רוצח זאל זיצן אין ערי מקלט ביז דער כהן גדול וועט שטארבן ווייל דר כהן גדול מאכט די שכינה רואן צווישן ישראל אונ דער רוצח מאכט דיא שכינה אפ טאן פון ישראל דרום איז ניט רעכט ער זאל ארום גיין אויף דער וועלט ווייל דר כהן גדול לעבט אונ אויך הט דר כהן גדארפט תפלה טאן עס זאל אין זיינע צייטן זיך ניט טרעפן קיין רוצח דרום מוז דר רוצח זיצן ביז דר כהן גדול שטארבט אונ דער רוצח טוט תפלה דער כהן גדול זאל שטארבן אונ נאך איין פשט איז דרום האט ער גווארט ביז דער כהן גדול איז געשטארבן כדי אז דיא קרובים פון דעם נהרג ווערין זעהן דאס דער כהן גדול איז געשטארבן אזו ווערין זיי זיך טרייסטן אונ ווערין זאגן דער כהן גדול איז געוועזן איין חשובר מאן אונ איז דאך געשטארבן דרום איז נישט קשה וואס אונזר קרוב איז גהרגיט געווארן אזו ווערין זייא אפ טאן דיא שנאה וואס זיי האבן אויף דעם רוצח אונ די מוטר פון דעם כהן גדול הט גבראכט עסין צום רוצח כדי ער זאל ניט תפלה טאן דר כהן גדול זאל שטארבן (ושוב הרוצח אל ארץ אחוזתו) אז דער כהן גדול וועט שטארבן זאל זיך דר רוצח ווידר אום קערין אהיים צו זיין ארב רבא זאגט ער גייט ווידר צו זיינע גיטר אונ פעלדר אונ ויין גערטנר אבר דם שררה שאפט וואס ער הט פריער גהאט גיט מען אים ניט אונ רבי מאיר זאגט מען גיט אים זיין שררה שאפט אויך אפ (ולא תקחו כופר לנפש רוצח) איר זאלט קיין געלד ניט נעמן פון דעם רוצח פאר אום לייזונג ווען ער איז חייב מיתה אדר ער איז חייב צו אנטלופן אין ערי מקלט דען די עבירה פון רציחה איז זייער גרוס אזו וויא מיר געפינן ביי אחאב דם ער איז געוועזן איין גרוסר רשע דאך האט מען אים קיין גרעסרי עבירה ניט געפונן פון רציחה וואס ער הט גהייסן הרגנין צו נבות חאטשע ער האט אים מיט זיינע הענט ניט גהרגיט נאר ער הט אים געהייסן הארגנין הט אים גאט דער פאר גטייט מכל שכן ווען איינר הרגיט מיט זיינע הענד זיין חבר איז בוודאי זיין עבירה זייער גרוס דרום זאל מען ביי אים ניט נעמן קיין געלד צו אום לייזן זיך (ולא תחניפו את הארץ) איר זאלט ניט חנפנין דעם וואס פר גיסט בלוט די חכמים זאגן דר מענש וואס חנפיט קומט אין גיהנם אונ ווען איינר חנפיט זיין חבר כדי ער זאל אים ערליך האלטן וועט דער סוף זיין דם ער ווערט אים איין גרוסן בזיון האבן אונ דער וואס חנפיט נעמט גאט זיין תפלה ניט אן רבי אלעזר זאגט ווער עס חנפיט זיין חבר דר פאלט לסוף אין זיינע הענד אונ ער חנפיט אים ניט (אשר אני שוכן בתוכה) גאט זאגט פירט ניט קיין חניפות ווייל איך בין צווישן אייך רבי נתן זאגט ווי ישראל זענין איז די שכינה מיט זיי זענין געוועזן אין מצרים איז די שכינה מיט זיי געוועזן אצונד איז אויך דיא שכינה מיט אונז אונ ווען מיר ווערין זיך ווידר קערין קיין ירושלים וועט דיא שכינה זיך מיט אונז אויך אום קערין אזו וויא אין פסוק שטייט (ושב יי' אלהיך) גאט וועט זיך אום קערין קיין ירושלים עס זאל באלד זיין אין אונזרי צייטן אמן וכן יהי רצון:

(שמעו דבר יי בית יעקב וכל משפחות בית ישראל) זאגט דר נביא הערט צו די רייד פון גאט איר הויז געזונד פון יעקב אונ איר אלע משפחות פון ישראל (כה אמר יי) אזו האט גאט געזאגט וואס פאר איין אום רעכט האבן אייערע עלטרן אין מיר געפונן וואס זייא האבן זיך דער ווייטרט פון מיר צו דינן פרעמדע אפ געטר אונ איר הט ניט גזאגט וואו איז דר גאט וום הט אונז אום געצוגן פון מצרים אונ הט אונז געפירט אין דער מדבר אין זייער אוויסט ארט וום הט דרינן גאר ניט געוואקסן אין אזו איין ארט וואס קיין מענש איז דארט קיין מאל ניט געוועזן אונ איך האב אייך געבראכט קיין ארץ ישראל אין אלאנד וום זענין דרינן דא גוטע פירות אונ איר הט דם לאנד פאר אום ריינגט מיט ע"א (הכהנים לא אמרו איה יי) דיא כהנים האבן ניט געזאגט צו ישראל וואו איז גאט אונ די תלמידי חכמים האבן קיין תורה ניט גלערנט צו ישראל נאר זיי האבן פאלשע נביאים געפאלגט וואס האבן פאלש נביאות געזאגט צו זייא דרום וועל איך אייך שטראפן דורך רעכטע נביאים דאס איר זאלט פרום זיין איי איך וועל אייך פאר טרייבן אונ אייערע קינדר וועל איך אויך שטראפן (כי עברו איי כתים וראו) דען פארט איבר צו דיא אינזלען פון די כתים וועט איר זעהן דם זיי דינן צו וואסר אונ דיא טאטערין דינן צו פייער אונ חאטשע זיי ווייסן דאס וואסר פר לעשט פייער דאך האלטן זיי זייער אפ גאט אונ פר ביטן זיא ניט (ההמיר גוי אלהים והמה לא אלהים) פר בייט דען אפאלק זיין גאט וואס ער איז קיין גאט ניט אונ קען ניט העלפן אונ ישראל האבן מיך גאט פר ביטן אויף אזו איין גאט וום קען זיי ניט העלפן (שומו שמים על זאת) עס איז רעכט די הימלן זאלן חרוב ווערין פון וועגין אייער בייז וואס איר טוט (כי שתים רעות עשה עמי) דען צוויי ערלייא בייז הט מיין פאלק ישראל גטאן דען ווען זייא זאגן מיך פאר בייטן אויף אזו איין גאט ווי איך וואלט איך אויך בייז גוועזן ווארום זאלט איר פר בייטן אייער גאט אבר היינט האבן זיי נאך איין בייז גטאן זיי האבן מיך פר לאזט וואס איך בין אזו וויא אקוואל פון קוועלינדיג וואסר וום טוט אייביג ניט אויף הערין אונ האבן זיך אום געהאקט צו בראכינע גריבר וואס קיין וואסר קען זיך אין זיי ניט איין האלטן דם איז זייער ע"א (העבד ישראל אם יליד בית) גאט זאגט איז דען דר ישראל גליך צו אקנעכט וואס איז ווארן געבארן פון אשפחה אמער דער ישראל ווערט דאך גערופן בני בכורי מיין עלצטר

זון אונ ווארום איז ער געווארן אזו פר שעמט אונ נידריג (עליו ישאגו כפירים) דאס די אומות וואס זענין שטארק אזו וויא די לייבן האבן גטאן אויף אים שרייען אונ האבן פאר וויסט זיין לאנד אונ האבן צו שטוסן זיינע שטעט דם קיין מאן זיצט ניט אין זייא (גם בני נוף ותחפנחס) דיא צווייא שטעט נוף ותחפנחס וום זענין אין לאנד מצרים וום איר הט זיך פר לאזט אויף זיי דאס זיי וועלין אייך העלפן דיא וועלין דיר דיין קאפ צו שטוסן (הלא זאת תעשה לך) פר וואר דם בייז וועט דיר מאכן דאס וום דו האסט פר לאזט גאט דיין גאט וואס לערינט דיך צו גיין אין רעכטן וועג (ועתה מה לך לדרך מצרים) אונ אצונד וואס האסטו צו גיין אויף דעם וועג פון מצרים צו טרינקן דאס וואסר פון דעם טייך נילוס אונ דו ווילסט דאס מצרים זאלן דיר העלפן אונ דר מלך אשור זאל דיר אויך העלפן אמער זיי בעסר פרום וועט דיר גאט העלפן (תיסרך רעתך) עס וועט אויף דיר קומען בייז פון וועגן דיינע בייזע מעשים אונ וויים אונ זעה דם עס איז ביטר וום דו האסט פר לאזט גאט אונ האסט מיין מורא ניט ביי דיר אין הארץ צו מורא האבן פר מיר אזו זאגט גאט (כי מעולם שברתי עולך) דען איך האב פון אייביג צו בראכן דיין יאך אונ האב צו ריסן דיינע בינד רימן וואס דו ביסט גוועזן געבונדן ביי די אומות (ותאמרי לא אעבור) אונ דו האסט געזאגט דו וועסט זיין פרום אונ וועסט ניט עובר זיין אויף דיא רייד פון גאט אבר דו האסט דיינע רייד ניט געהאלטן נייערט אויף איטליכן הוכן בארג אונ אונטר איטליכן צווייגענדיגן בום האסטו געדינט ע"א (ואנכי נטעתיך שורק כולה זרע אמת) איך האב דיך געפלאנצט פון אגוטע צווייג דאס דו קומסט ארוס פון גוטע עלטרן פון אברהם יצחק ויעקב אדר איך האב דיר געגעבן מער מצות פון די זיבן מצות פון די בני נח אזו פיל וויא שורק בטרעפט דאס איז זעקס הונדרט מיט זעקס אונ די זיבן מצות פון די בני נח איז סך הכל זעקס הונדרט אונ דרייצן מצות אונ איר הט אפ גקערט פון מיר אונ זענט גלייך געווארן וויא אשלעכטר וויין שטאק וום שטייט אין וואלד (כי אם תכבסי בנתר) דען ווען דו וועסט דיך וואשן מיט קרייד אונ דו וועסט דיר מערין זייף כלומר ווען אפילו דו וועסט תשובה טאן איז דאך דער פלעק פון דיין זינד געצייכנט פר מיר אזו זאגט גאט (איך תאמרי לא נטמאתי) וויא קענסטו ישראל זאגן איך בין ניט טמא געווארן איך האב קיין ע"א ניט געדינט זעה דיין וועג וואס דו האסט גטאן

אקעגין

אַקֶעגִין דֶעם אָפּ גָאט בֵּית פְּעוֹר וָואס דוּ הָאסְט
דָארְטְן ע"א גֶעדִינְט הָאסְטוּ מְזַנֶה גְוֶועֶן אוּנ בִּיז
אַהֶער גֵייסְטוּ נָאךְ אִין יֶענִים וֶועג אַזוֹ וִויא אַיוּנְג
קֶעמִיל וָוס טוּט אָן קְנִיפֶּן אִירֶע יוּנְגֶע וֶועגִין אִין
אִיר הַאֶרְץ אוּנ עֶס אִיז שְׁוֶוער זִיא אָפּ צוּ גֶעוֵוינֶן
פוּן אִירֶע וֶועגִין אַזוֹ זֶענְט אִיר יִשְׂרָאֵל (פֶּרֶא לִמּוּד
מִדְבָּר) דוּ יִשְׂרָאֵל בִּיסְט גְלַייךְ וִוי אַמוֹל אֵייזֶל וָוס
אִיז גֶעוֵוינְט צוּ גֵיין אִין דֶר מִדְבָּר דָם מִיט דֶעם
גְלִיסְטֶן פוּן אִיר לַייבּ שְׁלִינְגְט זִי אַיין אִין זִיךְ דֶם
וִוינְד אַזוֹ וִוי אַשְׁלַאנְג אוּנ חָאטְשֶׁע עֶס קוּמְט אִיר
דֶר פוּן גָאר נִיט אַרוֹס דָאךְ קֶען מֶען זִיא דֶר פוּן
נִיט אוּם קֶערִין אַזוֹ קֶען מֶען אַייךְ נִיט אוּם קֶערִין
פוּן אַייעֶרֶע בֵּייזֶע וֶועגִין (כָּל מְבַקְשֶׁיהָ לֹא יִיעָפוּ)
אַלֶע דִי וָוס זוּכֶן זִיא צוּ חַאפֶּן טָאן זִיךְ נִיט מִיהֶען
וָוארוּם עֶס אִיז אוּם זִיסְט זֵיי וֶועלִין זִיא נִיט חַאפֶּן
בֵּייעֶרְט (בְּחָדְשָׁהּ יִמְצָאוּנְהָ) אִין אִיר חוֹדֶשׁ וֶועט
עֶר זִיא גֶעפִינֶן דֶען עֶס אִיז פַר הַאנְדֶן אֵיין חוֹדֶשׁ
וָוס זִיא שְׁלָאפְט דֶעם גַאנְצֶן חוֹדֶשׁ דֶענְסְט מָאל
קֶען מֶען זִיא חַאפֶּן אַזוֹ אִיז אוֹךְ צוּ יִשְׂרָאֵל וָוארֶן
אָן גֶעבְּרֵייט אֵיין חוֹדֶשׁ דֶם אִיז אָב וָוס אִיר וֶועט
אִין אִים גֶעפִינֶן וֶוערִין (מִנְעִי רַגְלֵךְ מִיָּחֵף) מַיינֶע
נְבִיאִים הָאבֶּן דִיר גֶעזָאגְט דוּ זָאלְסְט נִיט דִינֶן
קֵיין ע"א כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִיט דַארְפֶן גֵיין בָּארְפִּ'ס
אִין גָלוּת זָאלְסְט נִיט שְׁטַארְבֶּן פַאר דָארְשְׁט אוּנ
דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט אִיךְ בִּין מִיךְ מְיַיאֵשׁ פוּן דִי רֵייד
פוּן דִי נְבִיאִים אוּנ וֶועל זֵיי נִיט הֶערִין וָוארוּם אִיךְ
הָאבּ פְרֶעמְדֶע אָפּ גֶעטֶר אוּנ נָאךְ זֵייא וֶועל אִיךְ
גֵיין (כְּבוֹשֶׁת גַנָּב כִּי יִמָּצֵא) אַזוֹ וִויא אַגַנָב וֶוערְט
פַר שֶׁעמְט אַז מֶען גֶעפִינְט אִים דֶם עֶר הָאט דֶם
עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעגַנְבִיט דֶם עֶר הָט אִים בִּיז אַהֶער
גֶעהַאלְטֶן פַאר אַבַּגְלֵייבְּטֶן מֶענְשֶׁן אַזוֹ זֶענִין פַאר
שֶׁעמְט גֶעוָוארֶן דִיא יִשְׂרָאֵל מִיט זֵייעֶרֶע מְלָכִים
אוּנ שָׂרִים אוּנ כֹּהֲנִים אוּנ נְבִיאִים וַוייל מֶען הָאט
זֵיי פַר פְרוּם גֶעהַאלְטֶן אוּנ הַיינְט הָט מֶען גֶעפוּנֶן
דֶם זֵיי דִינֶן ע"א (אוֹמְרִים לָעֵץ אָבִי אַתָּה) זֵיי זָאגֶן
צוּם אָפּ גָאט פוּן הָאלְץ דוּ בִּיסְט מַיין פָאטֶר אוּנ
צוּ אֵיין אָפּ גָאט פוּן שְׁטֵיין זָאגֶן זֵיי דוּ בִּיסְט אוּנְזֶר
מוּטֶר דוּ הָאסְט אוּנְז גֶעוִוינֶן אוּנ אַז עֶס אִיז זֵייא
שְׁלֶעכְט זָאגֶן זֵייא צוּ מִיר גָאט שְׁטֵייא אוּף אוּנ
הֶעלְף אוּנְז (אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר עָשִׂיתָ לָּךְ) אוּנ וואוּ
זֶענִין דַיינֶע גֶעטֶר וָואס דוּ הָאסְט דִיר גֶעמַאכְט
לָאזֶן זֵייא אוּף שְׁטֵיין אוּבּ זֵייא וֶועלִין דִיר קֶענִין
הֶעלְפֶן פוּן דַיין שְׁלֶעכְטִיקַייט (כִּי מִסְפַּר עָרֶיךָ הָיוּ
אֱלֹהֶיךָ יְהוּדָה) דֶען דוּ יְהוּדָה הָאסְט אַזוֹ פִיל ע"א
וִויא פִיל שְׁטֶעט דוּ הָאסְט אִין דַיין לַאנְד אִין
אִיטְלִיכֶר שְׁטָאט הָאסְטוּ אֵיין אַנְדֶרִין ע"א דִיא
פְּסִיקְתָּא שְׁרַייבְּט פִיר זֶענִין וָואס הֶערִין וָוס מֶען

זָאגְט אַטֵייךְ הֶערִין צוּ וָוס מֶען זָאגְט זֵיי אוּנ הָאבֶּן
שָׁארֶן דֶר פוּן אַזוֹ וִוי מִיר גֶעפִינֶן בַּיי אָדָם הָרִאשׁוֹן
עֶר הָט צוּ גְהֶערְט וָוס זַיין וַוייבּ הָט אִים גֶעזָאגְט
אוּנ הָט גְגֶעסֶן פוּן דֶעם עֵץ הַדַעַת אוּנ הָט שָׁארֶן
גְהַאט דֶר פוּן דָם עֶר הָט גֶעמוּזְט שְׁטַארְבֶּן דָאס
אַנְדֶרִי אִיז עֶר הֶערְט צוּ אוּנ הָט רֶוַח אַזוֹ וִוי מִיר
גֶעפִינֶן בַּיי אַבְרָהָם דָם גָאט הָט צוּ אִים גֶעזָאגְט
וָוס שָׂרָה וֶועט דִיר זָאגֶן זָאלְסְטוּ זִיא צוּ הֶערִין אוּנ
אַבְרָהָם הָט דֶר פַר שְׂכַר גְהַאט וָואס עֶר הָאט צוּ
גְהֶערְט זַיין וַוייבּ דָם דְרִיטֶע אִיז עֶר הֶערְט נִיט צוּ
אוּנ גֶעוִוינְט דוּרְךְ דֶעם אַזוֹ וִויא מִיר גֶעפִינֶן בַּיי
יוֹסֵף הַצַדִיק דָם עֶר הָאט נִיט גֶעוָואלְט צוּ הֶערִין
צוּ זַיין הַארִינְם וַוייבּ צוּ לִיגֶן בַּייא אִיר אוּנ גָאט
הָט אִים דֶער פַר שְׂכַר גְגֶעבֶּן דֶם פֶערְדֶע אִיז עֶר
הֶערְט נִיט צוּ אוּנ הָט שָׁארֶן דוּרְךְ דֶעם אַזוֹ וִויא
יִשְׂרָאֵל וָואס וִוילֶן נִיט צוּ הֶערִין וָואס דִי נְבִיאִים
זָאגֶן זֵיי אוּנ גָאט וֶועט זֵיי דֶער פַר שְׁטְרָאפֶן (כֹּה
אָמַר יְיָ מַה מָּצְאוּ אֲבוֹתֵיכֶם בִּי עָוֶל) רַבִּי יִצְחָק
זָאגְט וֶוען מֶען לֵיינְט אִין שִׁיל אוּנ אַמֶענְשׁ לָאזְט
אַוֶועק דָם לֵיינֶן אוּנ גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער שוּל אַזוֹ
זָאגְט גָאט וָוס פַר אֵיין אוּם רֶעכְט הָאט אִיר אִין
מִיר גֶעפוּנֶן דָם אִיר הָאט אַייךְ אַוֶועק גְקֶערְט פוּן
מִיר דֶען עֶס אִיז אַגְרוֹסֶע עֲבֵירָה אַרוֹס צוּ גֵיין
פוּן דֶר שִׁיל וֶוען דִי סֵפֶר תּוֹרָה אִיז אוֹפֶן אוּנ דְרַיי
זֶענִין גְוֶוען אִין דֶער צַייט וָוס הָאבֶּן גֶעשְׁטְרָאפְט
דִיא יִשְׂרָאֵל יִרְמְיָה פְלֶעגְט זֵיי שְׁטְרָאפֶן אוּף דִיא
גַאסֶן אוֹפֶן בַּאר אוּנ צְפַנְיָה פְלֶעגְט זֵייא שְׁטְרָאפֶן
אִין דִי שִׁילֶן אוּנ דִיא נְבוּאָה חוּלְדָה פְלֶעגְט דִיא
וַוייבֶּר שְׁטְרָאפֶן אוּנ דָאךְ זֶענִין יִשְׂרָאֵל נִיט פְרוּם
גֶעוָוארֶן דִי מְכִילְתָּא שְׁרַייבְּט גָאט הָט דִי יִשְׂרָאֵל
גֶעפִירְט אִין דֶער מִדְבָּר וָוס עֶר אִיז אַכְט הוּנְדֶרְט
מַייל דִיא לֶענְג אוּנ עֶס זֶענִין אִין אִים גְרוֹסֶע
שְׁלַאנְגֶן אַזוֹ וִוי דִיא בַּאלְקִינְם אוּנ גָאט הָאט אַלֶע
גֶעטֵייט פַאר יִשְׂרָאֵל אוּנ אִיר הָאט דָאס אַלְץ פַר
גֶעסֶן עֶס אִיז דָא אַשְׁלַאנְג וָוס הֵייסְט עֶכֶם וָואס
עֶר דֶער זֶעהְט אַפוֹגֶעל פְלִיהֶן אוּנְטֶר דֶעם הִימֶל
לָאזְט עֶר אִים אַגִיפְט מִיט דֶער רְאִיָה אוּנ עֶר
פַאלְט אַרָאפּ שְׁטִיקֶר וַוייס פוּן דַאנֶן קֶען מֶען
זֶעהְן דָם חֶסֶד וָוס גָאט הָט גְטָאן אִין דֶער מִדְבָּר
דָאס עֶר הָט גֶעטֵייט דִי שְׁלַאנְגֶן פַר יִשְׂרָאֵל רַבִּי
אַבָּא זָאגְט אַז אֵיין מֶענְשׁ אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶן אִין
אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּף אֵיין בַּארְג הָט עֶר דֶר זֶעהְן אַזוֹ
אַשְׁלַאנְג לִיגֶן אוּנ שְׁלָאפֶן אוּנ פַר גְרוֹס פַּחַד זֶענִין
אִים דִי הָאר אוּם גֶעקְרָאכֶען אוּנ מֶען הָאט אִים
גֶערוּפֶן אוּם גֶעפְלִינְטֶר אַלֶע זַיינֶע טֶעג אוּנ דִיא
שְׁלַאנְג זָאל אִים גְוֶוען דֶר זֶעהְן וָואלְט דֶר מֶענְשׁ
שְׁטִיקֶר וַוייס צוּ פַאלֶן: